STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06071

GEKLIBENE ERTSEHLUNGEN

Berl Botwinik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. באַטוויניק

געקליבענע ערצעהלונגען

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון
ב. באַטוויניק'ס פאַמיליע, מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע שרייבער
און ראַקאָווער ברענטש 428 אַרבעטער־רינג
ניו יאָרק, 1948

Copyright 1948 by
REBECCA BOTWINIK
New York

200

געקליבענע
ערצעהלונגען

אינהאַלט:

זייט

בעטי — 7
אַ בחור מיט געלט — 85
אַנקעל סעם — 92
דער טרוים וואָס ווערט פאַרווירקליכט — 109
מאַרטאַ'ס געהיימניס — 119
זי איז געבליבען אַן אלמנה — 139
זיין שטראָף — 144
דער אומוויכטיגסטער — 149
די, מיט וועלכע ער האָט בישט חתונה געהאָט — 153
מרס. גלעזערמאַנ'ס קופערט — 160
אַ שוסטער פאַר אַ מאַן — 164
יאַנקעל — 169
ער און זי — 172
זיי האָבען זיך גע'גט — 174
מרס. מאַלקינ'ס ענטוישונג — 193
זי האָט שוין אַ באַי — 197
דער לעצטער בחור — 201
איהר פאַפירענער מאַן — 205
לעאָנאַרד האָט זיך דערשראָקען — 210

בעטי

1.

געוועהנליך, אַז בעני טעמקין פלעגט קומען פאַרנאַכט אַהיים, פלעגן איהם די קינדער באַגעגענען אין דרויסען מיט געוויין, און זיין פרוי, בעטי, פלעגט ער אין הויז ניט טרעפען: אָדער זי איז נאָך פון ערגעץ ניט געקומען, אָדער זי איז נאָר וואָס אַוועק אויפ'ן אָוועגט און געהיי־סען די קינדער וואַרטען אויפ'ן פּאַפּאַ.

זי פלעגט מיט אַלערליי תירוצים זיך אַרויסדרייען פון הויז אויף אַ ווײַלע, בלויז אויף אַ ווײַלע, און קומען פלעגט זי ווען דער מאַן און די קינדער זיינען שוין געשלאָפען. תירוצים האָט זי געהאַט אַלערליי, און קריגערייען זיינען געווען אַלערליי.

איינמאָל איז פאָרגעקומען גאָר אַ שטאַרקער צוזאַמענשטויס, און זי איז אַ פּאָר וואָכען נאָכאַנאַנד כמעט יעדען אָוועגט געווען אין הויז, ווייל זי האָט איהר אָוועקגעהן געגומען אַראַנזשירען אַז עס זאָל אויסקו־מען אומבאַמערקט. אַמאָל איז זי ניט געווען בייטאָג, און געאײַלט צו קומען אַ היים איידער דער מאַן איז אָנגעקומען, און אַמאָל איז זי שפּעטער, אַ זייגער ניין, אַרויסגעגאַנגען דאָ אַרום הויז אויף אַ שפּאַציר.

אין די דאָזיגע פּאָר וואָכען, אַ שבת אָוועגט, איז מיסטער טעמקין געקומען שפּעט, און ער האָט דוקא דערוויסט זיין פרוי אין דער היים. ס'איז שוין געווען באַלד אַכט אַ זייגער. אַלע שבת פאַרשפּעטיגט ער זיך, און דעם שבת האָט ער זיך נאָך מעהר פאַרשפּעטיגט. ער איז געווען אַ קאָנטראַקטאָר פון קינדער־מאַנטלען; ער האָט געהאַט אַ קליינע שאָפּ־קעלע, און ס'האָט גענומען לעצטענס געהן גאַנץ נישקשה'דיג. ווען די פּאָר אַרבייטער פלעגען שבת אָוועקגעהן איינס אַ זייגער, פלעגט ער בלייבען אין שאָפּ ביז פאַרנאַכט. דאָס מאָל איז ער פאַרבליבען שפּעטער ווי געוועהנליך.

די וואָך איז איהם אין די ביזנעס געגאַנגען זייער גוט. געהענדיג אַהיים, האָט ער גע'חשבונ'ט זיינע פאַרדינסטען, געמאַכט זיינע פּלענער פאַר דער קומענדער וואָך, און פיהלענדיג הונגעריג, האָט ער מיט אַפּעטיט געטראַכט וועגען דעם סאָפּער פון דער היים.

ער איז אַריין אין הויז, געטראָפן זיין פרוי און קינדער אין דער היים; אויפ׳ן טיש אין דאַיינינג רום איז געווען געגרייט דער טיש מיט עסענס אַלערליי, וועלכע האָבן צו איהם אַפּעטיטנע געוואונקען.

איידער ער האָט געענדיגט זיך איינוואַשען, איז איידא דראַבקין אַריינגעקומען. איידא איז מיסעס טעמקינ׳ס אַ יוגענד חבר׳טע.

מיסטער טעמקין האָט אָט דער איידא׳ן קיין מאָל ניט געגליכען. ער פלעגט איהר שטענדיג אַריינזאָגען שטעכווערטלאך, און זי האָט זיך קיין מאָל ניט באַליידיגט.

איידא איז אַריינגעקומען מיט אַן איילעניש און מיט אַ טומעל. זי איז געקומען רופען מיסעס טעמקין זעהן די מואווי מיט עמיל דזשע־נינגס; די מואווי ווערט געצייגט בלויז היינט, און מען מוז זיך צואיילען. אַזוי האָט זי ערקלערט גלייך ביים אַריינקומען, און גענומען איילען מיסעס טעמקינ׳ען זי זאָל וואָס שנעלער געהן.

ווען טעמקין איז צוגעקומען צום טיש, האָט שוין זיין פרוי געהאַל־טען איהר מאַנטעל אין האַנד צום אָנטאָן זיך.

— דו געהסט טאַקע אין די מואוויס? — האָט בעני געפרעגט ענ־טוישט.

— דאָס איז דער לעצטער טשענס, מיסטער טעמקין — האָט איידאַ געזאָגט פאַרפלאָמט — היינט איז דער לעצטער אָווענט וואָס מען ווייזט די פּיקטשור.

טעמקין האָט בייז אַ קוק געטאָן צו איידא׳ן און געזאָגט איבער־קרימענדיג:

— דער לעצטער טשענס, שטענדיג קומט איהר ווען ס׳איז דער לעצטער טשענס.

— מיסטער טעמקין, — האָט איידא צו איהם קאָקעטיש געשמיי־כעלט און אַ קלאַפּ געטאָן איהם איבער׳ן פּלייצע, — איהר האָט מיר גאָרניט אַזוי פיינט ווי איהר מאַכט זיך.

— ווּעמפּ איהם, וועמפּ איהם, — האָט בעטי געזאָגט צו איידא׳ן, — גיב איהם אַ וועמפּ.

און אָט אַזוי מיט אַ געמאַכטער ביזי און מיט אַ געמאַכטען געלעכ־טערל זיינען זיי אַוועק זעהן די מואווי.

טעמקין האָט ניט געוואָלט מאַכען קיין סקאַנדאַל, קיין פאַרדרעהעניש. עס האָט איהם ניט געפּאַסט פאַר איידא׳ן. ער האָט געוואוסט אַז זיין בעטי וועט איהם אָפּענטפערען דאָס פאַר צוויי וואָכען צייט זיצען אין הויז

מיט די קינדער מעג זי אַמאָל אַרויסגעהן זעהן אַ מואווי מיט אַ פריינדינע. און אײדא איז געקומען עפּעס אַזוי פלוצלונג.

ער איז געבליבען זיצען ביים טיש איינער אַליין, די קינדער האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַרום טיש, און זיין אַפּעטיט איז פאַרגאַנגען. דער מאָגען איז געווען הונגעריג, אָבער דאָס מויל האָט ניט געוואָלט עסען. ער האָט גענומען אַביסעל אין מויל אַריין, קוים מיט צרות אַרונטערגעשלונגען און געלאָזען דאָס עסען שטעהן אויפ'ן טיש.

די קינדער, רוטהי, אַ מיידעלע פון 8 יאָהר, און לואי, אַ אינגעלע פון פינף יאָהר, האָבען זיך גענומען פונאַנדערלעגען מיט זייערע שפּילצייג איבער'ן הויז. רוטהי האָט אַוועקגעזעצט איהר גרויסע ליאַלקע אויף אַ שטוהל און זיך געשפּילט מיט איהר אין סקול. די ליאַלקע איז געווען דאָס קינד וואָס געהט אין סקול, און זי, רוטהי, איז געווען די לעהרערין, נאַטירליך. לואי האָט זיך גענומען צו זיין פייער אינדזשין און אַרומגערודערט מיט דעם איבער אַלע צימערען.

בעני טעמקין איז געזעסען ביים טיש אַ דערשלאָגענער, אַ געפּאַלענער. ער האָט פּלוצלונג איינגעזעהן אַז מען האָט איהם דאָ ערשט אָפּגענאַרט. ער האָט גענומען פאַרשטעהן אַז אײדא'ס פּלוצלונגער אַריינקומען מיט אַ געשריי וועגען דער מואווי איז ניט געווען פּלוצלונג. זיין בעטי איז געווען פון פריהער אויסגעפּוצט, און זי האָט ערוואַרט אײדאַ'ן, אָפּגערעדט מיט איהר אַז זי זאָל קומען מיט אַ ביזי רופען איהר.

ער האָט שוין איינגעזעהן אַז דער אַנשטעל מיט'ן פּלוצלונגען אַריינקומען איז, הייסט עס, געווען בלויז פאַר איהם, איהם אָפּצונאַרען, צוטומלען איהם.

הייסט עס, אַז זי פּראָוועט ווידער די זעלבע שטיק, האָט ער געטראַכט. הייסט עס, אַז זי איז גאַרניט אַוועק זעהן אַ מואווי, יעדענפאַלס איז זי אַוועק ניט בלויז מיט אײדאַ'ן.

ער האָט זיך געפיהלט קליין און געפאַלען. מען האָט איהם ווידער אָפּגענאַרט. ער איז געווען אין כעס אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט ניט געמאַכט קיין סקאַנדאַל. עפּעס איז איהר הייניגער אַוועקגעהן געווען פיל געמיינער ווי אַלע מאָל; עפּעס ווי אַ פויער האָט מען איהם דאָ אָפּגענאַרט.

יעדע ווײלע איז לואי'לע צוגעלאָפען צום פּאַפּאַ און געבעטען אַנדרעהען דעם ספּרינג פון דעם פייער־אינדזשין, אַז דער פייער־אינדזשין־וואַגען זאָל לויפען.

ווען טעמקין האָט געדרעהט דעם פייער־אינדזשין, איז דאָס קינד גע־

שטאַנען אײַנגעקלעפּט אין זײַנע קניע, און דער פֿאָטער האָט באַטראַכט דעם אינגעלע׳ס קעפּעל און געטראַכט קללות אויף דער מאַמע׳ן, אויף בעטי׳ן.

ער איז אָפּגעזעסען אין דײַנינג רום מיט זיך אַליין אַרום אַ שטונדע צײַט, און די קינדער האָבען גענומען שטאַרק שטיפען און שלאָגען זיך. ער האָט זיי אַרײַנגענומען אין דײַנינג רום, געבעטען זיי טרינקען מילך און גענומען זיי שלאָפען.

מיט דעם אינגעלע האָט ער זיך צוגעלעגט אין בעט; לואי האָט געוואָלט האָבען דעם פּאַפּאַ לעבען זיך.

טעמקין האָט זיך צוגעלעגט אין די זאַכען. דער אינגעל האָט גע־שטיפט, געדרעהט אַ מח, און דער פֿאָטער האָט ניט געוואוסט ווען דאָס קינד איז אײַנגעשלאָפען.

אַז טעמקין האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שווערען קאָפּ, האָט ער געזעהן ווי לואי׳לע ליגט צו־וואָרפען מיט די פיסלעך און הענטלעך איבער׳ן בעט אין אַ טיפען שלאָף.

ער האָט זיך שטיל אָװעקגערוקט פון דעם קינד, אַרויסגעגאַנגען פון שלאָף־צימער; עס איז געווען אַ פערטעל צו עלף דער זייגער. ער האָט באַשלאָסען צו וואַרטען אויף איהר, וואַרטען און זעהן איהר אָנקו־מען, און פרעגען איהר וואָס האָט זי איצטער צו זאָגען.

די דאַינינג רום איז געווען באַלויכטען ווי ער האָט געלאָזען ביים נעמען די קינדער שלאָפען. אויפ׳ן פלאָר איז געלעגען לואילע׳ס פּייער־אינדזשען איבערגעקערט מיט די רעדלעך אַרויף; רוטהי׳ס ליאַלקע איז געזעסען אויף אַ שטוהל, וועלכער איז געווען אַרומגעוואָרפען מיט פּאַפּירלעך, און אויפ׳ן טיש איז געשטאַנען דאָס עסען, אַרום וועלכען עס האָבען אַ פּאָר עלענדע פליגען אַרומגעבלאָנדזשעט. איהם האָט זיך געוואָלט עסען, אָבער ער איז גע־ווען צו׳כעס׳ט, און פאַר כעס האָט ער פּאַררויכערט אַ סיגאַרעט. פון אַ גאַנ־צען טאָג ניט עסען, האָט איהם דער סיגאַרעט ניט פּאַליובעט, און עס האָט זיך איהם פאַרדרעהט דער קאָפּ. ער האָט דעם סיגאַרעטעל אָװעקגעלעגט. ער האָט גענומען פאַרזוכען פון דעם עסען, פון די קאַלטע טשיקען, פון די סעמאָן, פון די גרינס. קיין סך האָט ער ניט געגעסען; ער האָט בלויז פאַרזוכט צו ביסלעך. איהם האָט זיך געוואָלט איבערלאָזען דאָס עסען; עפּעס אָפּטאָן איהר; זאָל בלייבען איהר סאַפּער; ער וויל ניט עסען איהר סאַפּער.

ער איז אַריין אין דער טונקעלער פראָנט רום, אָנגעצונדען דעם שטע־הענדיגען פאַרדעקטען לאָמפּ, אַװעקגעלעגט זיך אויף דעם קאָוטש און פאַר־וואָרפען די פיס אַריבער דער ווענטעל פון דעם קאָוטש.

ער האָט דערהערט טריט אין קאָרידאָר, פרויען טריט. ער האָט זיך דערפרעהט.

ער איז נייגעריג געווען אַז זי זאָל קומען; זי זאָל זיין דאָ. ניין, ס'איז ניט געווען בעטי; די טריט זיינען אַרויף אויף אַ פלאָר העכער.

ער איז אויף זיך אַליין אין כעס געוואָרען, וואָס אָט דאָ ערשט ביים גע־דאַנק אַז בעטי געהט איז פון איהם זיין צאָרן געגען איהר כמעט ווי פאַר־שוואונדען.

ניין, האָט ער זיך גענומען קריגען מיט זיך אַליין, ער וועט היינטיגען מאָל איהר ניט דורכלאָזען, ער וועט איהר היינט ניט שענקען.

ער האָט ווידער פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, און דער סיגאַרעט האָט איהם דוקא גוט געשמעקט.

ער האָט געקוקט איבער דער פראָנט רום, און יעדער שטיקעל מעבעל, יעדער קישעלע, די וועגד, האָבען איהם דערמאָנט אָן איהר הענגען זיך אויף באָקאַנטע מענער, ווען עס זיינען פאָרגעקומען פאַרטיס. ער האָט זיך דער־מאָנט אָן די ערגערניש און קריגערייען מיט איהר, וואָס ער האָט דאָ געהאָט, אָט דאָ אין דעם צימער. יעדע זאַך פון זיין צימער איז געווען אַן עדות פון זיין ווייב'ס פאַלשקייט, פון זיין אָפגענאַרטען פאַרהייראַטען לעבען. און די שכנים ריידען. מען קוקט אויף איהם.

ער האָט אויף איהר געוואַרט. ער האָט אויף איהר געוואַרט ווי אַ צורייצ־טער לייב וואַרט מיט אָנגעשטרענגטע אויגען און מוסקולען אויף זיין רויב.

ער האָט איבערגעטראַכט, און אין הארצען, מיט ווערטער, פילע רעפע־טיציעס געמאַכט, ווי ער וועט אָנפאַנגען, מיט וועלכע ווערטער ער וועט איהר נעהמען אויף אַ שטרענגען פאַרהער. ער האָט אויך אויסגערעכענט וואָס זי וועט ענטפערען אויף זיינע פראַגען, און וואָס ער וועט אויף איהרע ענטפערס ענטפערען.

ער איז אַזוי געלעגען אויף דעם קאָוטש, געערגערט זיך, און געפיהלט אַן אמת'ע בעפרידיגונג פון זיין ערגערען זיך, פון זיין כעס; איהם האָט הנאה געטאָן וואָס ער וועט מעהר ניט דאַרפען זיין דער נאַרעלע, ווי ער איז עס שטענדיג געווען.

ביז אַזייגער צוויי האָט ער זיך אַזוי געלאָזען אויפגעפרעסען צו ווע־רען פון אייפערזוכט און האָט געוואַרט.

ער האָט דערהערט טריט לעבען סאַמע טיר, און גלייך האָט אַ שליסעל זיך גענומען דרעהען אין טיר. דער שליסעל האָט זיך אומגעדרעהט אין שלאָס ווי פון אַ נערוועזער ניט געניטער האַנד. די טיר האָט זיך געעפענט שטיל

און פאַרזיכטיג, און זי איז געבליבען שטעהן איבעררעשט פון דער ליכטיג־קייט אין דעם אַפּאַרטמענט.

טעמקין איז שוין געזעסען אויפ'ן קאָוטש און געקוקט. ער האָט איהר געזעהן אַריינקומען אין דער באַלויכטענער דאַיינינג רום. זי האָט געטראָגען איהר ליכטיגע געפּרינטעטע קליידעל, די ווייסע העטקע, און דעם אויסגע־שטריקטען פּאַקעט בוך. זי האָט אַוועקגעלעגט דעם פּאַקעט בוך אויפ'ן טיש און באַקוקט פאַרוואונדערט די ביט־געגעסענע שפּייז, וואָס איז געבליבען שטעהן אויפ'ן טיש, און זי האָט גענומען אַרומוואַנדערן מיט איהרע אויגען איבער די רומס.

זי האָט איהם דערזעהן אין פראָנט־רום און גענומען געהן לאַנגזאַם צום פראָנט רום. טעמקין איז איהר אַנטקעגען געקומען און זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און געפרעגט מוטערליך פאַרזאָרגט: — דו שלאָפסט נאָך ניט?

— אין די מואוויס ביזטו געוועזן? — האָט ער איהר געפרעגט און זיין פּנים איז געוואָרען בלאַס און אויסגעקרימט.

דערזעהענדיג זיין פאַרצאַרענטקייט, האָט זי גלייך געמאַכט אַ שטרענ־גען אויסזעהן און געענטפערט:

— און אַז אין די מואוויס, געפעלט דיר ניט?

— אין די מואוויס? — האָט ער מיט אַ ווילדען געשריי ווידער איבער־געפרעגט חוזק מאַכענדיג.

— זעה נאַר, — האָט זי געזאָגט אומקערענדיג זיך צום געהן צום שלאָף־צימער — איך וועל איהם איצט נעהמען אָפּגעבען רעכנונג וואו איך בין געוועזן; אַ נייער בעל הבית אויף מיין קאָפּ.

זי האָט דאָ גענומען איהר געוועהנליכע וואָפע: ווען דער שמייכעל האָט ניט געווירקט, אַרויפוואַרפען אויף איהם אַ מורא. זי האָט געקענט איהר מאַן ווי יעדער טריינער קען זיין לייב. עס פּאַסירט אָבער, אַז דער לייב פאַר־געסט גאָר אַז ער דאַרף מורא האָבען פאַר זיין טריינער, און דאָס האָט פּאַסירט דאָס מאָל מיט טעמקינ'ען.

ער האָט פריהער אויסגע'חשבון'ט, רעפּעטירט, וואָס ער וועט איהר זאָגען, אָבער אַלע רעפּעטיציעס זיינען פאַרלוירען געגאַנגען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. ער איז געוועזן צו־ווילדעוועט, געפיהלט אַז ער דאַרף עפּעס טאָן געגען איהר סקאַנדאַליעזעס, אַז זי זאָל געדענקען. ער האָט איהר אָנגעכאַפּט מיטביידע הענד פאַר איהרע אַקסלען. זי האָט פון אָנפאַנג געמיינט, אַז ער מאַכט אַ באַוועגונג צו בעטען זיך ביי איהר, און זי האָט געוואָלט שפּי־לען די ראָלע פון אַ ברוגז'ע, האָט זי איהם געוואָלט אָפּשטויסען.

— געה, געה אַוועק! — האָט זי געזאָגט מיט כעס און צו דער זעלבער צייט מיט שעלמישקייט.

ער האָט איהר אָבער אומגעדרעהט צו זיך מיט אַ מאָדנער רציחה, און אַריינגעקוקט איהר אין פּנים ווי אַ משוגענער.

— לאָז מיך אָפּ, — האָט זי געזאָגט שרייענד שטיל, און זי האָט זיך טאַקע דערשראָקען.

ער האָט איהר צוגעשלעפּט צום טיר, אויפגעעפענט די טיר, אַרויסגע־שטויסען איהר אין קאָרידאָר און פאַרהאַקט די טיר אויפ'ן שלאָס.

איהר שליסעל איז געבליבען אין איהר פּאַקעט בוך אין דאַיינינג רום אויפ'ן טיש.

— בעני, — האָט זי פון הינטער'ן טיר געזאָגט שטיל, — בעני, וואָס איז מיט דיר? — און זי האָט שטיל אָנגעקלאַפּט.

ער האָט פון אינעווייניג געמאַכט היסטערישע געשרייען: אַרויס! אַרויס!

זי האָט מורא געהאַט אַז די שכנים וועלען דערהערען, טירען וועלען זיך נעמען עפענען, איז זי דערווילע אַרונטער אין דרויסען.

ער האָט געהערט איהרע טריט אַרונטער די שטיגען.

ער איז צוגעלאָפען צום שלאָף־צימער זעהן צי די קינדער האָבען זיך ניט אויפגעכאַפּט; די קינדער זיינען געשלאָפען.

ער איז געוועזען אין אַ שרעקליכען צושטאַנד, ער האָט זיך געפונען אין אַ מאָדנער, ווילד־פאַרצווייפעלטער שטימונג. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע צימערען, אויסגעלאָשען און אָנגעצונדען די עלעקטריק, אויסגעלאָשען און אָנגעצונדען.

ער האָט קיין זאַך ניט געפיהלט, און ניט געטראַכט. ער האָט באַר איין זאַך געהערט אין זיין געדאַנק — איהרע טריט אַרונטער די שטיגען פון קאָרידאָר.

ער האָט זיך צוגעזעצט ביים טיש אין דאַיינינג רום מיט'ן קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויף די הענד.

ער האָט אַלץ געהערט אין זיין געדאַנק דעם קלאַנג פון איהרע טריט אַרונטער די שטיגען. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון טיש און געהאַט אַ באַ־געהר צו זעהן אויב זי געהט אַרום אין דרויסען אַרום הויז. ער האָט געגלויבט אַז זי איז ערגעץ אַרום הויז. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין אַרום הויז, אַרומגעהן אַרום הויז. דער געדאַנק אַז זי איז אַרום הויז ניטאָ, אַז זי איז ער־געץ אַוועק, איז איהם געווען אונהיימליך.

ער האָט אָבער צום דרויסען ניט געקענט אַרויסקוקען. דער אַפּאַרטמענט

איז געווען צום יאַרד. ער האָט אַ באַגעהר געהאַט, אַז זי זאָל אַרויפקומען און קלאַפּען אין טיר. דאָס בילד, אַז זי טוט דאָס, איז איהם געווען זייער אָנגענעם. אַט קלאַפּט זי און ער עפענט די טיר; זי איז דאָ, זי איז דאָ; ער קריגט זיך מיט איהר און ס'איז איהם היימליך, ס'איז איהם זאַגאַר גוט; זי איז דאָ.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער, נאָך דריי אַזייגער.

ער האָט זיך גענומען צוהערען צום טיר, ניק, קיינער איז דאָרטען ניט געשטאַנען; זי איז ניט געווען.

ער איז אַרונטער שטיל און שנעל די שטיגען.

ער האָט איהר אין דרויסען ניט געפונען.

ער איז געגאַנגען ביז'ן קאָרנער פון גאַס, געקוקט ביז אַ פיגור פון ווייטען איז צוגעקומען נאָהענט. ס'איז ניט געווען בעטי.

ער איז אַריין צוריק אין קאָרידאָר, אומגעקערט זיך, געקוקט ווידער אין דרויסען, ווידער געגאַנגען ביז'ן קאָרנער, ניטאָ איהר.

ער איז אַרויף די שטיגען לאַנגזאַם און שטיל.

ער איז אַריין אין הויז, צוגעמאַכט די טיר ניט אויפ'ן שלאָס, און אַוועקגעלעגט זיך אין בעט אין די זאַכען, מיט די שיך.

מיט אַ שווערקייט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווען עס איז שוין געווען ליכטיג, געקוקט איבער די צימערען, זי איז ניט געווען אין הויז.

די קינדער האָבען געשמאַק געשלאָפען.

.2

בעטי טעמקין איז געווען אַ וויבעל מיט אַ גלאַנץ; אַ בליאַסקעדיגע וויבעל, אויף וועלכער יעדער מאַן האָט ניט געקענט פאַרפעלען צו וואַרפען אַ בליק.

אויסרעכענענדיג בעטי'ס יעדען אבר באַזונדער, וואָלט דער חשבון ניט געשטימט אַז זי איז געווען אַ שיינע.

באַטראַכטענדיג יעדען גליד איהרען, האָט מען איהר געמוזט פאַראורטיילען אַלס ניט קיין שעהנע, אָבער אַלעס צוזאַמען איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון אַ וויבליכער בליאַסקעדיגער צוגעלאָזענער פרויקע. אַלעס האָט זיך עפּעס אַריינגעפּאַסט מיט אַ געוויסען רייץ, און איהרע טיפע איינגעגראָבענע אויגען זיינען געווען פלינקע, וואָס האָבען ווי אַט ערשט אייך אַ טשעפּע געטאָן, אַראָפּ'געגנב'עט אַ שעלמישען קוק פון אייך.

איהר ראָזאָווער פּנים פון נאַטירלעכען בליהען און איהר גענזועלדיגע ווייכע פיגור איז געווען אין אַ שטענדיגער רירעוודיגקייט, אַ רירעוודיגקייט

און אַ קלעפּעניש צו יעדען, צוגעלאָזען צו יעדען, און געצויגען זיך דאָרט ווי אויגען האָבען געררופען. דאָס איז געווען אַזאַ ווייבעל, וואָס אַז מען האָט איהר דערזעהן, האָט מען גלייך געטראַכט מיט אַ פּראַגעצייכען, ווער איז איהר מאַן? און ווען מען האָט דערזעהן איהר מאַן, איז מען איבערראַשט געוואָרען וואָס ער זעהט דוקא ניט אויס ווי אַ כניאָק.

דער הויפּט רייץ איז אין איהר געווען וואָס זי האָט געזוכט אויפצורייצען. ווען זי האָט זיך געפונען אין געזעלשאַפט פון מענער, האָט פון איהר געשלאָגען אַ געלוסטיגקייט ווי אַ פּאַרע פון אַ זידענדען סאַמאָוואַר. ווען זי האָט זיך געפונען אין געזעלשאַפט פון מענער, האָט איר גוואַלדיג הנאה געטאָן וואָס זי לעבט אויף דער וועלט, וואָס זי איז בעטי און וואָס מען קוקט אויף איהר.

מענער, ווי ערנסט און אומעטיג זיי זאָלען ניט זיין, טראַכטען ניט פון דעם וועלט שמערץ אין דער געגענוואָרט פון אַזאַ פרויקע. זי איז געווען באַוואוסטזיניג וועגען דעם, און זי האָט כסדר אַרויסגעקייקעלט געלעכטערלעך, פאַרגאַנגען זיך מיט אַ קוויטשעלע און הנאה געהאַט צו הערען איהר אייגענעם לאַכען.

ניט אַלע יאָהרען האָט בעטי אויסגעזעהן אַזוי באַ׳טעמ׳ט.

אַלס קינד איז זי ניט געווען קיין שעהנע מיידעלע. ווען אָבער זי איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר פופצעהן־זעכצעהן, האָט זי זיך צובליהט. די יונגע פרוי האָט פון איהר אַרויסגעשפּראָצט. דאַן האָבען יונגע בחורים׳לעך זיך גענומען ראַיען אַרום איהר ווי ביהנען אַרום האָניג.

די מוטער איהרע פלעגט די יונגעלייטלעך פשוט טרייבען. זי האָט געשריען אַז זי וועט זיי מיט הייסע וואַסער אָפּגיסען. די מוטער האָט מורא געהאַט צו לאָזען בעטי׳ן געהן מיט די אינגלאַך.

ווען בעטי איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר ניינצעהן־צוואַנציג, איז זי דאַן געוואָרען דאַרער און בלאַסער; איהר היבשער נאָז האָט זיך צופיעל גענומען אָנזעהן אויף איהר פּנים.

פון די אַמאָליגע אינגלעך האָט זיך קיינער ניט באַוויזען. די פּאָר יונגעלייט, מיט וועמען בעטי האָט זיך געקענט, זיינען זעלטען געקומען. זיי זיינען שוין געווען ערוואַקסענע בחורים, און האָבען זיך שוין געהאַלטען מיט אויסגערעכענטקייט.

עפּעס איינער, לואי, האָט זעהר געוואָלט אויסגעהן מיט בעטי׳ן, אָבער ער איז איהר ניט געווען צום האַרצען און איז אויך ניט געווען צום האַרצען די עלטערען. פון צוואַנציג יאָהר אַלט אָן האָבען די חדשים און יאָהרען גענומען צו־שטאַרק אײלען זיך, און די מוטער האָט זיך געפיהלט פאַרזאָרגט.

בעטי איז געווען די עלטסטע קינד; אונטער איהר זיינען געווען צוויי אינג־לעך, שוין ערוואַקסענע בחורים׳לאַך, זעכצעהן יאָהר און אַכצעהן יאָהר אַלט. אויסער וואָס די מוטער האָט געוואָרט מיט אומגעדולד אויף אַ באַ־שערטען פּאַר בעטי׳ן, האָט איהר געשראָקען אַ געדאַנק, דאָס איינער פון די זיהן, אָדער חלילהביידע, זאָלען ניט חתונה האָבען פריהער פאַר דער טאָכטער.

אַז בעטי איז אַריבער דעם דריי און צוואַנציגסטען יאָהר, האָט זיך אין הויז געפיהלט אַ טרויער. דער טרויער פון דער מאַמען האָט בעטי׳ן גע־דריקט. אַ מאָדנער יאָך פון חתונה האָבען האָט זיך אויף איהר אַרויפגעדריקט. זי איז געווען ערנסט, קיין פונק פון לעבען פון אַ יונגען מענשען האָט זיך אויף איהר ניט געזעהן. תכלית, תכלית, דער תכלית פון קריגען אַ חתן, האָט אַלעמען אין הויז און אויך בעטי׳ן דערשלאָגען.

מיט יעדען יונגענמאַן, וואָס זי האָט זיך באַגעגענט, האָט דער תכלית פאַרטונקעלט די ליבע; דאָס טראַכטען וועגען דעם תכלית פון חתונה האָ־בען, האָט ניט דערלאָזען אַז זי זאָל פיהלען לוסטיג. אַ יונגערמאַן האָט פאַר איהר געהאַט די באַדייטונג ניט אַלס געליבטער, נאָר אַלס אַ שידוך, אַ באַשערטער.

ענדליך האָט זיך געמאַכט דער שידוך מיט בעני טעמקין, אַן ערלי־כער שטילער יונגערמאַן, אַן אַרבייטער, און בעטי האָט חתונה געהאַט.

חתונה געהאַט און זי איז צו איהם געוואָרען אַ גוטע פרוי.

צום יאָהר, האָט זי געהאַט אַ קינד, אַ מיידעלע רוטהי, גלייך נאָך דעם ווי זי האָט אָפּגעהאַט דאָס קינד, האָט זי זיך אויף דאָס ניי פאַרנאַנדער־גע־בליהט פונקט ווי ווען זי איז אַלט געווען 15־16 יאָהר. איהרע טיפע אויגען האָבען גענומען בליאַסקען, אַ נייע ראַזעווידיגקייט האָט זיך צושפּילט אויף איהר פּנים; זי איז געוואָרען קניידעלדיג־ווייבליך, אַ פרויקע מיט אַ גלאַנץ.

גלייך נאָך דער חתונה זיינען ביי איהר אין הויז געווען פּאַרטיס, און זי איז מיט בעני׳ן, איהר מאַן, געגאַנגען צו פּאַרטיס.

זי איז ערשט אַרויס אויף דער וועלט, ווי מען זאָגט. זי האָט גענומען הערען קאָמפּלימענטען. אַ מיידעל וואָס שטעהט אין שידוכים הערט ניט אַזעלכע פרייגעביגע קאָמפּלימענטען פון איהרע באַקאַנטע יונגעלייט, ווי אַ ווייבעל הערט זיך אָן. פאַר אַ מיידעל איז מען אויסגערעכענט מיט אַ קאָמ־פּלימענט, ווייל אַ קאָמפּלימענט מיינט פאַר איהר אַ צוזאָג. אַ ווייבעל אָבער גיט מען פריי קאָמפּלימענטען, ניט ווערענדיג איהר קיין בעל חוב.

די קאָמפּלימענטען האָבען איהר גערייצט, און זי האָט געמאַכט פּאַר־טיס און געגאַנגען צו פּאַרטיס, צו הערען וואָס מעהר קאָמפּלימענטען, צו

ציגען זיך און הנאה האָבען וואָס מען זעהט איהר, וואָס מען שאַרט זיך אַרום איהר סודות׳דיג.

ווען זי איז אַריין אין די גרעסערע מאָנאַטען פון שוואַנגערשאַפט ביז אַ פּאָר מאָנאַטען נאָכ׳ן קינפּעט זיינען קיין פּאַרטיס ניט געווען ביי איהר, און זי איז צו קיין פּאַרטיס ניט געגאַנגען.

אַ פּאָר מאָנאַטען נאָך דער קינפּעט האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען די פּאַרטיס, און מיט מעהר ברען. די נייע פּאַרטיס האָבען געקראָגען זאַלץ און פּעפּער; — בעטי איז אויסען געווען געוויסע פריינד, און געוויסע פריינד זיינען אויסען געווען איהר.

דאַן האָבען זיך אָנגעפאַנגען די פּאַרדרוסען און איפּערזוכט־וועה־טאָגען ביי בעני טעמקין. עס זיינען פאָרגעקומען איבערערדענישען, ברוגז׳ען, ווידער גוטפריינד און ווידער ברוגז, און עס איז געקומען דאָס צווייטע קינד.

אַז דאָס צווייטע קינד איז געקומען, איז טעמקין געוואָרען רוהיגער און זי אומרוהיגער. ער האָט זיך דערפּיהלט זיכערער, וואָס זי איז ווידער פאַרבונדען מיט אַ קליין קינד, און קען ניט אַרויסגעהן פון הויז. בכלל האָט ער זיך דערפּיהלט זיכערער מיט דעם וואָס זי איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער. דאָס האָט געהאַט פאַר איהם אַזאַ סאָרט באַדייטונג, ווי פאַר אַ פּאַרמער וואָס ווייסט, אַז זיינע קיה זיינען צוגעבונדען, און ער שלאָפט רוהיג ווען ער לאָזט זיי אויף דער פּאַשע.

בעטי אָבער האָט נאָך דעם אָפּהאָבען דאָס צווייטע קינד גענומען זיך נאָך מעהר מיידלען און חנ׳דלען.

פּונקט ווי דעם מאַן איהרען האָט געצויגען צו ווערען עלטער, געסע־טעלטער און צו ווערען מעהר בעל־הבית׳יש און זיין אין הויז, אַזוי האָט זי פון נאָך דער חתונה אָן גענומען געהן אויף צוריק. דאָס צווייטע קינד האָט איהר ווי געגעבען אַ וואָרנונג, אַז מען וועט איהר אַט באַלד בינדען און מאַ־כען איהר פאַר אַ הויז־אידענע. זי האָט גענומען נאָך הילכיגער לאַכען, נאָך מעהר חנ׳דלען זיך, נאָך מעהר גנב׳ענען בליקען און צוציהען בליקען מיט איהרע טיפע אויגען. דאָס איז ביי איהר געווען ווי אַ מין וועהרען זיך געגען דער הויז, געגען זיין אַ ווייב. אַ שטענדיגע ווייב צוגעשמידט צו אַ מאַן.

מיט מעהר ענערגיע האָט זי גענומען אויסגעהן, פיהרען באַקאַנטשאַפ־טען; זי האָט ערשט אָנגעהויבען „שטעהן אין שידוכים״. אויף יעדען מאַן, מיט וועלכען זי האָט זיך בעקאַנט, האָט זי געקוקט ווי אַ מיידעל אָדער ווי אַן אלמנה, וועלכע וויל זעהר חתונה האָבען און קוקט אויף יעדען ווי אויף אַ מעגליכען שידוך.

די פּאַרטיס אין הויז האָט זי אויפגעהערט צו מאַכען. איהרע באַקאַנט־

שאַפטען זיינען איצט מעהר ניט געווען יענע בעל הבית׳ישע רעספעקטאַ־בעלע שטוביגע פאַרטשעפּענישען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען ווירקליכע ליבעס. זי האָט גענומען איבערלאָזען טעמקין׳ען אויף אָוונטען מיט די קינדער, און אַליין איז זי „אויסגעגאַנגען״.

טעמקין האָט זיך געוואָרפען, פּראָטעסטירט, און זי פלעגט איהם זאָגען:

— דו זעהסט דאָך, אַז ביידע קענען מיר ניט אַוועקגעהן. מען קען דאָך ניט לאָזען די קינדער אַליין. געה דו אויס אַן אָוונט, און לאָז מיר אויסגעהן אַן אָוונט.

אָבער דאָס דוקא האָט ער ניט געוואָלט. ערשטענס, איז ער געהן גע־ווען צו האָבען איהר אין אָוונט אין הויז מיט איהם, און איהם האָט זיך גאָר ניט געגלוסט אַוועקצוגעהן; ער האָט ניט געהאַט וואוהין צו געהן און ניט געוואָלט געהן. צווייטענס, ער האָט ניט געוואָלט „אויסגעהן״ אום זי זאָל האָבען אַ תירוץ „אויסצוגעהן״. איז ער טאַקע אין ערגעץ ניט געגאַנגען, געזעסען אין הויז און געוואַרט און געהאַפט ביז זי וועט זיך איינזיצען אין הויז. ער האָט זיך אָבער אויף דעם ניט געקענט דערוואַרטען; אַזוי שנעל ווי ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט זי איהם צוואַרפען די קינדער און ניט ווערען. צו יעדען מאָל האָט זי געהאַט אַן אַנדער תירוץ. צו יעדען מאָל גע־מאַכט אַ באַזונדער ביזי אויף אַוועקצואיילען. איידאַ, איהר פריינדינע, אויך אַ ווייבעל וואָס האָט נאָך דער חתונה געוואָלט אָניאָגען דאָס ביסעלע גליק, וואָס זי האָט פאַרזעהן אין די מיידעלשע יאָהרען, איז איהר געקומען צו הילף, און זי איז איידאַ׳ן געקומען צו הילף. טעמקין האָט געוואוסט אַז איידאַ פירט איבער זיין בעטי׳ן, און איידאַ׳ס מאַן איז געווען איבערצייגט, אַז ווען ניט בעטי טעמקין וואָלט זיין איידאַ איהם געווען אַ געטרייע פרוי.

פאַני בראַט איז בעטי געווען מיט יעדען וואָס זי האָט זיך באַקענט, אָבער ליבעס האָט זי געפירט געצעהלטע, טאַקע בלויז מיט אַ דריי פיער, דורך די אַלע יאָהרען נאָך דער חתונה. קיין איבערקלייבערקע איז זי ניט געווען, נאָר זי האָט זיך פאַרפירט מיט אַזאַ, וואָס האָט געהאַט צייט גענוג פאַר איהר. זי האָט דאָך ניט געזוכט קיין תכלית צום חתונה האָבען. זי האָט געזוכט אמת׳ע ליבע.

עס האָבען זיך דאַן אָנגעפאַנגען די יאָהרען, ווען ביזנעסלייט האָבען געשמאַק פאַרדינט, אַרבייטער האָבען געטראָגען צוועלף דאָלערדיגע זייַ־דענע אויבערהעמדער און דריי דאָלערדיגע קראַוואַטען, און מען האָט גע־זוכט ליבעס. זי האָט קיין געליבטען ניט אַוועקגעוואָרפען. זי איז געווען אַ „סטיקערקע״ און געליבט מיט אַן אמת. זי פלעגט זיך נאָר צוטוליען צו אַן אַנדער געליבטען ווען דער פריהערדיגער פלעגט זיך דערשרעקען פאַר

זיין ווייב, פאַר לייטישע רייד און פלעגט אויפהערען צו קומען אויף די באַגעגענישען.

זי האָט געליבט עהרליך. איהר ליבע איז געווען אַן אמת׳ע ראָמאַנ־טישע צוליב דער ליבע און ניט צוליב קיין אַנדער זאַך. ווען זי איז געווען אַ מיידעל האָט זי זיך צוגעלאָזען צוליב חתונה האָבען, און די מאַמע פלעגט זיך אַריינמישען און ריידען פון תכלית. איהרע ליבעס נאָך דער חתונה זיינען אָבער געווען בלויז צוליב דעם אידעאַל פון ליבע. זי איז ניט אויסען געווען קיינע פּרעזענטען. זי האָט זיך נאָר אַרומגעפיהרט מיט באַלעבאַטישע מענ־שען, וועלכע האָבען געזוכט ליבע, וועלכע האָבען פאַר איהר אויסדערצעהלט די ביטערע הערצער, דאָס זיי געניסען ניט קיין ליבע אין דער היים, ווייל די פרויען זיינען אַלט־מאָדישע און קאַלטע.

אַ ליבע פלעגט זיך ביי בעטי׳ן אָנפאַנגען אייגענטליך פון איהר רחמנות־געפיהל, פון אַריינגעהן אין דער לאַגע פון דעם אײדעלען עלענדען מענשען, וואָס רעדט אַזוי שעהן, וואָס גאַרט נאָך אַביסעלע ליבע און האָט עס ניט. ממילא פלעגט זי הנאה האָבען פון די אָטאָמאָביל ראַידס, פון די טעאַ־טערס, פון די סאַפּערס און קאָנצערטען אין די קאַבאַרעטען, פון דעם טאַנ־צען און פון אַלע גוטע זאַכען, וואָס פאַרליבטע קענען קריגען אין ניו יאָרק, איבערהויפּט אין יענע גוטע צייטען, ווען כמעט יעדערער האָט געהאַט אַ נייעם גוטען אָטאָמאָביל און אַ סך געלט אין די קעשענעס.

ווען אַ געליבטער פלעגט אַמאָל, אין גרויס באַגייסטערונג, נעמען קלאָגען זיך פאַר איהר, אַז זיין לעבען אין דער היים איז אַ טרויעריגער, אַז ער וואָלט וועלען אָפּ׳גט׳ען זיין ווייב, און ווען זי זאָל קענען זיין זיין פרוי, וואָלט ער נאָר מיט איהר זיך פאַרבונדען אויפ׳ן גאַנצען לעבען, פלעגט זי איהם אָפּרעדען דערפון. זי האָט גרויס פאַרגעניגען געהאַט צו הערען אַזוי ריידען דעם געליבטען, און זי פלעגט איהם מוסר׳ען, אַז ער זאָל אַזוי ניט ריידען, אַז זי וועט אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט טאָן.

זי פלעגט דערביי אינגאַנצען פאַרשווייגען איהר מאַן, און ריידען נאָר פון איהר גוט האַרץ צו זיין פרוי, אַז אויף זיין פרוי איז אַ רחמנות און אַז זי וועט קיינמאָל ניט בויען איהר גליק אויף יענעמ׳ס אונגליק.

אַזוי פלעגט זי זיך טאַקע אויסדריקען: „איך קען ניט בויען מיין גליק אויף יענער׳ס אונגליק״. דעם אויסדרוק האָט זי געהערט אין טעאַטער ביי אַ פאָרשטעלונג, און פון דאַן אָן האָט זי עס שטענדיג איבערגערעדט מיט גרויס אַפּעטיט. ס׳איז איהר געפעלען געוואָרען. ס׳איז אַזוי ווי פון איהר האַרצען געווען אַרויסגערעדט. דאָס האָט איבערצייגט דעם געליבטען ווי טייער ער איז איהר און אויך ווי עהרליך און גרויסמוטיג זי איז. זאָגען

פלעגט זי עס דעם געליבטען, ווען זי איז געווען איינגענורעט ווי אַ געטרייע קינד אין זיינע אָרימס. ער פלעגט פון איהרע קלוגע, זיסע ווערטער נתפּעל ווערען, ער פלעגט פון איהר נאָך מעהר באַגייסטערט ווערען, און ער פלעגט דוקא קלאָגען אויף זיין מזל, וואָס ער האָט זיך מיט איהר געטראָפען צו שפּעט און אַז ער מוז פאַרריכטען דעם טעות פון דעם שיקזאַל. „שיקזאַל", דאָס איז דער וואָרט, וואָס כמעט אַלע געליבטע האָבען געברויכט אין זייער ליבעס־שפּראַך צו איהר.

זי פלעגט איינדרוקספול אַרונטערלאָזען איהרע אויגען און זאָגען באַהאַרצט, ווי זי וואָלט געוויינט:

— דאָס קען קיינמאָל ניט זיין, טייערער. איך וועל ניט בויען מיין גליק אויף יענעמ׳ס אונגליק.

און זיי האָבען זיך ביידע געפיהלט אַזוי גוט, אַזוי גליקליך, און זיי האָבען זיך אויך געפיהלט ווי אונטערדריקטע, ווי מאַרטירער פאַר ליבע, עהרליכקייט און גערעכטיגקייט.

אַט אַזוי האָט בעטי טעמקין געליבט, געטאָן טובות די פרויען, מיט וועמענס מענער זי פלעגט אויספאַהרען, אַרומגעהן. זי פלעגט גאַנצע טעג אין איהר אַפּאַרטמענט זינגען אין זיך מיט אַ בענקשאַפט אַלע ניגונים, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט אין טעאַטער און אין די קאַבאַרעטען; און געזונגען האָט זיך אין איהר האַרצען מיט אַ טענה, מיט אַן אַפּיל, ווי אַ פויגעל אין אַ שטייג, ווי אַ פויגעל, וואָס ווערט גערופען ערגעץ צו שעהנע בליהענדע וועלדער, און זי איז, נעבאַך, פאַרשפּאַרט און געבונדען.

און איהר מאַן, בעני טעמקין, איז אויסגעצערט געוואָרען פון איי־פערזוכט.

3.

ווען טעמקין האָט מיט רציחה אַרויסגעשטויסען זיין פרוי פון הויז, איז זי געבליבען שטעהן פאַר אַ פינף מינוטען אין קאָרידאָר, און דערהעררענדיג אַז אימיצער קומט אַרויף אויף די שטיגען פון אונטען, האָט זי זיך געלאָזט געהן. זי איז אַרונטער אין דרויסען, אַרומגעדרעהט זיך אין דעם זומערדיגען פאַרטאָג אַרום הויז, און יעדע ווילע איז אַ שפּעטיגע שבת־ביינאַכטיגע פאָרעל דורכגעגאַנגען, און ס׳איז איהר געוואָרען אונבאַקוועם אַרומצודרעהען זיך אַרום הויז.

זי איז געגאַנגען צו דער עווענױ צו, און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז זי טראָגט איהר העט אין האַנד. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער׳ן גאַס,

אַנגעטאָן די העט, זיך געכאַפּט צום פּאַקעט־בוך אַ קוק טאָן אין שפּיגעלע — זי האָט דעם פּאַקעט־בוך מיט זיך ניט געהאַט.

זי איז צוגעקומען צו דער עוועניו און געזעהן די סטריט־קאַר געהן. פּאַהרען, זי וועט פּאַהרען ערגעץ, איז איהר אַרויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק. וואוהין? און זי האָט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט ניט קיין קליינגעלד ביי זיך.

ווען זי איז אַרויס פון קאָרידאָר, האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט צופאַהרען צו מיסטער ראַזאָווסקי, וועלכער האָט געוואוינט פּאַר פופצעהן בלאָק פון איהר. זי האָט זיך דערשראָקען פאַר'ן געדאַנק. ראַזאָווסקי איז דאָס געווען איהר איצטיגער געליבטער. ער האָט איהר דאָס דעם אָווענט אויסגענומען און שפּעטער צוגעפיהרט איהר צו דער סטריט, וואו זי האָט געוואוינט.

געהענדיג איבער'ן גאַס מיט דער העט אין דער האַנד, האָט זי געטראַכט וועגען געהן צו איהר שוועסטער, איהר עלטערע שוועסטער, וועלכע האָט אויך געוואוינט אין דעם געגענד.

זי האָט אָבער שנעל אויפגעגעבען דעם געדאַנק וועגען געהן צו איהר שוועסטער. מיט דער שוועסטער איז זי צוקריגט, און טאַקע אָט פאַר דעם, וואָס די שוועסטער האָט געהאַלטען מיט בעני'ן, און ניט געגליכען איהרע, בעטי'ס פיהרונגען. זי וואָלט גיכער אַנקלאַפּען צו אַ נעקסט־דאָריגע, איידער צו דער שוועסטער, און די נעקסט־דאָריגע האָט זי געהאַסט ווי סם. זיי פלעגען איהר באַריידען פון קאָפּ ביז די פיס, באַריידען און אָפּלאַכען פון איהר. צו ראַזאָווסקי'ן האָט איהר שטאַרק געצויגען. ראַזאָווסקי איז געווען דער אײדעלסטער פון אַלעמען, מיט וועלכע זי איז ווען אַרומגעגאַנגען. שוין אַ יאָהר, אַז זי איז אַרומגעגאַנגען מיט ראַזאָווסקי'ן, און ער האָט כסדר גערעדט וועגען זיין אונגליקליכען לעבען מיט אַ פרוי, וועמען ער ליבט ניט. זיין פרוי מיט די קינדער זיינען דאַן געווען אין קאַנטרי, און ער איז אַליין געווען אין די רומס. ווען ער האָט איהר באַגלייט אַהיים, האָט ער איהר געקושט, ווידער אַמאָל געקושט און צוגעדריקט ביי געזעגענען זיך, און ער האָט געזאָגט:

— אַך, פאַרוואָס דאַרפען מיר זיך איצט שיידען, און איך זאָל אַוועקגעהן אַליין?

ער האָט זיך עפּעס ביי איהר אַזוי געבעטען ווי אַ קינד בעט זיך ביי אַ מאַמען, „פאַרלאָז מיר ניט".

בעטי האָט דאַן געפיהלט די אונגערעכטיגקייט פון דער וועלט צו פאַרליבטע, וועלכע דאַרפען זיך צושיידען. זי האָט זיך ווי מיט גוואַלד אַוועקגעריסען, און אַוועק צו איהר אין הויז, צו איהר מאַן, צו בעני'ן.

ווי געמיין, ווי גראָב, בעני האָט איהר אַט ערשט באַהאַנדעלט, און פאַר וואָס? דערפאַר, וואָס זי האָט געוואָלט זיין עהרליך צו איהם.

עהרליך צו איהם, דאָס איז געווען ביי בעטי'ן פאַררעכענט אַלס אַ מאַרטירערשאַפט. זי האָט זיך מיט איהר יעדען געליבטען ערלויבט אַלעס, אָבער ניט דאָס לעצטע, וואָס מאַכט דער פרוי פאַר אַן אמת אויסגעלאַסענע. זי האָט זיך צו קיינעם ניט איבערגעגעבען, און אַלע האָבען נאָך איהר אַוועק־געח'לש'ט. אַט דאָס איז שטענדיג געווען איהר טענה צו איהר מאַן ביי זיך אין הארצען. זי איז צו איהם געווען עהרליך, און ער האָט איהר אויסגערופען מיט די שענדליכסטע נעמען. זי האָט שטענדיג געפיהלט, אַז בעני איז איהר אַ גרויסער בעל חוב. זי קען געניסען און זי אָפערט זיך פאַר דער עהרליכ־קייט צו בעני'ן.

יענעם שבת פאַרטאָג, ווען אַ באַליידיגטע, אַ צעטראָטענע פון איהר מאַן, האָט זי זיך דערשלעפּט צו דער עווענוי, האָט זי זיך ערשט אַרומגע־זעהן ווי נאַריש זי איז די גאַנצע צייט געווען צו פאַרבלייבען עהרליך צו אַזאַ גראָבען יונג ווי בעני. זי האָט דאַן איינגעזעהן, אַז זי האָט בעני'ן פיינט געהאַט.

ביז דאַן האָט זי נאָר געוואוסט, אַז זי האָט אימיצען ליב, אַז זי האָט ליב ערען ראַזאָווסקי'ן, וויל ער, מר. ראַזאָווסקי, האָט איהר ליב, איז צו איהר אײדעל. זי האָט קלאָר דערזעהן, אַז זי האָט בעני'ן פיינט, אַז זי דאַרף זיין ערגער פון ערגער צו קומען צו איהם צוריק.

ערען ראַזאָווסקי האָט זיך שטענדיג באַנומען אײדעל צו איהר. ער איז ניט געווען ווי אַנדערע, וואָס זיינען גאַנץ פרעך אויסגעגעווען בלויז די פרוי אין איהר. ראַזאָווסקי האָט איהר טאַקע אַי געליבט אַי באַצויגען זיך צו איהר ווי צו אַ מענשען, גערעדט צו איהר וועגען ביכער, וועגען טעאַטער.

אַזוי האָט בעטי געטראַכט וועגען ראַזאָווסקי'ן, ווען זי איז געגאַנגען איבער די גאַסען אין דעם שטילען פאַרטאָג; און זי האָט מיט זיך אײנגע־טענה'ט, און טאַקע געגלויבט, אַז קיין בייז קען ניט פּאַסירען צווישען איהר און ראַזאָווסקי'ן. ניין, ראַזאָווסקי איז ניט אַזאַ מענש, האָט זי מיט זיך גע־טענה'ט אין הארצען. אַלס אַ ראיה, אַז זי איז אין דעם גערעכט האָט זי זיך דערמאָנט אַן מיסטער הענדלער'ן, מיט וועמען יז איז אַרומגעגאַנגען פאַר דריי יאָהרען, וועלכער פלעגט זיך ביי איהר בעטען, אַז זי זאָל מיט איהם פאָהרען אויף אַ „וויק־ענד" אין קאַנטרי. מיט הענדלער'ן וואָלט זי ניט געגאַנגען.

מיט ראַזאָווסקי'ן איז זי געווען זיכער, אַז ער וועט אַנטייל נעמען אין

איהר איצטיגער לאַגע, און ער וועט ניט אויסען זיין זיין טובה מיט איהר איצטיגען קומען צו איהם.

מיט די מאָראַלישסטע געדאַנקען וועגען ראַזאָווסקי'ן און וועגען איהר אַליין, און מיט די בייזעסטע געפיהלען וועגען איהר מאַן, איז זי אַלץ נעהענטער געוואָרען אין גייסט און אין שטרעקע צו עראַן ראַזאָווסקי. זי איז אַזוי אומגליקליך געווען, און די ליבע האָט איהר געראָפען, געצויגען; און טעמקינ'ס האַנדלונג האָט איהר געשטויסען, אַריינגעשטויסען איהר אין ראַזאָווסקי'ס אַפּאַרטמענט.

עראַן ראַזאָווסקי, קומענדיג אין די לערע רומס, איינער אַליין, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך גוואַלדיג סענטימענטאַל געזעגענט מיט בעטי'ן, האָט זיך געפיהלט אַזוי פאַרבענקט נאָך איהר, דאָס איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער קען אָהן איהר ניט אויסקומען, אַז ער קען גאָרניט דערוואַרטען זיך ביז ער וועט איהר ווידער זעהן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

די פּאָר טעג, וואָס זיינען געווען פאַראויס, האָבען איהם אויסגעזעהן דייער ווייט, זייער לאַנג.

ער האָט געהאַט פאַרשטעלונגען וועגען איהר, ווי אָט זעהט ער איהר, ווי זי איז איצט אין איהר היים, ביי איהר מאַן, און זי טראַכט וועגען איהם; און אָט זעהט ער איהר דאָ ביי איהם אין די צימערען, וואו ער איז אַליין, זי מיט איהם, ער איז מיט איהר.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שטילען קלאַפּען אין טיר.

— ווער איז דאָרטען? — האָט ער געפרעגט.

— איך.

אַ באַקאַנטע שטימע, אָבער ער האָט ניט געגלויבט, אַז דאָס הערט ער אויף אַן אמת בעטי'ס שטימע.

— איך, איך, — האָט זי געזאָגט שטיל; — איך, בעטי, — האָט זי געזאָגט נאָך שטילער.

מיט אַן אונגלויבליכקייט האָט ער געעפענט די טיר, און ווען ער האָט איהר דערזעהן, איז ער עפּעס ניט איבערראַשט געוואָרען; אַזוי ווי אויף אַ נאַטירליכען אופן איז זי דאָ ערשינען פון זיינע אָט ערשטיגע האַלוצינאַציעס אַרויס.

זיי זיינען ביידע אַרויפגעפאַלען איינע אויף די אַנדערע גאָר אָהן פראַגען און אָהן צערעמאָניעס. דער ליידיגער אַפּאַרטמענט, וואָס האָט זיי ביידען איינגעשלונגען אין דעם פינסטערען, שטילען פאַרטאָג, האָט ווי עפּעס אַלעס ערקלערט, ניט איבערגעלאָזען קיינע פראַגען צו שטעלען.

טרערען האָבען זיך אין איהרע אויגען באַוויזען, און זי האָט געקי־ כערט אין פרייד; זי האָט גלייך דערפיהלט, אַז זי איז לעבען איהר טייער־ סטען און איינציגסטען פריינט אין איהר איצטיגער טרויעריגער לאַגע.

ניט ער האָט געפרעגט, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז דאָ וואָס צו פרעגען; ניט זי האָט דערצעהלט, כאָטש זי האָט געהאַט זיך פאַרנומען פון פריהער איהם צו דערצעהלען אַ סך, אַ סך.

זיי זיינען געווען אַליין, ביידע אַליין; די נאַכט און דער מאָרגענדיגער פרייער זונטאָג איז נאָך געווען אין פאָראויס פאַר זיי, און ווי אָפּגערעד־ טערהייד האָבען זיי ביידע געלאָזען אַלע געשפּרעכען אויף שפּעטער.

אויף וואָס ער איז ביי זיך זיכער געווען איז, אַז איהר האָט זיך ניט גע־ וואָלט אַרויפגעהן צו איהר אין הויז, און אַז זי האָט איהם גלייך נאָכגע־ פאָלגט צו זיין מיט איהם; און אַז זי איז מיט איהם, דאָס האָט ער געזעהן, דאָס איז געווען אַ ווירקליכקייט.

עראַן ראַזאָווסקי האָט זיך געפונען אין דער אומבאַשרייבליכער לאַגע פון אַ פּלוצליכען געווינער פון גרויסען געווינס, און בעטי טעמקין האָט צום ערשטען מאָל מיט אַ קלאַפּענדער און געלוסטענדער האַרץ געטרונ־ קען די ליבע ביז'ן דעק פון'ם בעכער. זי האָט געוואוסט, אַז ראַזאָווסקי איז ניט ווי אַנדערע, און זי האָט זיך איהם דערפאַר איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען האַרצען.

אום דער געניוס זאָל איהר אינגאַנצען איינגעהן, האָט זי ניט אַרויס־ געלאָזען פון איהר געדאַנק איהר צאָרען אויף איהר מאַן, און זיך געסטאַ־ רעט צו דערמאָנען זיך אַלע גראָבע האַנדלונגען זיינע געגען איהר. זי איז ווירקליך געוואָרען איבערצייגט, אַז זי האָט בעני'ן טאַקע קיינמאָל ניט געליבט.

4.

אַ זייגער זעקס אין דער פריה, ס'איז שוין לאַנג ליכטיג געוואָרען, און ביידע האָבען נאָך ניט געשלאָפען.

בעטי'ן האָט זיך אינגאַנצען ניט געוואָלט שלאָפען, און זי האָט גע־ טראַכט ווי אַזוי זי זאָל ראַזאָווסקי'ן זאָגען וועגען איהר קומען אַהער. פריהער, ווען זי איז אַריינגעפאַלען צו איהם אין אַפּאַרטמענט, האָט זיך איהר געדוכט, אַז שפּעטער וועט אַלעס אַליין פון זיך קלאָר ווערען וועגען איהר קומען, און זי וועט קיין סך ניט דאַרפען זאָגען. ווען זי איז אָבער געלעגען וואַכענדיג נאָכדעם ווי אַלעס איז שוין אַריבער, און די ליכטיג־

קיט האָט ווי אַ גענעפענטער פאַרהאַנג אויפגעדעקט אַלעס וואָס האָט פּאַסירט, איז ערשט געקומען אַ גרויסער פּלאָנטער אין איהר האַרץ און מח.

זי האָט אַנדערזייט געכאַפּט אַ קוק אויף ראַזאָווסקי׳ן, און כאָטש ער האָט געהאַלטען צוגעמאַכט די אויגען, האָט זי געפיהלט ווי ער שלאָפט ניט. ער שלאָפט ניט, און ער פרעגט איהר גאָרניט; ער פרעגט ניט ווי אַזוי זי איז געקומען, און וואָס זי האָט געמיינט מיט איהר קומען. ער איז געלעגען אָפּגערוקט פון איהר מיט׳ן פּנים אַרויף. זי האָט זיך געפיהלט ווי אַן אָרימע קרעמערקע, ביי וועלכער אַ פריינט האָט אָנגענומען אַלערליי גוטע זאַכען אין סטאָר און זי האָט ניט קיין מוט צו זאָגען איהם, אַז ער וועט מוזען באַצאָלען; און זי ציטערט, אַז באַלד וועט ער זאָגען אַ דאַנק און וועט אַוועקגעהן.

ראַזאָווסקי׳ן האָט שוין לאַנג געצויגען צו כאַפּען אַ דרעמעל, אָבער אַזוי ווי ס׳איז ליכטיג געוואָרען, האָט ער זיך געסטאַרעט ניט איינצושלאָפען. מענשען וועלען באַלד אויפשטעהן; מען וועט נעמען געהן אינ׳ער׳ן קאָרידאָר, און דאָ איז ער גאָר אין זיין אַפּאַרטמענט, אין דעם אַפּאַרטמענט פון זיין פרוי און קינדער, מיט אַן אַנדער פרוי. ס׳איז זונטאָג, און ס׳קען אימיצער קומען צו איהם, זיין ברודער, זיינער אַ באַקאַנטער; און קומען קען מען דוקא פאַרפריה. ער איז געווען אין דער לאַגע פון איינעם, וואָס האָט דאָ דורך דער נאַכט ערמאָרדעט אַ מענשען, און ער איז פאַרצווייפעלט וועגען דעם ווי פּטור צו ווערען פון דעם מת.

בעטי האָט געפיהלט פון דעם וואָס ראַזאָווסקי האָט געטראַכט. זיין האַלטען זיך, זיין מאַכען זיך שלאָפען, ווען אָט ערשט האָט ער צו איהר אַזוי פיל גערעדט כאָטש אָהן ווערטער, האָט איהר באַוואוסטזיניג געמאַכט, דאָס ער וואָלט זעהר וועלען זי זאָל אַוועקגעהן איצט. וואָס מעהר זי האָט וועגען דעם געטראַכט, אַלץ ווייטער איז זי געוואָרען פון דעם באַשלוס צו זאָגען איהם, אַז זי איז געקומען צו איהם אויף אַלעמאָל, און אַז ער מוז עפּעס זעהן וועגען דעם, אַז זיי מוזען זיך ביידע מיישב זיין וואָס צו טאָן. זי האָט דערהערט אַ באַקאַנטען קלאַנג פון מילך באָטעלס אין קאָרידאָר. דער מילך־מאַן האָט די מילך צושטעלט ביי די טירען פון די אַפּאַרטמענטס.

דער מילך־מאַן מיט די מילך־באָטעלס האָט איהר אַ צופּ געטאָן ביים האַרצען. די קינדער זיינען אין דער היים; זיי שלאָפען דאָרטען אָהן איהר.

דער מח האָט איהר גענומען ברענען מיט חרטה. עפּעס איז די געשיכטע אַרויסגעקומען ניט אַזוי ווי זי האָט זיך פריהער פאַרגעשטעלט.

זי איז פלוצלונג אַריינגעפאַלען אין אַ מאָדנער לאַגע, אין דער לאַגע פון אַן אונערפאַהרענער מיידעל, וואָס האָט געוואַגט אַרויס׳גנב׳ענען זיך פון די עלטערען און אַנטלויפען אין אַ וויטער, פרעמדער שטאָט. די ווייטע וועלט האָט איהר פריהער געררייצט מיט טויזענט כשוף׳ען; אָבער גע־פינענדיג זיך ווייט פון דער היים, האָט זי דערזעהן, אַז די פרעמדע שטאָט איז גרוי און וואָכעדיג, און זי האָט גענומען שרעקען זיך און וויינען, אַז זי וויל אַהיים, גענומען טראַכטען פּלענער און מיטלען ווי אַזוי צו קומען צוריק, ווי אַזוי צו כאַפּען צוריק דעם איבעראיילטען שריט.

ווען בעטי איז געגאַנגען צו ראַזאָווסקי׳ן, איז זי געווען איבערצייגט, אַז דאָס וואָס טעמקין האָט איהר אַרויסגעשטויסען פון הויז, איז געווען די שרעקליכסטע זאַך; איצטער, ווען איהר אויפטו מיט׳ן קומען צו ראַ־זאָווסקי׳ן איז געווען אַ צורונענער חלום, אַן ענטוישונג, האָט טעמקינ׳ס טאַט פון אַרויסוואַרפען איהר גאָר ניט אויסגעקוקט פאַר איהר אַלס אַזאַ שרעקליכער, פון וואָס זי האָט זיך אַזוי געדאַרפט נעמען צום האַרצען. די רפואה איהרע געגען טעמקינ׳ס טאַט, איהר אַוועקגעהן צו ראַזאָווסקי׳ן, איז אויסגעוואַקסען פאַר איהרע אויגען אַלס אַ פיל שרעקליכערע ווי די פריהערדיגע היימישע מכה.

זי מוז אַוועקגעהן, אַרויסכאַפּען זיך פון דאַנען; דאָס איז געווען פאַר איהר קלאָר, און געוואָלט האָט זי אַוועקגעהן שטיל און שנעל. זי האָט זיך דערפיהלט ווי אַן אָפּגענאַרטע און האָט זיך געשעמט פאַר ראַזאָוו־סקי׳ן, פאַר דעם וואָס האָט איהר אָפּגענאַרט, און צו וועמען זי קען קיין טענות ניט האָבען.

זי איז אויפגעשטאַנען, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די זאַכען, און אַ קוק געטאָן צום קיך, אַ פרעמדע קיך, אַ קיך פון אַן אַנדער פרוי. זי האָט מורא געהאַט אַריינצוגעהן וואַשען זיך. זי איז אַוועק ניט קיין געוואַשענע.

איידער זי איז אַוועק, ביים אָננעמען די קליאַמקע פון טיר, האָט זי אַ קוק געטאָן צו ראַזאָווסקי׳ן; ער האָט געהאַלטען פעסט צוגעמאַכט די אויגען, און זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט געשלאָפען. זי האָט עפּעס ניט געוואָלט אַוועקגעהן גלאַט אַזוי, אַז ער זאָל נאָך קענען האָבען טענות צו איהר, אַזוי ווי זי וואָלט נאָך איהם פאַרבליבען אַ בעל־חוב, אַרויסגע׳גנב׳עט זיך.

זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער בעט, וואו ער איז געלעגען, און זי האָט שעפּטשענדיג געפרעגט:

— ראַזאָווסקי, מיסטער ראַזאָווסקי, איהר שלאָפט?

זי האָט אָפּגעצויגען דעם אָטעם און ווידערהאָלט:

— איהר שלאָפט?

ער האָט זיך קיין ריהר ניט געטאָן.

זי איז צופרידען געווען וואָס ער האָט ניט געענטפערט. גוט אַזוי, זי איז אַוועק שטיל און איילענדיג.

אַזוי שנעל ווי זי האָט צוגעמאַכט די טיר, האָט ער פאַרזיכטיג אָן עפען געטאָן איין אויג, צו זעהן אויב זי איז ווירקליך אַוועק.

יאָ, זי איז אַוועק. איהם איז אַראָפּ אַ שטיין פון הארצען. ער האָט זיך איבערגעקעהרט אויף אַ זייט, איינגעגורעט דעם קאָפּ אין קישען, און ער האָט דערפיהלט לייכטער אויפ'ן הארצען.

בעטי איז גערן געווען וואָס זי איז שוין געווען אַרויס פון דעם קאָרידאָר פון ראַזאָווסקי'ס הויז און זיך שוין געפונען אין גאָס.

זי איז אַוועק צו איהר שוועסטער. איהר שוועסטער איז נאָך געשלאָפען ווען זי האָט אָנגעקלונגען אין טיר. די קלענערע קינדער האָבען געקעהרט אַ וועלט אין קיך, און זיי האָבען איהר געעפענט די טיר.

— די טאַנטע בעטי! — האָבען די קינדער אויסגעשריען, און געלאָפען אָנזאָגען דער מאַמען.

בעקי שניידערמאַן, איהר שוועסטער, איז אַרויסגעקומען צו איהר אין דער נאַכט־העמד, אַ צושראָקענע, אַ צוספּוזשעטע:

— וואָס האָט פּאַסירט, בעטי?

בעטי האָט זיך צוואויינט.

— וואָס האָט פּאַסירט? זאָג!

— איך וויל זיך איינוואַשען אַביסעל, — האָט זי געזאָגט, און איז אַוועק, כליפּענדיג, אין וואַש־צימער.

בעקי איז איהר נאָכגעגאַנגען און אַלץ געפאָדערט:

— זאָג, זאָג, וואָס האָט פּאַסירט; אַי, אַי, בעטי, איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט אַז דו פיהרסט זיך ניט גוט. זאָג, וואָס איז געווען?

— ער האָט פאַרשפּאַרט די טיר פון מיר און ניט אַריינגעלאָזען מיך צו די קינדער.

— וועלכע טיר?

— די טיר פון האָל. איך בין געבליבען אין האָל, און ער האָט דאָרט געמאַכט אַ סקאַנדאַל, געשריען ווי אַ משוגענער.

— ווען איז דאָס געווען?

— אַ זייגער איינס, צי האַלב נאָך איינס; איך בין געווען אין אַ מואווי מיט אײדע'ן, האָט ער זיך צוקאַכט, דער משוגענער.

— איז וואו ביזטו געווען ביז איצט?

זי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם ענטפער.

— איך בין אַרומגעגאַנגען אין דרויסען; איך האָב ניט געוואָלט וועקען דיך אין מיטען נאַכט.

די שוועסטער איז אַרויס פון וואַש־צימער און געזיפצט:

— אַי, אַי, איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט, בעטי, איך האָב דיר געזאָגט.

ווען בעטי איז אַרויסגעקומען קאַמענדיג די האָר, האָט איהר שוועס־טער צו איהר געזאָגט:

— נעם טרינק עפּעס. איך וועל דיר מאַכען אַ גלאָז קאַפּע, דו וועסט דאָ צובייסען און געהן אַהיים.

— איך וועל ניט געהן, — האָט בעטי געזאָגט פאַרכמורעט.

— משוגענע, דו'סט ניט געהן צו די קינדער?

— איך קען צו איהם מעהר ניט געהן.

— רעד ניט קיין נאַרישקייטען, — האָט די שוועסטער געזאָגט, צושטעלענדיג די קאַפּע צום קאָכען — איך האָב פיינט אַז מען רעדט נאַרישקייטען. שוין אַ בייער בייעס — צו די קינדער וועט זי ניט געהן!

די שוועסטער האָט זיך אָנגעטאָן שנעל און געזאָגט:

— גיב אַכטונג אויף די קאַפּע, איך וועל אַרונטערגעהן נאָך ראָלס.

די שוועסטער, מיסעס שניידערמאַן, האָט קיין טעלעפאָן ניט געהאַט. ווען זי איז אַרונטער, איז זי גלייך אַריין אין אַ סטאָר און טעלעפאָנירט צו טעמקינ'ען, געהייסען איהם גלייך קומען, און געגעבען איהם אַ חלק פאַר זיין שטיקעל אַרבייט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

— ווען איך וויס, אַז דו וועסט קענען טאָן אַזאַ נאַרישקייט, — האָט זי איהם געזאָגט אין טעלעפאָן — וואָלט איך קיינמאָל ניט געקריגט זיך מיט בעטי'ן פאַר דיר.

ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען אין טעמקינ'ס אַפּאַרטמענט, האָט זיך טעמקין אי דערשראָקען אי דערפרעהט, און ווען ער האָט דער־הערט זיין שוועגערינ'ס שטימע, איז איהם געוואָרען מאָדנע גוט אויפ'ן האַרצען.

ער איז גלייך געקומען.

די שוועגערין האָט איהם באַגעגענט ביים טיר און איהם אַריינגע־שושקעט:

— זי האָט זיך דאָך נעביך אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצע נאַכט אין דרויסען; געה צו צו איהר און בעט איהר אַהיים, דו הערסט?

טעמקין איז אַריינגעקומען און געבליבען שטעהן אָפּהענטיג, אָפּ־

הענטיג און דאָך רוהיג. ער האָט הנאה געהאַט וואָס ער זעהט זי ווידער, און קוקענדיג אויף איהר ערשט־געוויינטען פנים, האָט ער איהר דאַכט זיך מעהר ליב געהאַט ווי אַלעמאָל.

ס'איז איהם געווען שווער צוריידען, און ער האָט שטיל געמור־מעלט צו דער שוועגערין:

— נו, זאָל זי געהן אַהיים; איך וויל דען ניט זי זאָל געהן אַהיים?

בעטי איז געזעסען ביים טיש אין קיך איבער אַ פולער גלאָז קאַווע און האָט צו קיינעם די אויגען ניט אויפגעהויבען.

די שוועסטער איז צו איהר צוגעגאַנגען און איהר געטאָרעט ביים האַנד:

— געה אַהיים, געה אַהיים צו די קינדער, משוגענע; די קינדער זיינען דאָך אַליין.

— פּליז, — האָט בעטי געזאָגט מיט כעס — לאָז מיך צורוה.

— קום אַהער, בעני, — האָט מיסעס שניידערמאַן געזאָגט צו איהר שוואָגער — קום צום טיש, טרינק, בייס עפּעס צו. — זי האָט גענומען בעטי'ן, געפיהרט איהר צום טיר, און פּשוט אַרויסשטויסענדיג איהר פון הויז, האָט זי געזאָגט:

— זיי ניט משוגע און געה אַהיים, די קינדער זיינען אַליין אין הויז; זיי וועלען זיך דערשרעקען.

אַרויסגעפּראַוועט בעטי'ן, האָט זי טעמקינ'ען געגעבען עסען ברעק־פעסט, גוט אָנגעמוסר'ט איהם, געהאַלטען איהם אַרום אַ האַלבע שטונדע, און אוועקגעשיקט איהם אַהיים.

— געה, — האָט זי צו איהם געזאָגט, — געה אַהיים און טו ניט אַזעלכע נאַרישקייטען מעהר. זי איז אַ יונגע ווייבעל און וויל אויסגעהן: געה אויך מיט איהר. געדענק־זשע, בעני, זיי אַ מענש!

ווען טעמקין איז געקומען אַהיים און דערזעהן אַז בעטי איז אין הויז, זי זיצט ביים טיש און גיט לואי'לען עסען, איז זיין האַרץ צעוואָרעמט געוואָרען. עס האָט איהם אַזוי געפרעהט וואָס זי איז צוריק אין הויז, אַזוי געפרעהט.

ער האָט געוואָרפען אַ פּאָר זייטיגע בליקען צו איהר, און ער האָט דערזעהן אויף איהר אַזאַ דערשלאָגענקייט, וואָס ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. ער האָט איהר נאָך קיינמאָל ניט געזעהן מיט אַזעלכע אויסגע־לאָשענע אויגען.

ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט טאָקע איבערגעכאַפּט די מאָס, און ער האָט אויף איהר רחמנות געהאַט.

.5

פאַר די לעצטע פאַר יאָהר זיינען כמעט יעדען זונטאָג פאָרגעקומען קריגערייען און אַלערליי סקאַנדאַלען צווישען בעני טעמקין און זיין ווייב בעטי. דאָס פלעגען זיין אייפערזוכט מלחמות צוליב מיסעס טעמקינ׳ס שבת־צו־נאַכטיגען „אויסגעהן״.

אין אַ געוויסען זומערדיגען שבת־צו־נאַכט, אין אַ זעהר שפּעטיגער שעה, האָט ער אָפּגעטאָן אַ געפעהרליכע שטיקעל אַרבייט, בעני טעמקין.

אין דער שפּעטיגער שטונדע נאָך האַלבע נאַכט, פון שבת אויף זונ־טאָג, איז בעני געלעגען וואַך און דערהערט ווי זיין פרוי שליסט אויף פאָרזיכטיג די טיר, קומענדיג אַהיים פון אַ הוליאַנקע, מסתמא, ערגעץ.

אַזוי ווי זי, אַריינקומענדיג פאָרזיכטיג אין שטוב, האָט אָנגעצונדען די עלעקטריק, איז בעני געשטאַנען פאַר איהר מיט רציחה׳דיגע אויגען:

— אַרויס פון דאַנען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

און איידער בעטי האָט צייט געהאַט צו באַשליסען וואָס פאַר אַ פּאָזע זי זאָל דאָ אָננעמען — אַ קריגערישע אָדער אַ באַרוהיגענדע, האָט איהר בעני אַרויסגעשטויסען אין קאָרידאָר, פאַרהאַקט די טיר און אַרגומענטירט מיט זיך אַליין:

— זאָל זי געהן! זאָל זי געהן צו אַל־די שוואַרץ יאָהר.

טעמקין האָט זיך דאַן אַזוי געפיהלט געקריינקט געגען זיין בעטי׳ן, די פאַרעטערישע ווייב זיינע, אַז עס האָט איהם גאָר ניט געאַרט וואָס זי וועט טאָן, וואוהין זי וועט געהן. ער האָט זיך געלעגט שלאָפען.

דאָס איז געווען ניט דעם ערשטען מאָל וואָס די לעבענס־דורשטיגע מיסעס בעטי טעמקין האָט איבערגעלאָזען איהר בעני׳ן מיט די צוויי קינדער אין הויז און איז אַוועק מיט איהרע פריינד, וועלכע ער, בעני, קען אפילו ניט. ער קען בלויז איהר פריינדינע איידאַ לעווין, וועלכע קומט איהר רופען צו זעהן אַ מואווי. „כלומרשט צו זעהן אַ מואווי רופט איהר אַלעמאָל איידאַ״ — אַזוי האָט דער אייפערזיכטיגער בעני שטענדיג געטראַכט, און אַזוי טראַכטענדיג, האָט ער געליטען שניידענדע יסורים פאַר די לעצטע פאַר יאָהר. האָט בעני טעמקין, אַ מענש, וועמען עס געהט גאַנץ גוט אין ביזנעס, וועמען מענשען רעספּעקטירען, אין דעם דערמאָנטען שפּעטען שבת־צו־נאַכט איינמאָל פאַר אַלעמאָל רעוואָלטירט געגען זיין פאַלשער פרוי. ער האָט איהר פשוט אַרויסגעטריבען פון שטוב אין מיטען דער נאַכט און האָט זיך געפיהלט שטאָלץ, וואָס ער האָט געהאַט גענוג מוט

צו טאָן די דאָזיגע גערעכטע זאַך, וואָס ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט טאָן, און וואָס יעדער אָפּגעגאַרטער מאַן דאַרף אַזוי טאָן, לויט זיין מיינונג.

אַזוי האָט בעני טעמקין גע׳חשבונ׳ט יענעם שבת אָוונט, ווען ער האָט אויף איהר געוואַרט ביז שפּעט אין דער נאַכט און געזעהן איהר אין זיינע קראַנקע פאַנטאַזיעס ביי אַלערליי עברות. און היינטיגס מאָל האָט ער זיינע געדאַנקען דורכגעפירט! ער האָט בעטי׳ן אַרויסגעטריבען פון שטוב!

אָבער אינדערפריה, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערזעהן די טרויעריגע ווירקליכקייט, אַז בעטי איז ניטאָ אין שטוב, האָט ער זיך דערשראָקען, און דאַן, ווען בעטי׳ס עלטערע שוועסטער, יעטאָ, האָט איהם אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן און געזאָגט, אַז בעטי איז ביי איהר און די שוועסטער איהרע, צו וועמען בעני האָט רעספּעקט, האָט איהם גוט אויס־גע׳מוסר׳ט, האָט ער אָנגעהויבען חרטה האָבען אויף זיין צו־שטאַלצען שטעלען זיך געגען בעטי׳ן, און דערנאָך, ווען בעטי איז צוריק געקומען אַהיים, האָט ער זיך דערפיהלט זעהר צופרידען, טאַקע גליקליך, וואָס זי איז צוריק אין הויז. ער פיהלט איר וואַרימקייט אַרום זיך. ער זעהט ערשט, בעני, אַז ער וואָלט אָהן איהר ניט געקענט אויסקומען; אַז עס איז איהם אונמעגליך צו לעבען אָהן איהר אַפילו איין טאָג.

יאָ, בעני האָט שטאַרק חרטה פאַר דעם סקאַנדאַל, וואָס ער האָט אָפּ־געטאָן געגען איהר. עס קלינגען איהם אין די אויערען די ווערטער פון בעטי׳ס שוועסטער: „וואָס הייסט, מען פאַרשפּאַרט די טיר פאַר אַ ווייב, פאַר אַ מאַמע פון צוויי קינדער, אין מיטען דער נאַכט? און מען טוט דאָס, ניט פרעגענדיג אַפילו וואו זי איז געווען, מיט וועמען זי איז געווען. האָסט שוין געזעהן אַ סך אָנשטענדיגע מענער טאָן אַזאַ זאַך?״

האָט שוין בעני דערפיהלט, אַז ער האָט טאַקע געמאַכט אַ טעות, און ער וויל שוין גאַרניט וויסען, גאַרניט פרעגען וואו בעטי איז געווען און מיט וועמען זי איז געווען. ער האָט געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג: בעטי זאָל דאָ זיין, דאָ לעבען איהם און לעבען די קינדער.

איבערהויפּט האָט בעני גענומען אין אַכט די שטראָף־רייד פון זיין שוועגערין, יעטאָ, בעטי׳ס עלטערע שוועסטער, אַז בעטי איז אַ יונגע און אַ שעהנע ווייבעל, און אַז ער, בעני, גיט איהר ניט קיין „פּלעזשור״, האַלט איהר כסדר אין שטוב און געהט מיט איהר קיינמאָל ניט אויס.

איצט, ווען די פאַרשוואונדענע טייערע פויגעלע זייבע איז צוריק מיט איהם אין דעם נעסט, און ער ציטערט איבער איהר, דערמאָנט ער זיך

טאַקע, אַז ער געדענקט שוין ניט די צייט ווען ער איז „אויסגעגאַנגען" פאַר „פלעזשור" מיט זיין ווייב. טעמקין וואַרפט אַרויף די שולד אויף זיין וואַקסענדע ביזנעס פון קינדער־מאַנטלען, וואָס האַלטען איהם באַשעפטיגט זעהר לאַנגע שטונדען, אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

מיסעס טעמקין, די בעל־הבית׳טע פון שטוב, איז געזעסען אויף דער סאָפע אין „ליווינג־רום" אַ פאַרפּוצטע אין איהר אָוועגד־קלייד מיט אַלע איהרע פּאַטשערקעס און גאַלענדלאַך נאָך ניט אויסגעטאָן פון דעם נעכטיגען אָוונט. זי איז געזעסען אַן אַנגעכמורעטע און ניט געוואוסט צי זאָל זי אַנהאַלטען אַ קאַלטען אויסזעהן, אַ טרויעריגען אויסזעהן, אָדער גאָר אַ כעס׳דיגען אויסזעהן. זי האָט קאַלט און מיט רוגזה געשוויגען ווען די קינדער האָבען צו איהר גערעדט; דאָס האָט זי געוואָלט מאַכען גרעסער די שטראָף פאַר איהר מאַן, וועלכער האָט זיך טאַקע געפיהלט זעהר פאַרשולדיגט.

פון דער שווענגערינ׳ס רייד און פון בעטי׳ס צוריקקומען איז בעני׳ס האַרץ געווען צונומען און ער האָט אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף זיין ניט האָבען קיין צייט „אויסצוגעהן" מיט זיין ווייב.

דער אמת איז, אַז זיין ווייב האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין צייט פאַר איהם.

גאָר אַמאָל, די ערשטע יאָהרען נאָך דער חתונה, פלעגט זי איהם בעטען צו געהן מיט איהר, אָפט געמוזט צווינגען איהם מיט געוואַלד, „שלעפּען איהם אויף פלעזשור". ער, טעמקין, האָט פיינט געהאַט צו געהן זוכען אַמיוזמענטס. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ בעטי, וואָס איז געווען פול מיט לוסט צום לעבען.

בעטי׳ן איז אַלע מאָל געווען פריילך אויפן האַרצען, סיידען זי איז געווען בייז, פאַרביטערט און דאַן האָט בעני צו איהר ניט געקענט צוגעהן. זי האָט ליב געהאַט פרעהליכקייט, ווייל עס האָט איהר הנאה געטאָן וואָס זי איז דאָ אויף דער וועלט, וואָס מען קוקט אויף איר, וואָס מענערשע אויגען קוקען אויף איהר.

עס האָט איהר אַזוי הנאה געטאָן וואָס זי איז זי, וואָס זי איז בעטי, אַז זי האָט געפלאַמט און געטאַנצט און געדרעהט זיך אַפילו ווען זי איז געווען אין איהר הויז איינע אַליין. און אָט די בעטי איז געווען בעני׳ס ווייבעל; זיינע, בעני׳ס. איהר יעדער קער, יעדער ריהר פון איהר יעדער גליד האָבען איהם געררייצט, און ער האָט ליב געהאַט צו זיין אין דער היים מיט זיין פרוי.

בעטי׳ן, אָבער, מיט איהרע צופּאַכטעטע פליגלען, איז ענג געוואָרען

די הויז. עס האָט איהר געצויגען צו געהן, צו פאָהרען, צו זעהן זיך מיט וואָס מעהר מענשען.

וואו נאָר זי איז געקומען, האָט מען אויף איהר געקוקט מיט הנאה, און אַט דאָס האָט איהר געצויגען און זי האָט ניט געקענט זיצען אין דער היים.

בעני טעמקין האָט דאָס אַלץ געוואוסט; אַרום דעם זיינען דאָך געווען די שטענדיגע מלחמות אַלע זונטאָג אין דער פריה, נאָך זייערע עלענדע נעכט פון שבת אויף זונטאָג.

אָבער איצט — איצט פיהלט ער זיין בעטי'ן ווי אַ געלייטערטע, צו־ליב דעם איבעראיילטען אומגערעכטען שריט וואָס ער איז געגען איהר באַ־גאַנגען פאַריגע נאַכט. ער איז אומגעדולדיג צו פיהלען איהר נאָהענטקייט, אַזוי ווי ער וואָלט איהר ניט געהאַט געזעהן פאַר אַ זעהר לאַנגער צייט.

און ווען ער ווייסט אַז זי וועט איהם ניט אַפּזידלען בייז און אַפּלאַ־כעריש, ווי זי טוט אַלע מאָל ווען ער וויל ווערען גוט־פריינד, וואָלט ער איהר איצט אַרומגענומען, געהאַלזט און געקושט און געפאַלען איהר צו די פיס.

ער האָט אָבער גוט געוואוסט ווי פאַרביטערט זי איז געגען איהם, און אַז זיין בעטי איז פאַרביטערט, טאָר מען צו איהר ניט צוטרעטען. ער האָט גוט געקענט זיין בעטי'ן, בעני טעמקין. ער האָט געוואוסט, אַז ווען זי ווערט ברוגז, האָט זי אַ מאָדנע גבורה אין זיך. זי קען אָנהאַלטען אַ ברוגז זעהר לאַנג.

ער האָט גענומען צוגעהן צו איהר מיט דער אַלטער אויסגעפּרובירטער מעטאָדע פון ברוגז'ע מאַן און ווייב, — דורך די קינדער.

אין קיך האָט ער מיט חשק „געבאַלעבאָסטעוועט״; געגעבען דעם ניין־יאָהריגען לואי ברעקפעסט, איהם אַרויסגעשיקט זיך שפּילען אין דרויסען, און דערוויל זיך צוגעקוקט און זיך צוגעהערט צו דער ליי־ווינג־רום, וואו בעטי איז געזעסען ווי אַ נעכטיגע אין איהר נעכטיגער קלייד.

— רוטה, רוטהי! — האָט טעמקין גערופען זיין צוועלף־יאָהריגע טאָכטער מיט אַזאַ שטילער סודות'דיגקייט, ווי דאָ וואָלט געווען אַ גע־פערליכער חולה אין שטוב. — רוטהי, געה בעט דער מאַמען זי זאָל עסען ברעקפעסט.

רוטה, נאָך ניט זייענדיג אינגאַנצען אָנגעטאָן, איז צוגעגאַנגען צו איהר מוטער און זיך געבעטען, צופּענדיג דער מאַמען פאַר'ן אַרבעל:

— מאַ, מאַ, קום, קום עסען; פאַר וואָס געהסטו ניט עסען?

בעטי ענטפערט ניט.

— מאַ, — צופּט דאָס קינד דער מוטער פאַר׳ן אַרבעל, — מאַ!

און זי צעווײנט זיך, לאָזענדיג פאַלען איהר קעפּעל אויף דער מוטער׳ס שויס.

— וואָס וויינסטו, רוטהי? — פרעגט די מאַמע מיט געמאַכטער געלאַסענקייט און זי לייגט אַריין אַ האַנט אין רוטה׳ס געדיכט קעפּעל האָר.

— איך ווייס וואָס איך וויין, — ענטפערט רוטה, כליפּענדיג.

— וואָס וויסטו? — האָט בעטי געפרעגט, אויפהויבענדיג רוטה׳ס קעפּעל צו זיך, אַריינגעקוקט אין דער טאָכטער׳ס אויגען און דערפיהלט, אַז איהר צוועלף־יאָהריגע „יונג־פרוי" פאַרשטעהט מעהר, ווי די מאַמע האָט געדענקט.

די שטילקייט אין הויז איז געוואָרען נאָך געדיכטער. בעטי האָט מורא געהאַט מעהר צו פרעגען איהר טאָכטער; און טעמקין, מיט אָנגעשפּיצטע אויגען און אויערען, האָט נאָכגעשפּירט וואָס עס קומט פאַר דאָרטען אין ליווינג־רום ביי די „צוויי פרויען".

אַ כליפּענדיגער זיפץ פון רוטה׳ן האָט איבערגעריסען די שטילקייט. די מוטער האָט איהר מיידעלע אַ צערטעל געטאָן איבער דער פּלייצע און די מיידעלע איהרע האָט מיט אַ ברוגז׳ן טאָן געזאָגט:

— איך ווייס אַלץ.

די מוטער, וועלענדיג אַריינטרייבען איהר מיידעל אין דער קינדערשקייט אַריין, האָט זיך צובייזערט:

— דו ביזט אַ נאַרישע קינד; דו ווייסט גאָר ניט; שווייג!

אויף דעם האָט רוטה געזאָגט:

— איך ווייס שוין לאַנג . . .

בעטי האָט מעהר גאָר ניט געזאָגט; זי האָט גלייך אָפּגעשטעלט די „דעבאַטע".

פון קיך האָט טעמקין אַלץ געוואונקען צו רוטה׳ן, זי זאָל רופען די מאַמען, נעמען איהר אין קיך אַריין צום עסען.

רוטה האָט ווידער גענומען בעטען זיך ביי דער מוטער, זי זאָל געהן מיט איהר עסען.

— איך בין הונגעריג, מאַ, קום.

— געה, מיין קינד, געה און עס. איך וויל ניט עסען, איך קען ניט.

— איך וועל ניט געהן אָהן דיר, — האָט רוטה געסטראַשעט.

— זאָל ער אַרויסגעהן פון דאָרטען, — האָט די אָנגעברוגז׳טע בעטי געמאַכט אַ הנחה, — וועל איך דיך נעמען אין קיך און געבען עסען.

מיט אַן איינגעהאַלטענער פרייד האָט רוטה, מיט איהר קעפּעל אויף דער מוטער׳ס שויס, געוואונקען צום פאָטער, ער זאָל אַרויס פון קיך.

טעמקין האָט געהערט וואָס זיין פרוי האָט געזאָגט. ער האָט אויף גיך צוזאַמענגענומען זיין זונטאָגדיגע צייטונג, איז אַוועק אין שלאָף־צימער און זיך אַוועקגעלייגט לייענען. דורך דער טיר, וואָס ער האָט איבערגע־לאָזען אַ ברייט־צועפענטע, האָט ער נייגעריג זיך צוגעהערט ווי בעטי האָט פאַרנומען איהר פאָסטען אין קיך צווישען טיש און אויוועז און סינק; רוטה׳ס קול׳כעל איז אַלץ געוואָרען לעבעדיגער און הילכיגער. עס האָט זיך גענומען דערהערען בעטי׳ס ווייבליכע שטימע, וועלכע האָט איצט איהם געצופּט מיט אַ ספּעציעלען סעקסועלען רייץ.

אַלע מאָל ביי אַ ברוגז האָט בעטי׳ס נאָהענטקייט ביי בעני׳ן דערוואַ־רימט זיין האַרץ מיט אַ שפּאָגעל־נייעם טעם. דעם מאָל, נאָך אַזאַ סקאַנ־דאַלכעל דורך דער נאַכט, איז בעני טעמקין געווען גאָר אויסערגעוועהנ־ליך גליקליך, וואָס ער זעהט איהר שוין אין שטוב.

בעטי האָט אַלע מאָל גוט געוואוסט ווי בעני פיהלט, ווי ער לעכצט צו זעהן איהר שוין ווידער. זי איז געווען שטאָלץ מיט איהר מאַכט. זי האָט זיך געפיהלט געהויבען. זי האָט גערעדט און געהאַלטען זיך מיט זיכערקייט.

דעם מאָל, אָבער, האָט זיך בעטי ניט געפיהלט אין קיין געהויבענער שטימונג. זי איז געזעסען אַ צאַרנדיגע און אַ ציטעריגקייט האָט אומגע־שאָקעלט איהר באַטריבטע האַרץ.

* * *

מיט בעטי טעמקין האָט פון צוויי אַזייגער פאַרטאָג פּאַסירט פיל מעהר ווי דאָס, וואָס איהר מאַן וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלען.

בעטי טעמקין איז די נאַכט — טאַקע באַלד נאָך ווי בעני האָט פאַר איהר פאַרשפּאַרט די טיר — צום ערשטען מאָל אויף אַן אמת זינדיגען אופן געשטרויכעלט געוואָרען מיט אַ פרעמדען מאַן.

זי האָט געוואָגט עס צו טאָן מיט איהר אייגענעם ווילען. זי האָט ניט גערעכענט שוין צוריקצוקומען מעהר צו בעני׳ן.

6.

מיסעס בעטי טעמקין האָט דריי יאָהר נאָך איהר חתונה גענומען „אויסגעהן" מיט „אַנדערע", ניט חלילה מיט׳ן געדאַנק צו פאַרראַטען איהר מאַן. איהר בעני׳ן איז זי געווען געטריי; און אויסגעגאַנגען איז זי

ניט מיט אַבי וואָסערע מענשען, ניט מיט קיין שאַרלאַטאַנעס, ווי מאַנכע אויסגעלאַסענע פאַרהייראַטע פרויען טוען. זי איז אויסגעגאַנגען מיט וואַזשנע באַלעבאַטישע מענשען. ערשט נאָך איהר חתונה האָט זי אַנטדעקט דעם דאָזיגען וואַזשנעם קרייז מענשען — אַ קרייז, וואו מען האָט שטענדיג גערעדט וועגען היינטוועלטיגקייט און אינטעליגענץ; און ערשט נאָך דער חתונה האָט זי אַנטדעקט, אַז זי האָט אין איהרע מיידעלשע יאָהרען ניט דורכגעלעבט אָט יענע ליבעס־בילדער, יענע אָטעם־פאַרכאַפּענישען, פון וועלכע זי האָט געטרוימט און זיך אַנגעהערט. איהרע מיידעלשע יאָהרען זיינען אַוועק אין זוכען אַ תכלית — חתונה צו האָבען. זי האָט חתונה געהאָט מיט זעהר אַ פיינעם, עהרליכען מאַן, בעני טעמקין, אַן ערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, און איהר האָט זיך געלעבט גוט. און וויל איהר האָט זיך געלעבט גוט, האָט זי געקענט געהן צווישען מענשען און איינלאַדען צו זיך מענשען. אַלזאָ, האָבען די מענשען אין איהר אַנטדעקט אַ רייצענדע ווייבעל.

קורץ, איהר ערפאָלג אַלס פרוי האָט זיך ערשט אַנגעפאַנגען נאָך דער חתונה. צווישען די אַלע מאַנסבילען, וואָס האָבען איהר געמאַכט קאָמפּלימענטען און פאַרדרעהט דעם קאָפּ, זיינען געווען אויך איהר מאַנ׳ס נאָהענטע פריינד. די ערשטע גוטע ווערטער, מיט וועלכע זיי האָבען איהר קאָמפּלימענטירט, האָבען זיי געזאָגט אין איהר מאַנ׳ס אַנוועזענהייט. זיי האָבען עס אייגענטליך גאַר איהם, איהר מאַן, קאָמפּלימענטירט פאַר אויסקלייבען אַזאַ אַנטיק אַ ווייבעל ווי בעטי.

בעני האָט דערפון אַ סך נחת געהאָט און ער איז שטאָלץ געווען מיט זיין פרוי.

שפּעטער אַביסעל, ביי אַ געלעגענהייט, האָבען די זעלבע וואַזשנע מענשען קאָמפּלימענטירט בעטי׳ן אַליין. שטיל אין בעטי׳ס אויערען האָט בעני׳ס אַ נאָהענטער פריינד אַריינגעפליסטערט זיין באַגייסטערונג פאַר איהר מיט דער אַלט־באַקאַנטער האַלב־טראַגישער ליבעס־ערקלערונג:

— פּאַרוואָס, טייערינקע, האָבען מיר זיך ניט געטראָפען מיט אייניגע יאָהר פריהער, איידער עס איז געווען צו שפּעט.

בעטי פלעגט דערצעהלען איהר בעני׳ן ווי אַלע חלש׳ן אַוועק נאָך איהר, און בעני איז גליקליך געווען מיט זיך אַליין, מיט זיין ערפאָלג אין ביזנעס און מיט זיין ערפאָלג אין הייראַט.

בעני טעמקין, ווי געוועהנליך ערפאָלגרייכע מענשען וואָס זיינען שטאָלץ מיט זיך אַליין, האָט דאָן פון אייפערזוכט־געפיהלען ניט געוואוסט;

און בעטי טעמקין, אַלס שטילע, געטרייע פרוי, האָט ניט גע׳חלומ׳ט וועגן פאַרראַטען איהר מאַן.

מיט דער צייט אָבער האָט בעני׳ס ווערט געגומען פאַלען אין בעטי׳ס אויגען. דער אַמעריקאַנער ווערטעל: „קיין זאַך איז ניט אַזוי ערפאָלג־רייך ווי דער ערפאָלג אַליין״, איז געווען זעהר ריכטיג אָנגעמאָסטען אויף בעטי טעמקין. פון די קאָמפּלימענטען און פון אַלע צערטליכע קאַוואַ־ליערסקע באַנעמונגען צו איהר, האָט זי נאָך מעהר גענומען לויכטען. אירע בלישצענדיגע אויגען האָבען געקוקט מיט מעהר רייץ און האָבען אַרויסגערופען נאָך מעהר פאָדערונג צו איר.

בעטי אַליין האָט שוין געוואוסט, אַז איהר ערפאָלג איז אַ ריזיקאַלי־שער, אָבער זי איז דאָך פאַר׳שיכור׳ט געווען פון איהר ערפאָלג און ניט געקענט איינהאַלטען אין זיך די קאָמפּלימענטען, די פלאַטערנישען אַלס אַ סוד בלויז פאַר זיך. איהר האָט געצויגען צום רעדען, צו דערצעהלען דער גאַנצער וועלט ווי גליקליך זי פיהלט זיך. איהר וועלט איז אָבער געווען די היים מיט בעני׳ן. פלעגט זי זיך באַריהמען מיט׳ן ערפאָלג פאַר איהם, פאַר איהר מאַן. געמיינט האָט זי צו דערמאַנען בעני׳ן אַז ער זאָל גוט געדענקען וואָס פאַר אַן אַנטיק אַ ווייב ער האָט, און ווי אַלע ווילען זי פון איהם אויסכאַפּען.

— אוי, בעני, דו׳סט געדאַרפט הערען די קאָמפּלימענטען, וואָס מר. יאָעלסאָן האָט מיר געמאַכט. ער האָט מיר פשוט פון סטאָר ניט געוואָלט אַרויסלאָזען, — האָט בעטי איינמאָל אויסגעשריען.

בעני האָט שוין אַליין געוואוסט, אַז אָט דער מיסטער יאָעלסאָן, דער דראָגיסט, קוקט אויף בעטי׳ן מיט פאַסקודנע אויגען, און עס האָט איהם פאַרדראָסען וואָס זיין ווייב איז אַזוי פריטשמעליעט פון יאָעלסאָנ׳ס התפעלות פאַר איהר. און אין בעני׳ס האַרץ איז שוין עפּעס פון לאַנג גע־קומען אַן אומרוהיגקייט, — אָט יענע אומרוהיגקייט וואָס אַ גרויסהאַלטער אַ מאַן איז ניט גערן צו אַנערקענען, ווייל מען רופט עס אייפערזוכט.

האָט בעני אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב מיט בייזקייט:

— איז וואָס־זשע דערצעהלסטו עס מיר?

האָט בעטי דערפיהלט ווי אָפּגעגאָסען מיט אַ קאַלטען עמער וואַסער און זי האָט פאַרדראָסיג, כמעט ווי אַ צוקלעמטע, געענטפערט:

— אָלראַיט, בעני, וועל איך דיר מעהר ניט דערצעהלען; ווילסט ניט, איז ניט; וועל איך דיר ניט דערצעהלען.

— סאַי־ווי־סאַי דערצעהלסטו מיר ניט דאָס, וואָס דיר פאַסט ניט צו

דערצעהלען, — האָט בעני אַ פאַרכמורעטער איהר אויפגעוואָרפען, אַריינגעזאָגט, אַריינגעשניטען ווי ער האָט געדענקט.

אָבער דאָס אַריינשניידען זיינס האָט בעטי׳ן אויפגעמונטערט, און שטיפעריש האָט זי אויסגערופען:

— דזשעלאָוס, האַ?

בעני האָט ניט געענטפערט; ס׳איז איהם ניט אָנגעשטאַנען צו ענטפערען אויף דעם. פון זיין פאַרכמורעטקייט איז ער שוין ניט אַרויסגעקראָכען, און ביי בעטי׳ן האָט דאַן עפּעס געיובעלט אין איהר שטורעמדיגער האַרץ.

פון דאַן אָן האָט בעני׳ס ווערט גענומען פאַלען אין בעטי׳ס אויגען. ניט וועלענדיג צוגעבען, אַז ער איז אייפערזיכטיג, האָט ער איהר גענומען אָפּט זידלען, טשעפּען זיך צו איהר, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען סקאַנדאַלען אין שטוב. האָט שוין בעטי זיך אַרומגעזעהן, אַז איהר הייראַט מיט בעני׳ן איז אַ טעות, אַז בעני איז איהר ניט ווערט; אַז ווען זי וואָלט געשענקט פון איהרע וויבליכע געשאַנקען די וואָזשנע „אוכאַזשיוואַטעלעס״ איהרע אַ צענט־חלק פון דעם מיט וואָס דער „אונדאַנקבאַרער״ בעני ווערט פון איהר „באַגנאַדיגט״, וואָלטען זיי דאָך געוועזען אין זיבעטען הימעל פון גליק. זיי זאָגען דאָס איהר שטענדיג און לעכצען נאָך איין וואָרט פון איהר. און בעני שאַצט איהר ניט אָפּ. ער קריגט זיך נאָר מיט איהר און שרייט צו איהר „מאַך צו דעם מויל״.

אָבער זי האָט נאָך אַלץ געליטען און אַריבערגעטראָגען אַלע באַליידיגונגען פון איהר מאַן. זי האָט ניט געקענט מאַכען קיין לייטישע געלעכטער און אָוועקגעהן פון דער היים. זי איז ניט געוועזען קיין לייכטזיניגע פרוי צו פאַרגעסען, אַז זי איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער און אַז בעני איז איהר מאַן. אָבער איצט, אַז ער האָט איהר געקענט אַרויסשטויסען פון הויז צוויי אַ זייגער ביינאַכט פאַר אויסגעהן מיט פריינט, — דאָס האָט זי שוין ניט געקענט אַריבערטראָגען. זי האָט געטראַכט, אַז זי וואָלט זיך אַליין ניט געקענט קוקען אין פּנים אַריין ווען זי זאָל זיך נאָך ערלויבען צו זיין צו בעני׳ן אַ ווייב.

בעטי, ביי זיך אין איהר שטורעמדיגער האַרץ, האָט געוואוסט ווי זי האָט די גאַנצע פערצעהן יאָהר פון איהר פאַרהייראַטען לעבען געפירט אַ ביטערע מלחמה מיט אַלע איהרע געלעגענהייטען צו לעבען און געניסען. און אַט פאַר איהר עהרליכקייט האָט בעני איהר אַזוי אָפּגעטאָן! דאַן האָט בעטי זיך גענומען מוסר׳ען, אַז זי איז אַלע יאָהרען געוועזען אַ נאַר,

אַ צו ערליכער נאַר, אַז קיין פרוי אין דער וועלט וואָלט ניט געקענט ביישטעהן און פאַרבלייבען געטריי צו אַזאַ אומדאַנקבאַרען מאַן.

און דער כישוף פון ליבעס־ערפאָלג האָט געוואונקען צו איהר; דער געפיהל פון נקמה אָן אַ מאַן, וואָס איז ניט אידעל, איז געווען זעהר גרויס; איהר פריינד, עראָן ראַזאָווסקי, האָט אָט ערשט געקניט פאַר איהר און ניט געקענט זיך שיידען מיט איהר. האָט בעטי אויפגעהערט קלאַפּען אין דער טיר פון איהר היים, וואו איהרע צוויי קינדער האָבען געשלאָפען, אָבער וועלכע איהר מאַן האָט פון איהר פאַרשלאָסען, און איז אַוועק צוריק צו עראָן ראַזאָווסקי׳ס אַפּאַרטמענט.

איילענדיג מיט נערוועזע טריט צו ראַזאָווסקי׳ס אַפּאַרטמענט, האָט זי געוואָרפען אַ בליק צוריק אויף איהרע פערצען פאַרהייראַטע יאָהרען, און זי האָט ענטדעקט, אַז אייגענטליך האָט זי בעני׳ן קיינמאָל ניט ליב געהאַט. און ווען זי איז שוין אַריינגעפאַלען אין ראַזאָווסקי׳ס אָרעמס, צום ערשטען מאָל אַליין מיט איהם אין זיין אַפּאַרטמענט, איז זי שוין באַשטימט זיכער געווען, אַז זי האָט בעני׳ן טאַקע קיינמאָל ניט ליב געהאַט.

האָט בעטי ראַזאָווסקי׳ן ענדליך געשאָנקען אָט די נדבה, וואָס ער האָט ביי איהר האַרצרייסענד געבעטעלט מיט זיינע שטומע אונטערטעניגע בליקען כמעט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט זיך מיט איהם געקענט. און ווען זי איז געווען איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס, האָט זי איהם דער־צעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט צווישען איהר און איהר מאַן. מיט אַ טאָן פון אַנאַנסירען אַ באַגנאַדיגונג האָט זי געזאָגט:

— ענדליך בין איך פריי; איך בין אַוועק פון מיין מאַן אויף שטענדיג.

ראַזאָווסקי׳ס הענט האָבען אָפּגע׳חלש׳ט פון איהר, און זי איז גע־בליבען שטעהן אומבארירט פון איהם. ער האָט געוואָלט אויסשרייען מיט ערשטוינונג, „וואָס האָט איהר געטאָן?!״ אין דעם מאָמענט האָט ער זיך געפיהלט ווי אַן אָפּגענאַרטער, ווי בעטי וואָלט איהם דאָ אָט ערשט געהאַט אַריינגענאַרט פאַלשע געלט.

זיין צושראָקענער פּנים, זיין האַלטונג, האָט ביי בעטי׳ן אַרויסגערו־פען אַזאַ ענטריסטונג, אַזאַ בייזע, אַזאַ ווילדע פאַר אויגען, אַז ער איז סתם געבליבען אָהן לשון. ער האָט געזוכט צו פאַרריכטען זיין אומפאַר־זיכטיגען שטומען אויסדרוק און איהר אָנגענומען פאַרביידע אָרעמס, ציהען איהר צו זיך; אָבער זי האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהם.

ראַזאָווסקי האָט איהר ניט נאַכגעיאָגט. ער איז שוין געווען גאַנץ ניכטער וועגען דער לאַגע, אין וועלכער ער און בעטי זיינען דאָ איצט צו־זאַמענגעפאַרט. ער האָט איהר געלאָזען אָנ׳ברוגז׳ען זיך, וועט איהם זיין

פאַרשפּאַרט צו רעדען אָדער האַנדלען איבעראײלט אין דעם מאָמענט. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסווייזן פאַרעטערישקייט צו איהר דאָ, אין דעם צימער, וואו די וואַרימקייט פון זייער ביידענ׳ס אַקט האָט נאָך אָנגעפילט די לופט.

בעטי, ביי ווען דאָס איז געווען די ערשטע „העכסטע עברה", וואָס זי איז אַלס פרוי באַגאַנגען, איז געווען זעהר צוטומעלט און האָט ניט געקענט רעדען קיין וואָרט.

זי איז נאָך ניט געווען קיין ערפאַרענע זינדיגע פרוי, אַז זי זאָל קענען אָנשטעלען אַ קריגערישע האַלטונג אין אַזאַ סאָרט סיטואַציע. ליבע איז ביי איהר נאָך געווען אַ סענטימענטאַלער געפיהל, ניט קיין מאַרק־געשעפט אויף צו פירען אַ ניכטערע מלחמה.

איין זאַך האָט זי אָבער געוואוסט, בעטי, און דאָס איז, אַז זי איז דאָ אַן איבעריגע.

זי האָט אַלץ געמיינט, אַז ראַזאָווסקי איז גאָר אַנ׳אַנדער מענש. אַט ערשט איז ער דאָך איהר געפאַלען צו די פיס, געזאָגט אַז ער וועט זיין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט צו האָבען איהר שטענדיג לעבען זיך. אַך, אַך, אַזוי!

בעטי האָט אין דעם מאָמענט ניט געדענקט, אַז איהר מאַן, בעני, איז בעסער ווי ראַזאָווסקי. פון ראַזאָווסקי׳ס האַנדלונג איז בעני׳ס ווערט ביי איהר ניט געהויבען געוואָרען. און טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט פון איהר בעני׳ן שוין לאַנג ניט געהאַלטען, ניט געדענקט אַז ער איז איהר ווערט, דעריבער האָט זי געהאַט גענוג מוט צו טראַכטען וועגען געהן צוריק אַהיים — צו איהרע קינדער און צו איהר מאַן.

וועגען ראַזאָווסקי׳ן האָט זי זיך געטראַכט, אַז זיין וואָרט איז קיין וואָרט ניט; און אַ ווייב האָט ער דאָך אויך. זי וועט דאָך אַמאָל קומען פון קאַונטרי. האָט זי געמאַכט צורעכט איהרע האָר, שטיל אָנגעטאָן זיך און אַרויסגעכאַפּט זיך פון אַט דעם דאָזיגען פרעמדען אַפּאַרטמענט אײדער די שכנים פון הויז האָבען זיך אָנגעהויבען באַוועגען אין קאָרידאָר.

אַוועק איז זי צו יעטע׳ן איהר עלטערע שוועסטער, וועמען זי פלעגט אימער אויסמיידען צוליב איהר מוסר זאָגען. איצט אָבער האָט זי יעטע׳ן געדאַרפט האָבען אַז זי זאָל אויף אַ גלאַטליכען אופן איהר צוריק פאַרבינדען מיט דער פריהערדיגער וועלט, פון וועלכער זי האָט זיך אָפּגעריסען.

פאַר יעטע׳ן האָט בעטי דערציילט בלויז די טייל פּאַסירונגען פון דער נאַכט וואָס האָבען געקענט דינען צו באַשולדיגען בעני׳ן. האָט טאַקע יעטע אָפּגערופען בעני׳ן, איהם גוט אָנגעזידעלט, איהם געהייסען קומען און

איבערבעטען זיין באַליידיגטע ווייב און נעמען איהר אַהיים. און ער איז געקומען.

— נו, בעני, — האָט יעטע גערעדט צום שוואָגער אין אַ טאָן פון אַ צווייפאַכער מוטערליכקייט, — זיי ניט קיין פאַרשלאָפענער מענדעל און נעם איהר אַהיים. געהט אַהיים, קינדער, געהט.

בעני האָט זיך אַ דרעה געטאָן הין און אַהער, ווי געגרייט זיך צו נעמען בעטי'ן און געהן. אָבער ער איז געבליבען שטעהן מוטלאָז, ניט געהאַט וואָס צו זאָגען, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווייל בעטי האָט זיך ניט גערוהרט פון אָרט.

בעטי האָט זיך ניט אַזוי שנעל געלאָזען איבערבעטען מיט בעני'ן, ווייל לויט איהר באַגריף איז ער דאָך דער גאַנצער שולדיגער אין איהר בישט איינגעגעבענעם טרויעריגען לעבען.

— צו אַלע מיינע שונאים'ס קעפּ! — האָט זיך יעטע צושריען ווי אַ בייזע מאַמע אויף צוויי צולאָזענע קינדער, — איהר'ט געהן אַהיים, צי ניט, משוגענע וואָס איהר זייט!

בעני האָט אַ פּאַכע געטאָן מיטביידע הענט אין דער ברייט, וואָס דאָס האָט געמיינט, זעהט ווי איך בין דאָ הילפלאָז, ניט שולדיג.

האָט יעטע אַ וואונק געטאָן צו בעני'ן, אַז ער זאָל געהן. ער האָט געפאָלגט, בעני, ווי אַ געפערליכער קראַנקער פאָלגט צו נעמען די ביטערסטע מעדיצין אָבי עס זאָל זיך אויסלאָזען צום גוטען.

אַזוי שנעל ווי בעני איז אַרונטער די שטיגען, האָט יעטע אַרויסגעשטויסען בעטי'ן, באַגלייט איהר אַרונטער אין גאַס און אַריינגערעדט איהר אין אויער:

— דו ווילסט נאָך ברענגען צרות אויף זיך און אויף די קינדער. שטענדיג האָט מען פון דיר געהאַט גרויסע טראָבעלס. די מאַמע, עליה השלום, האָט געקראָגען אַ קראַנקע האַרץ פון דיר, און איצטער ווילסטו מיר פאַרקירצען די יאָהרען.

זי איז געשטאַנען, יעטע, אונטען אין גאַס און געזעהן ווי איהר שוועסטער און בעני זיינען אַוועק מיט פרעמדע שולטערען איינע לעבען די אַנדערע און זיי האָבען זיך פאַרקירעוועט אין דער גאַס אַריין, וואו זייער דירה געפינט זיך. אויף זייער אייגענעם בלאָק האָבען מר. און מרס. טעמקין, ניט צוזאַמענגערעדטערהייט, אויסגעגליכען זיך; פאַרטריבען ווי עס איז די כמאַרעס פון זייערע פּנים'ער ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער הויז, וואו זיי וואוינען, און אויף די שטיגען האָבען זיי זיך געשלעפּט לאַנגזאַם און באַזונדער און ווידער מיט אַנגעדרודעלטע פּנים'ער.

אַט זיינען זיי שוין אין שטוב, ווידערביידע. אַט זעהט ער איהר; זי איז דאַ, בעטי. וואַרימע, צאַרטע כוואַליעס ווייען דורך זיין צונומענער מאַנסבילשער האַרץ.

איז עס געווען דער שטילסטער זונטאָג אין דער הויז פון מיסטער און מיסעס טעמקין פאַר אַלע יאָהרען פון זייער פאַרהייראַטען טראַבעל־דיגען לעבען.

בעטי, כאָטש זי האָט זיך לפנים וועגען אַ גאַנצען טאָג פאַרנומען מיט די קינדער, איז אין אמת'ען דורכאויס געווען פאַרנומען מיט זיך. פאַר־נומען האָט זי זיך מיט די קינדער דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגען בעני'ס קוקען אויף איהר. פון די ווינקלען פון הויז, וואו ער האָט זיך איצט באַזעצט און פאַרשטעלט זיך מיט דער צייטונג, האָט ער ווי אַ וואַלד־חיה פון אַ נאָרע איהר פאַרפאָלגט מיט זיינע הונגעריגע בליקען און מיט זיין שפירען איהר לייב.

אַוועקגעהן פון הויז אויף אַ פּאָר שטונדען האָט זי ניט געוואָלט; זי האָט ניט געהאַט וואוהין צו געהן; עס האָט זיך איהר ניט געוואָלט ערגעץ געהן. זי האָט געוואָלט באַטראַכטען דעם פּלאַנטער, אין וועלכען זי געפינט זיך.

פון דער געשיכטע מיט ראַזאָווסקי'ן איז איהר איבערגעבליבען עפּעס אַ ביטערער טעם. עס ווילט זיך איהר וואָס שנעלער פאַרגעסען אָן דעם דאָזיגען וויזיט איהרען אין יענעם אַפּאַרטמענט. פון דער ראָמאַנטישער אַוואַנטורע איהרער האָט זיך אויסגעלאָזען אַזוי פּאַסקודנע, אַז עס איז איהר פּראָסט שרעקליך דערפון.

אָבער מיט דעם האָט זיך נאָר וואָס געענדיגט אַ קאַפּיטעל פון איהרע האָוועניסען, און זי זעהט ניט קלאָר וואָס עס שטעהט איהר איצטער פאָר.

איז עס, הייסט עס, אַ סוף צו איהרע אינטערעסאַנטע אָווענטען? וועט זי בלייבען ביי בעני'ן אַ ווייב און ווייטער איז אַלץ געענדיגט? זי האָט דאָך נאָך גאָרניט געלעבט.

בעטי האָט זיך געפונען אין דעם צושטאַנד פון אַ מיידעל, וואָס האָט אַ סך פאַרעהרער, אָבער יעדער פאַרעהרער האָט עפּעס אַ חסרון; עס מאַכט זיך איהר אַ פּראַקטישער שידוך אָהן „ליבע שמיבע", און זי דאַרף איצט באַשטימען אָהער אָדער אַהין; און דער פּראַקטישער שידוך איז בלויז בעני און מעהר קיין אַנדערער; די היים און מעהר קיין אַנדער זאַך. די ערפאָהרונג מיט ראַזאָווסקי'ן איז געפאַלען אויף איהר געמיט זעהר שווער און זי האָט ניט געקענט דערטראַכטען זיך וואָס פון איהר וועט ווערען.

ס'איז צוגעפאַלען די נאַכט; די קינדער זיינען שוין אַוועק שלאָפען,

האָט בעטי זיך פאַרנומען אַרויסצוגעהן פון שטוב. זי האָט בעסער גע־וואָלט זיך לעגען אָפּרוהען נאָך אַזעלכע איבערלעבונגען, אָבער ווען זי זאָל אָט אַזוי פאַרבלייבען אי דעם גאַנצען טאָג, אי דעם גאַנצען אָוונט אין בעני׳ס הויז, וואָלט עס געהייסען, אַז זי גיט צו זיין זיג און איהר אונ־טערטעניגקייט. בעטי איז דאַן נאָך ניט געווען קיין דורכגעטריבענע ליבע־זוכערין. זי האָט זיך נאָך געבלאָזען מיט גאוה געגען איהר מאַן, ווי אַ ריינע, אָרענטליכע פרוי טוט עס. אַלזאָ, האָט זי זיך אָנגעטאָן אַרויס־צוגעהן.

בעני, וועלכער האָט דעם גאַנצען טאָג געוואָרט אויף איהר מיט נער־וועזער בייגעריגקייט ווי ער וואָלט דאָ האָבען אַ „דעיט" מיט איינער אַ ווייט־פרעמדער, פיל פאַרשפּרעכענדער פרוי, האָט איהר איבערגענומען ביים טיר:

— בעטי.

ער האָט איהר פאַרשטעלט דעם וועג, און זי האָט צוריק־געטראָטען אין הויז אַריין, ניט צו שטעהן צו נאָהענט צו איהם, אַנצוהאַלטען איהר פּחד אויף איהם. זי האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ גיפטיגען צאָרן, וויל געהאַלטען אין זינען האָט זי איצט ראַזאָווסקי׳ן. ראַזאָווסקי׳ס באַטרוג געגען איהר; און בעני איז דאָך פאַר איהר דאָ געשטאַנען אין ראַזאָוו־סקי׳ס ראָלע פון פלאַטערען איבער איהר.

— לאָז מיר געהן, — האָט זי געזאָגט מיט אַן אַנשטעל פון פאַר־צווייפלונג, וואָס האָט געמיינט אי טראַגעדיע, אי אַ סטראַשונאַק.

— בעטי, — האָט בעני קנעכטיש זיך געבעטען, ווען זי האָט זיך געקליבען אַרויסצוגעהן — געה ניט אַוועק!

זי האָט ניט געענטפערט. זי האָט דעם אָוונט ניט געוואָלט איבער־טרייבען ניט מיט בייזקייט און ניט מיט גוטסקייט.

— בעטי, — האָט בעני ווידער אַמאָל זיך געבעטען און ער האָט איהר אָנגענומען פאַר די הענט.

צו זיין איבערראַשונג האָט זי איהם ניט אָפּגעשטויסען, ווי זי פלעגט עס אַלע מאָל טאָן אין אַ קריג. זי האָט בלויז געזאָגט אין אַ שטילען טאָן פון אַ געקריוודעטער:

— געה אַוועק, בעני; געה אַוועק; דו האָסט אויף מיר קיין מאָל קיין רחמנות ניט.

אַז ער האָט דערהערט פון איהר דעם וואָרט „רחמנות", האָט ער שוין געוואוסט, אַז זי וועט זיך לאָזען איבערבעטען.

מיט דער ראָמאַנטישקייט פון אַן אמת׳ען מייסטער, וואָס בעני האָט

עס שוין ניט פֿאַרמאָגט פֿאַר יאָהרען, האָט ער איהר אַרומגענומען, אוועק־גענומען איהר פֿון דער טיר אין די צימערען אַריין, און ער האָט צו איהר גערעדט:

— איך גיב צו, בעטי, אַז איך האָב ניט ריכטיג געהאַנדעלט. נו, זיי אַ גוטינקע, און פֿאַרגיב מיר.

ער האָט איהר געקושט און געהאַלזט, און זי, וועלענדיג געבען איהם עפּעס אַן אַרגומענט ווייל זי האָט זיך ניט געוועהרט געגען איהם, האָט זי איהם געמוסר׳ט.

— דו האָסט מיך ניט ליב ווי עס באַדאַרף צו זיין: דו האָסט מיך קיין מאָל ניט ליב געהאָט.

בעני האָט עס אָנגענומען פֿאַר אַ ראַיעלער טענה געגען איהם, און ער האָט מיט געטרייסטע ווערטער זיך פֿאַרענטפֿערט און פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט איהר יע ליב.

און בעני טעמקין האָט זיך ערשט אָט יענעם זונטאָג אוועקגעגעבנט איבער־צייגט אין זיין בעטי׳ס אומשולד, און אין איהר געטריישאַפֿט צו איהם.

ער האָט זיך קיינמאָל ניט געפֿיהלט אַזוי גליקליך פֿאַרהייראַט ווי אָט יענעם זונטאָג.

7.

אויף מאָרגען, מאָנטאָג, האָט די זון גאַנץ פֿריה געגעבען סמנים אויף אַ גאַנץ הייסען טאָג. ווי געוועהנליך אין אַזאַ זומערדיגען טאָג, נעמט בעטי איהרע צוויי קינדער און פֿאָהרט מיט זיי צום ים באָדען זיך; און דאָרטען, זומער, ביים ברעג ים טרעפֿט זי זיך מיט איהר קרייז, מיט איידאַ לעווין, מיט איידאַ׳ס קאַוואַליערען, מיט ראַזאַווסקי׳ן און מיט נאָך אַנדערע.

מען טרעפֿט זיך שוין צוזאַמען אויף דעם שטענדיגען ראַנדעוואו־פּלאַץ, ביים ביטש.

נעכטען האָט בעטי ניט געטראַכט וועגען דעם דאָזיגען פּלאַץ און ניט וועגען איהר קרייז מענשען. נעכטען איז זי געווען איבערצייגט, אַז זי איז פֿאַרטיג מיט איהרע פֿריינט, ווייל די וועלטעל, וואו זיי געפֿינען זיך, איז פֿאַר איהר אונטערגעגאַנגען. היינט אָבער, מאָנטאָג אינדערפֿריה, גלייך ווי זי האָט אויפֿגעעפֿענט די אויגען, האָט די גאַנצע סיטואַציע פֿאַר איהר אויסגעזעהן גאָר אַנדערש, גאָרניט אַזוי קאַטאַסטראָפֿאַל ווי נעכטען. זי האָט געפֿיהלט ווי אַן אויסגעניכטערטער שכור, וועלכער געדענקט דעם נעכטען ווי אַ ווייטע אויסגעבלייכטע פּאַסירונג; עס לעכצט שוין ווידער

דער האַלז פּאַר אַביסעל בראַנפּען, און ער דערזעהט ערשט אויף דאָס ביי, אַז אָהן דעם ביסעל בראַנפּען איז זיין לעבען גאָרניט ווערט.

זי וויל זיך טרעפען ווידער מיט איהר קרייז. צוליב די ראַשיגע אומ־ערוואַרטעטע פּאַסירונגען פון דעם לעצטען מעת־לעת האָט זיך בעטי'ן אָפּגעדוכט מאָנטאָג אין דער פריה, אַז זי איז שוין לאַנג, זעהר לאַנג, ניט „אויסגעגאַנגען". איז קען זי ניט פאַרזעסען ווערען אין הויז. ניין, זי וועט ניט אָפּשניידען איהר יונגען לעבען. זי וועט געהן היינט צום ביטש; זי וויל אַלעמען זעהן.

ראַזאָווסקי? יע, ראַזאָווסקי וועט דאָרטען אויך זיין. נו, איז וואָס? אדרבה, זאָל ער דאָרטען זיין. זי וויל טאַקע, איהם אויף צו'להכעיס, אַז ער זאָל איהר זעהן. עס ווילט זיך איהר זעהן ווי אַזוי ער וועט קענען איהר קוקען גלייך אין די אויגען, דער פאַדליעץ.

בעטי האָט זיך גענומען איילען קיין קוני־איילענד צום ים. זי האָט זיך פאַרנומען צום איבערלאָזען די הויז אין אָרדנונג, געטריבען די קינדער צו ברעקפעסט, און ראַזאָווסקי איז ווידער אַריין אין איהר מח.

בעטי טעמקין, וועלכע האָט צום ערשטען מאָל ערמאָרדעט איר „פרויען עהרליכקייט", האָט זיך געפונען אין דער פסיכאָלאָגישער צוטומעלטקייט פון דעם גנב, וואָס באַגעהט דעם ערשטען מאָרד.

עס ציהט אַזאַ סאָרט מערדער צום פלאַץ פון זיין פאַרברעכען, צום פלאַץ, וואָס שרעקט איהם. — אַזוי האָט בעטי'ן גענומען ציהען צו זעהן ראַזאָווסקי'ן, דעם מענשען, וועלכען זי וויל ניט אָנקוקען.

די פּאָר שטונדען, וואָס זי האָט אומגעפּאַדעט איבער'ן אַפּאַרטמענט, ביז זי איז פאַרטיג געוואָרען צום פאָהרען קיין קוני־איילענד, איז זי געווען ווי אַ צווייענדיגע: איינע האָט גענאַרט דער אַנדערער, און יעדע פון די צוויי אין איהר איז געווען איבערצייגט, אַז זי, און נאָר זי, איז גערעכט.

וואָרים בעטי'ן האָט גענוג געקאָכט דאָס האַרץ מיט גיפטיגען צאָרן אויף דעם געמיינעם מענשען, אויף אָט דעם באַטריגער ראַזאָווסקי. וואָרים זי האָט פּאַר איהם אַלעס געאָפּפערט, ווייל זי האָט געגלויבט אין די גוטע ווערטער, וואָס ער האָט איהר אַלע מאָל געזאָגט. און לסוף האָט ער איהר אַזוי אָפּגענאַרט. זי האָט איהם פאַרגעשלאָגען איהר עהרליכקייט, און ער האָט איהר אויסגעלאַכט. איז איצט, ווען זי איז צוריק ביי זיך אין דער היים, אַ געראַטעוועטע, און אַלץ קען איצט זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין, קען זי ערשט פריילאָזען איהר כעס אויף ראַזאָווסקי'ן, און זי וויל גאָר ניט טראַכטען וועגען איהם, דעם געמיינעם פאַרמאַסקירטען נפש. ווען זי

דערזעהט איהם אין גאס, וואלט זי אפגעקערט דעם קאפ; אנטלאפען וואלט זי, אז זי זאל אפילו ניט הערען ווי ער וועט אנרופען איהר נאמען.

אבער אזוי שנעל ווי בעטי האט זיך געגומען פארשטעלען ווי זי באַגעגענט זיך מיט ראזאָווסקי׳ן, ווי זי מאכט זיך איהם ניט זעהענדיג און זי פיהלט ווי ער קוקט אויף איהר, האט זי דערפיהלט, אז זי וואלט ניט געקענט אוועקגעהן, ניט געקענט זיך ריהרען פון פלאץ.

אט אין דעם פארדאמטען ראזאָווסקי׳ן האט זי געהאט גרויס געגוס. זיך פארצושטעלען ווי ער געהט צו צו איהר — דאס איז איהר געווען מערקווירדיג אינטערעסאנט.

פון גאנץ אין דער פריה אן האט בעטי אין זיך געשאפען א פארגעפיהל, אז היינט וועט זי זעהן ראזאָווסקי׳ן; דער פארגעפיהל האט אייגענטליך געהאט צו טאן מיט דעם אנגענעהמען געפיהל, אז ראזאָווסקי וועט איהר זעהן; ער וועט אויף איהר קוקען מיט זיינע הונגעריגע אויגען; זי וועט שטעהן אפגעקערט פון איהם; מיט א פארצארנטען פנים וועט זי פיהלען זיינע בליקען אויף איהר, און זי וועט האבען נקמה אן דעם ליגנער. און עס האט איהר געצויגען צו דעם דאזיגען „ליגנער", צו ראזאָווסקי׳ן.

אז בעטי איז פארטיג געוואָרען מיט איהר ארבייט אין שטוב, מיט די קינדער, און אלץ איז געווען געגרייט צום פאהרען קיין קוני־איילענד, האט זי אפגערופען איהר פריינדינע איידא לעווין. זי האט געוואלט זיין זיכער אז איידא וועט זיין ביים ביטש.

יע, געוויס וועט איידא זיין ביים ביטש.

אין א מינוט פופצעהן־צוואנציג ארום האט דער טעלעפאן געגומען קלינגען, און —

עס האט איהר עפעס ווי א זעץ געטאן אין הארצען. מיט א ציטערדיגע האנט האט זי צוגעלייגט דעם רעסיווער צו איהר אויער.

יא, זי האט קיין טעות ניט. ס׳איז ראזאָווסקי.

א היץ האט איהר ארומגעכאפט דעם מח, ווען זי האט דערהערט ראזאָווסקי׳ס רוהיגע שטימע מיט די פאראויס־געפלאנטע ווערטער זיינע:

— העללאו, טייערינקע. יע, יע, בעטי, ליבינקע; איך ווייס, איך גיב צו, אז איך בין אייך א גרויסער בעל־חוב. אבער בעטי, בעטינקע, מיר מוזען זיך זעהן. איך וועל עס ניט אריבערטראגען; איך מוז אייך זעהן. איך מוז אייך עפעס ערקלערען. בעטי, איהר מוזט מיר אויסהערען.

— איך האב אייך פיינט — האט זי געזאגט מיט א שטארק פאר־ברוגז׳טען קול. — אויב איהר ווילט, קומט צום ביטש. איך וועל דארטען זיין מיט מיין פריינדינע. אה, איהר ווילט זעהן מיר אליין? איהר האט

מיר גאָר ניט צו זעהן און גאָר ניט צו זאָגען. אויב איהר ווילט, קענט איהם קומען צום ביטש, און אויב ניט, איז גוד־באַי! יע, גוד־באַי! — און זי האָט אויפגעהאַנגען דעם טעלעפאָן רעסיווער איידער ראָזאָווסקי האָט געענדיגט רעדען.

זי איז געבליבען שטעהן ביים טעלעפאָן נאָך אַלץ זעהר אַ צוטומעלטע, און זי האָט ניט געדענקט וואָס זי האָט גערעדט.

וואָס ראָזאָווסקי האָט גערעדט און ווי ער האָט זיך ביי איהר געבעטען, האָט זי גוט געדענקט — יעדען וואָרט זיינעם; זי איז אָבער ניט געווען זיכער אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט. זי האָט מורא געהאַט, פּשוט געציטערט, צי האָט זי איהם ניט געזאָגט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל איהם מאַכען צו דענקען, אַז זי חלש'ט איצט נאָך איהם; און זי האָט אויך מורא געהאַט, טאָמער האָט זי געזאָגט אַזוינס, וואָס איהם וועט אָפּשרעקען צו קומען היינט צום ביטש.

און דוקא איצט, ווען ער האָט געהאַט „אַ נוירוו" (חוצפּה) איהר אָפּצורופען אויפ'ן טעלעפאָן, האָט זי נאָך פיבערישער געהאַט דעם פאַרלאַנג צו זעהן איהם און אַז ער זאָל איהר זעהן.

„אַ נוירוו" אָפּצורופען, אַזוי האָט זיך עס אויסגעלייגט אין איהר געדאַנק, און בעת מעשה איז איהר האַרץ געשפּרונגען פאַר פריידי, וואָס ער האָט איהר אָפּגערופען. וואָרים ווען ער רופט איהר ניט אָפּ, וואָלט עס איהר זעהר און זעהר וועה געטאָן.

מיט אַ געוואַלדיגער אומגעדולדיגקייט איז זי געפאָהרען קיין קוני־איילענד. געוואוסט האָט זי, אַז דאָס איינציגע, וואָס איהר ציהט איצט צום ביטש, צום באַשטימטען אָרט, איז דאָס, וואָס זי איז זיכער, אַז ראָזאָווסקי וועט אַהין קומען. און ערשט איצט האָט זי דערפיהלט, אַז עס ציהט איהר צו איהם. דוקא דערפאַר, ווייל ער האָט איהר אַזוי געמיין אָפּגענאַרט, און אַזאַ „נוירוו" געהאַט אָפּצורופען איהר און רופען איהר „טייערינקע".

זי האָט עס קלאָר דערפיהלט אין זיך, און זי האָט זיך אַליין ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי זאָל זיין אַזוי, נאָכדעם ווי ראָזאָווסקי האָט איהר אַזוי באַטראָגען.

איהר האַרץ איז געווען פול מיט גיפטיגען צאָרן און האַס צו איהם, און דוקא דערפאַר האָט איהר געצויגען צו איהם. עס איז געווען אַזוי ווי עס ציהט אַ געמבלער, וואָס האָט פאַרלאָרען און וועלכער ווייס, אַז מען האָט איהם אָפּגענאַרט, צו „אינוועסטען" ווידער אַמאָל אין אַ געמבלינג שפּיל, כדי אָפּצוגעווינען דאָס פאַרלאָרענע.

8

אין דעם באַשטימטען פּלאַץ ביים ברעג־ים האָבען פון איינס אַזייגער אָן בעטי׳ס צוויי קינדער זיך געפּליושקעט אין וואַסער, געקייקעלט זיך אין זאַמד, געשפּילט באַל און געגעסען די אַלערליי קוני־איילענדער מאכלים צוזאַמען מיט זייערע באַקאַנטע אינגלעך און מיידלעך. אַ צעהן־צוועלף יאַרד ווייטער איז זייער מאַמע געלעגען אין איהר נאַסען בעדינג־סוט מיט׳ן פּנים און מיט פאַרמאַכטע אויגען צום זוניגען הימעל און גע׳חלומ׳ט וועגען איהרע אינטערעסען.

מיט׳ן פּנים אַראָפּ צום זאַמד, לעבען בעטי׳ן, איז געלעגען איידאַ לעווין, לעבען וועמען עס איז געזעסען איהר פריינד, מיסטער דזשאָזעפסאָן, און האָט איהר, איידאַ׳ן, געגלעט, גע׳חכמה׳ט זיך, אַליין געלאַכט מיט אַ פערדישער הירזשעריי, און געריסען שטיקער פון איהר בעדינג־סוט, אין וועלכען עס האָבען זיך געקנייטשט פאַלדען פון איהר, איידאַ׳ס, לייבי־גער לייב.

— „פּליעז, דאָנ׳ט", — פּלעגט איהם איידאַ געבען אַ פּאַטש איבער זיין האַנט, און דערביי אַ שמייכעל טאָן, ווי אַן אַקטריסע צום פּובליקום, ער זאָל חלילה ניט דענקען, אַז זי קען איהם ניט פאַרליידען.

איידאַ לעווין איז געווען אַ יונגע און שעהנע, פעטע און גוטמוטיקע פרוי, אַרום וועמען עס האָבען זיך שטענדיג געראַיעט מיטעל־יאָהריגע מענער. איהר אייגענער מאַן, לעווין, אַ פאַרהאַרעוועטער האַלסעילער מיט אַ ריזיגער סטאָר דאַון־טאַון, איז אויך געווען אַ מיטעל־יאָהריגער מענש. זי איז מיט אַלעמען אויסגעקומען מיט אַ צופרידענשטעלענדען אופן, און זי אַליין איז אויך שטענדיג געווען אַ צופרידענע.

דער מיסטער דזשאָזעפסאָן, וועלכער איז דאַן אין קוני־איילענד אויפ׳ן זאַמד געווען מיט איידאַ׳ן, איז שוין לאַנג אַריבער די מיטעלע יאָהרען; ער איז געווען אַן אַלטער מאַן, און איז געווען איידאַ׳ס „סטעדי באַי־פרענד".

בעטי האָט דעם אַלטען מיסטער דזשאָזעפסאָן פיינט געהאַט, און זי האָט אָפט איהם אַ בריה געטאָן, אַ שטאָך געטאָן מיט אַ וואָרט, אין שפּאַס, הייסט עס, און איידאַ פלעגט עס פאַרגלעטען און פאַרטומלען מיט גע־לעכטער און מיט אַ שטיפעריי, וואָס האָט געמאַכט דזשאָזעפסאָנ׳ען פיהלען גוט.

אין יענעם מאָנטאַג, ווען בעטי׳ן איז געווען זעהר קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען, און זי איז געלעגען פאַרטראַכט מיט איהרע פאַרשטעלטע אויגען צו דער גליהענדער זון, האָט זי דעם אַלטען דזשאָזעפסאָן נאָך מעהר פיינט געהאַט. מעהר ווי אַלע מאָל איז אָט דער אַלטער קאַוואַליער געווען פאַר

איהר דער סימבאָל פון דער פרוי'ס טראַגעדיע, וואָס בעטי האָט דאָן גע־פיהלט זעהר טיף און שניידענד וועהטאָגדיג.

ווען דזשאָזעפסאָן האָט זיך גענומען לוסטיג מאַכען מיט זיין אָפּלאַכען פון די אַלערליי פּאַרמלאָזע פּרויען־פיגורען אויפ'ן ביטש, האָט בעטי מיט אַן אמת'ן גיפטיגען כעס איהם אַ זאָג געטאָן:

— פאַרוואָס קוקט איהר ניט אַריין אין שפּיגעל אויף זיך אַליין?

איידאַ האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן צו צוטומלען בעטי'ס אומטאַקט־טישקייט. זי האָט סתם געלאַכט, איידאַ, גענומען קיצלען דעם אַלטען דזשאָזעפסאָנ'ען, ער זאָל לאַכען, און צו בעטין האָט זי געזאָגט ליבליך:

— אָי, ביסטו אַ בעטקע, אָי, קענסטו פּלאַפּלען, — און זי האָט פאַרענדיגט מיט אַ קניפּ־טאָן בעטי'ן, טאַקע מיט אַ שטאַרקען אמת'ן קניפּ.

בעטי האָט מעהר גאָר ניט גערעדט. זי האָט דאָן שוין אויך איידאַ'ן ניט געקענט פאַרגעבען פאַר איהר שקלאַפּערישער האַלטונג צו אַבי וועל־כען מאַן.

ביי איידאַ'ן איז עס אָבער ניט געווען קיין געפיהל פון שקלאַפּעריי צו אַ מאַן, נאָר אַ געפיהל צו לעבען אַ גוטען טאָג מיט אַ לייכטען האַרצען.

געליבטע האָט איידאַ געהאַט און פאַרשידענע אין אַלערליי צייטען. לייכטע פאַרטשעפּענישען האָט זי גאַנץ אָפט געהאַט מיט צוויי און מיט דריי אויף אַמאָל. איהר אייגענער מאַן איז אָבער פון איהר שטענדיג נתפּעל געוואָרען און ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ גליקליך פאַרהייראַטען מענשען.

איידאַ, אַלס מענש מיט אַ זעהר געטרייען כאַראַקטער און איבערגע־בענער נשמה צו יעדען, איז ווירקליך געווען זעהר אַ גוטע, געטרייע וויב צו איהר מאַן. זי איז אויך געווען אַ בריה אין איהר שטוב, וואו עס האָט געבלאַנקט און געפינקעלט אין יעדען ווינקעלע. מיט איהר זיין גוט און געטריי אַלס וויב צו איהר מאַן, דעם מיסטער לעווין, און מיט איהר פליר־טעווען אָפען פאַר איהם אין די אויגען מיט אַנדערע „אויף שפּאַס", האָט זיך איהר מאַן פאַלשטענדיג איבערצייגט, אַז פון אַלעמען מאַכט זי בלויז חוזק, און נאָר איהם אַליין איז גוט ווי די וועלט. ער האָט ממש געפיהלט איהר איבערגעבענהייט, ווען ער איז מיט איהר געווען איינער אַליין אין דער שטילער, שעהנער, רוהיגער היים זייערער.

דער אַלטער מיסטער דזשאָזעפסאָן איז אין אַלע צייטען געווען איידאַ לעווינ'ס „באָי פרענד", ווייל ער איז געווען ווירקליך אַן אַלטער מאַן, אַ שוואַר־בייכיגער איד, אַ פאַרזעהעניש און ער איז געווען גאַנץ רייך. איז מיסטער דזשאָזעפסאָן געווען דער לעצטער, אויף וועמען אַ מאַן קען

זיין אייפערזיכטיג, און ער איז געווען דער ערשטער און בעסטער צו ספּענדען געלט און געבען „פּלעזשור" דער גוטער, געטרייער דיפּלאָמאַ־טישער איידאַ׳ן, וועלכע האָט אויף איהר בראַווען אופן אויפגעהאַלטען זיין פּרעסטיזש אַלס דאַמען־העלד.

איז דזשאָזעפסאָן אייגענטליך געווען דער „ספּעיר" (דער זאַפּאַסנער) געליבטער. ער האָט עס געוואוסט און עס האָט איהם ניט געאַרט. אדרבא, ער פלעגט זאָגען אויף שפּאַס, דאָס ער איז ביי יעדער יונגער שעהנער געליבטע „דער שטענדיגער", „דהי אַלד רילאַיעבעל" (דער אַלטער, דער זיכערער), ווי איידאַ האָט איהם איינמאָל אָנגערופען.

דזשאָזעפסאָן איז ניט געווען אויסען וועג פון האַלטען זיך אַלס דער „שטענדיגער", ווייל ער איז עס געווען אויף אַ מעהר ערנסטען אופן ווי ער אַליין פלעגט פון זיך שפּאַסען. אַרום איהם האָבען זיך שטענדיג געראַיעט שעהנע פרויען און סתם הויכגעשטעלטע מענשען. ער איז געווען אַ בעל־צדקה, דזשאָזעפסאָן, אַ פּרעזידענט פון אַ שפּיטאָל און אַ פּרע־זידענט פון אַ טעמפּעל. ווער עס איז געווען נאָהענט צו איהם האָט פאַר־קערט אין אַ העכערער געזעלשאַפט. דאָקטוירים, אַרטיסטען, ראַבאַיס און רייכע לייט, וואָס זיינען בעלי־צדקות, זיינען געווען דזשאָזעפסאָנ׳ס פריינד. צו בענעפיט פאָרשטעלונגען, באַנקעטען און לאַנטשאָנס אין געהויבענע האָטעלס איז איידאַ אימער מיט איהם מיטגעגאַנגען. די פרוי זיינע, מיסעס דזשאָזעפסאָן, איז שטענדיג געווען פאַרהאַוועט מיט קורירען זיך. אַלע איהרע טעג און יאָהרען האָט זי פאַרספּענדעט אין פאַרען אין מאָונט קלעמענס צוליב איהר רומאַטיזם, אין סאַראַטאָגאַ און שעראָן ספּרינגס צוליב איהרע אַנדערע קאָמפּליצירטע קראַנקהייטען, און אין לעיקוואוד, וואו זי פלעגט פאָרען ערהאָלען זיך נאָך יעדער אַטאַקע פון אַ קראַנקהייט און נאָך יעדער קוראַציע. די חרוב׳ע מיסעס דזשאָזעפסאָן איז כסדר אַרומגעפאָרען צו דאָקטוירים און צו קור־ערטער ראַטעווען זיך, און אויף דעם פאַרנאַכ־לעסיגטען מיסטער דזשאָזעפסאָן האָבען אַכטונג געגעבען אַנדערע, איינ־געדע פאַרנאַכלעסיגטע פרויען.

איידאַ איז צוגעצויגען געוואָרען צו מיסטער דזשאָזעפסאָנ׳ען צוליב דער געהויבענער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט איהר און איהרע פריינדינס אַריינגעפירט. אין דזשאָזעפסאָנ׳ס קראַוד, טאַקע אויף אַ פּאַרטי, וואָס דזשאָזעפסאָן האָט געגעבען פאַר דעם האָספּיטאַל, האָט זיך בעטי באַ־קענט מיט ערנאָ ראַזאָווסקי. ראַזאָווסקי איז געווען אַ געהויבענער דעקלאַ־מאַטאָר, וועלכער האָט אַנטייל גענומען אין די צדקה אונטערנעמונגען, וואָס דזשאָזעפסאָן האָט „געספּאָנסאָרט".

צו איידאַ'ן האָט זעהר אַפּעלירט דזשאָזעפּסאָנ'ס „קראָוד", אין וועלכען זי האָט זיך געפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער. צוליב דזשאָזעפסאָנ'ען, וועמען אַ סך מענשען האָבען געדאַרפט נויטיג צוליב פּרנסה, פּרעסטיזש און קאַריערע, האָבען אָט די אַלע הויך־געשטעלטע קאַריעריסטען אָפּגעגעבען איידאַ'ן גרויס כבוד. זי האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך דערפון, און איהר גנעדיגקייט צום אַלטען דזשאָזעפסאָנ'ען איז געקומען אויף אַן אמת'ען אופן, אָפט, אין מאָמענטען פון צוהוליעטקייט, מיט אַן אמת'ער באַגייסטערונג.

בעטי'ן איז קיינמאָל ניט געפעלען געוואָרען ווי איהר פריינדינע האָט זיך געפירט. זי האָט זיך אָבער שטענדיג געפיהלט זעהר און זעהר גוט לעבען איידאַ'ן, וואָרים איידאַ איז געווען אַ ליבער און טייערער פריינד, אַזאַ אמת'דיגער פריינד, אַז מען האָט געפיהלט לעבען איהר וואַרימקייט און באַשיצונג.

זי האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט צוזעהן, בעטי, ווי איידאַ קען אַ גלעט טאָן דעם, אַ קוש טאָן יענעם, צי אַלט, צי יונג, מיאוס אָדער שעהן. אַלץ האָט זי געטאָן מיט אַ לייכטען הארצען, און צו דער זעלבער צייט האָט זי איהר אייגענעם מאַן געצערטעלט, גערופען איהם „דאַרלינג" און „האָני", און ס'האָט זיך איהר אַפילו ניט אַ שלוקערץ געטאָן.

בעטי האָט ניט געקענט צושטימען ביי זיך, אַז דאָס איז ליבע.

ווען זי האָט איינמאָל געהאַט אַן אינטימע דעבאַטע מיט איידאַ'ן וועגען דעם, האָט איידאַ איהר געענטפערט:

— מיין מאַן איז מיט מיר מעהר צופרידען ווי דיינער מיט דיר. איך זאָג מיין מאַן אַ קליינטשיגען ליגען יעדע ווילע, שאַדט עס איהם ניט, — און זי האָט זיך צולאַכט, איידאַ, מיט איהר פעטליכען גוט־מוטיגען געלעכטערעל, אַז זי האָט בעטי'ן דאַן אויסגעקוקט סימפּאַטישער ווי אימער.

— אוי, איידעלע, — האָט בעטי שטיפעריש געסטראַשעט איהר פריינדינע, — דו וועסט אַמאָל אַריינפאַלען אין אַ ריכטיגע צרה מיט דיינע חכמה'לאך.

— דו ביסט אַ גרויסער נאַר, — האָט איידאַ געזאָגט, אַנגעמענדיג פלוצלונג אַ זעהר ערנסטען טאָן, — דו ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך מיט דיר, בעטי. אַ פאַרהייראַטע פרוי, וואָס וויל געניסען פון לעבען, דאַרף די ערשטע זאַך זיין אַ ספּאַרט צום אייגענעם מאַן.

— איך וועל דאָס קיינמאָל ניט קענען, — האָט בעטי געענטפערט מיט ענטשיידענהייט, — ווען איך וועל ווערען צו באַהענט מיט אַ פריינד, וועל איך זיך שיידען מיט בעני'ן.

— איך האָב שוין געזעהן וואָס עס איז געוואָרען פון אַזעלכע גרויסע קנאַקערס ווי דו. אָט דער בעני דיינער, דער שטילינקער, וועט דיר צוברעכען.

— איך בין גאָרניט אַזוי פאַרליבט אין בעני'ן, אַז איך זאָל איהם דאַרפען אָפּנאַרען און אַרומטראָגען זיך מיין גאַנצען לעבען מיט אַ ליגען אין האַרצען צוליב איהם.

— אַלרייט, בעטי, דאַרלינג, — האָט איידאַ שפּאַסיג אַ זיפץ געטאָן, — זאָל דיר גאָט העלפען.

דער דאָזיגער געשפּרעך איז צווישען די צוויי חבר'טעס פאָרגעקומען אָנפאַנג זומער. און אָט, מיט אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער, אין דעם זעלבען זומער, אין דעם באַשטימטען מאָנטאָג, ליגענדיג אויפ'ן זאַמד ביים ים, און וואַרטענדיג מיט צוזאַדענע בלוטען און אָנגעשטרענגטע נערוועז אויף ראַזאָווסקי'ן, ניט זייענדיג גאָר זיכער אַז ער וועט קומען, צוליב איהר אויפהענגען אויף איהם דעם טעלעפאָן, האָט זי זיך דערמאָנט וועגען יענעם און אַנדערע געשפּרעכען מיט איידאַ'ן.

זי האָט באַטראַכט דעם אַלטען מיסטער דזשאָזעפּסאָן, און ער איז איהר גאָרניט געווען צום האַרצען. עס האָט איהר געעקעלט דעם אַלטען'ס באַנעמען זיך מיט איידאַ'ן, איידאַ'ס דולדען איהם און די אַנדערע מיטעליאָהריגע מאַנסבילען וואָס דרעהען זיך אַרום איהר.

בעטי האָט באַדויערט איידאַ'ן, און זי האָט ווידעראַמאָל באַשלאָסען אַז — ניין, אַז זי וועט אַזוי נישט זיין. אָט טאַקע ערשט איצט, צוקוקענדיג זיך צו דעם חוזק פון איידאַ'ס, אַזוי־צו־זאָגען, „פּראַקטישען ראָמאַן" מיט דעם אַלטען דזשאָזעפּסאָן, איז עס איהר געוואָרען מעהר דערווידער ווי אַלע מאָל, וואָרים זי האָט זיך געשראָקען פאַר איהר אייגענער לאַגע, אַז זי זאָל אַליין ווען עס איז נישט אַריינפאַלען אין אַזאַ וואָכעדיגקייט.

האָט בעטי אין דעם מאָמענט ווי זיך אַ נדר געטאָן, אַז זי איז פאַרטיג מיט ראַזאָווסקי'ן, און אַז זי וועט איהם איצט זעהן צום לעצטען מאָל.

פאַר וואָס? אָט דערפאַר וואָס ער איז די אורזאַכע פון איהרע פאַרלאָרענע טרוימען.

— בעטי, בעטי, — האָט איידאַ איהר אַ טרייסעל געטאָן, — עראָן ראַזאָווסקי געהט.

בעטי האָט זיך קיין ריהר נישט געטאָן, כאָטש אַ פלאַנטער פון ווידערשפּרעכענדע געפיהלען האָט איהר געוואָרפען ווי אין אַ קדחת. זי איז געלעגען אין איהר נאַסען בעידינג־סוט, די אויגען אַרויף און צוגעמאַכט אַנטקעגען די זונען שטראַהלען, און זי האָט געפיהלט אַז ראַזאָווסקי איז

שוין דאָ לעבען איהר. צוליב דעם וואָס מען הערט ניט די טריט אין דעם ווייכען זאַמד, האָט זי ניט געוואוסט אין וועלכען זייט ער איז געבליבען שטעהן, ראַזאָווסקי; צי ער האָט זיך צוגעזעצט, צי ער איז אַנגעטאָן אין אַ פולען אנצוג ווי אין שטאָט, אָדער ער איז אַנגעטאָן צום באָדען זיך. די אויגען האָט זי אָבער געהאַלטען פעסט צוגעמאַכט און באַדעקט מיט די הענט, כלומרשט זיך באַהאַלטען פון דער צו שטאַרקער זון.

אָט האָט ראַזאָווסקי זיך באַגריסט מיט איידאַ'ן און מיט מיסטער דזשאָזעפסאָנ'ען. זי האָט געפיהלט זיין שטימע פונקט איבער איהר קאָפּ. דאַן האָט זי דערפיהלט אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. ס'איז אַנגעקומען אַ שטילשווייגענדע פּאוזע באַגלייט מיט איידאַ'ס אַ סודות'דיגען געלעכטערל. בעטי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס האַנדעלט זיך וועגען איהר. ראַזאָווסקי האָט אַנגענומען בעטי'ס הענט און אַרונטערגענומען זיי פון איהרע אויגען.

אויף דעם ערשטען אימפּולס האָט זי געוואָלט מיט כעס אַרויסרייסען איהרע הענט פון זיינע, אָבער זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז עס פּאַסט ניט. איידאַ וואָלט עפּעס פאַרשטאַנען דערפון. האָט זי זיך ניט געוועהרט.

דאַן האָט ראַזאָווסקי גענומען איהרעביידע הענט אין זיין איין האַנט, און מיט דער צווייטער האָט ער אויפגעהויבען אַ ברעם פון איהר אויג און איהר באַגריסט אויף אַ זעהר חבר'שען שטייגער.

— „העלאָו בעטי! העלאָו ענד האַו דו יו דו?"

בעטי האָט זיך אויפגעזעצט. זי האָט דערזעהן אַז ער איז אין אַ בעידינג־סוט.

מיט אַן אָנשטעל, אַז זי איז כלומרשט פאַרשלאָפען, אָדער סתם צו־טומעלט פון חלומות, האָט זי מיט אַ קינדערשער צובאַלעוועטקייט געזאָגט:

— אָ, העלאָו, ראַזאָווסקי, ווי שפּעט איז עס איצט?

— שוין פיר אַזייגער.

— אָ! שוין פיר אַזייגער? — האָט זיך איידאַ אַ כאַפּ געטאָן; — מען דאַרף שוין באַלד געהן אַהיים.

— קומט, מיר'ן כאַפּען אַ שווים, — האָט ראַזאָווסקי געזאָגט צו בעטי'ן. ער האָט איהר דערביי אַ הויב געטאָן פונ'ם זאַמד און ווי אײנגעל־מיידעל, האַלטענדיג זיך ביי די הענט, האָט ער איהר אַריינגעפיהרט אין וואַסער.

בעטי איז געוואָרן געגאַנגען, געלאָזען זיך טראָגען פון איהם אַנטקעגען די כוואַליעס. זי האָט טאַקע געוואָרט אויף דער געלעגענהייט אויסצו־טענה'ן זיך מיט איהם, אויג אויף אויג.

פון זונטאָג פאַרטאָג האָט זי אַלץ געפּלאַנעוועט וואָס צו זאָגען איהם, מיט וועלכע ווערטער זי זאָל איהם גוט אויסזידלען, און ביי וועלכער געלעגענהייט זי וועט עס אָנהויבען.

אַפריהער מוז זי אָנשטעלען אַ ברוגז'ען פּנים, אַרויסרייסען זיך פון איהם ווען ער האַלט איהר אַרומגענומען. דאַן וועט ער זיך נעמען פאַר־ענטפערען, און זי וועט איהם זאָגען אַלץ וואָס זי האָט אויפ'ן האַרצען געגען איהם.

ס'איז אָבער ניט געקומען צו דעם. דער ברעג ים איז געווען זעהר שטורעמדיג; די כוואַליעס האָבען איהר אַרויסגעריסען פון ראַזאָווסקי'ס הענט און האָבען איהר צוריק אַריינגעוואָרפען אין זיינע הענט, אַזוי, אַז איהר אייגענער פיזישער ווילען האָט שוין אין דער דאָזיגער וואָרפעניש קיין ראָלע נישט געשפּילט. דערצו איז ראַזאָווסקי געווען אויסערגעוועהנ־ליך צערטליך צו איהר. אויף אַ שטומען אופן האָט ער זיך עפּעס דאָ פאַרענטפערט ביי די רציחה'דיגע ים־כוואַליעס. און בעטי איז ווירקליך געווען צופרידען וואָס ראַזאָווסקי איז יאָ געקומען זעהן איהר. ווען ער קומט נישט, וואָלט עס געהייסען סתם אויסגעלאַכט זיך פון איהר, אַוועק־געוואָרפען אויף אַ ביליגען אופן.

„ער איז צו איהר געקומען. ער פאַרענטפערט זיך". אָט די ווערטער האָבען געשוועבט אין איר מח און איר געזעטיגט מיט צופרידענקייט פון זיך אַליין. דאָס באַדען זיך איז געווען זעהר אַנגענעהם; די שטורעמדיגע ים־כוואַליעס זיינען געווען דער „שאָרט־קאַט" (דער קירצסטער וועג) צו זייער גוט־פריינד ווערען.

— ווען טרעפען מיר זיך ווידער, טייערינקע? — האָט ער געפרעגט.

האָט זי אַרונטערגעלאָזען דעם פּנים און געזאָגט שוואַך:

— איך ווייס ניט; איך ווייס אַליין ניט.

— מאָרגען? אויף דער אַנדער זייט פון באָארד וואָק, מאָרגען אַזייגער צוועלף? אַל־ראַיט, בעטי? — און ער האָט איהר אַ דריק געטאָן צו זיך.

אַ נייער ראַנדעוואו איז באַשטימט געוואָרען, אַ נייע באַגעגעניש, אַ פיל־מיינענדע, אַ פיל געהיימניספולערע.

אַז דער ראַנדעוואו איז באַשטימט געוואָרען, האָבען זיי זיך ביידע דערפיהלט באַרוהיגט. זיי זיינען צוגעקומען צום זאַמד וואו איידאַ און דזשאָזעפסאָן האָבען געהויערט ווי מעלה־גרה'דיגע פיה אויף דער פּאַשע.

בעטי האָט זיך גענומען איילען אַהיים און ראַזאָווסקי, נאַטירליך, האָט זיך געגרייט אָפּצופיהרען איהר אַהיים, האָט אָבער איידאַ גענומען איינ־

רעדען בעטי'ן זי זאָל נאָך זיין. ס'איז נאָך פריה. אײדאַ האָט זעהר געװאָלט באַקוקען און באַטראַכטען אי בעטי'ן אי ראַזאָװסקי'ן דוקא איצט. אַ געהיימניספולע ענדערונג האָט אײדאַ באַמערקט אין בעטי'ן און ראַזאָװסקי'ן. זײער האַלטען זיך איז עפּעס נישט װי נעכטען און ניט װי אײערנעכטען. און עפּעס איצט, אַרױסגעהענדיג פון װאַסער, זײנען זײ עפּעס גאָר אַנדערש, עפּעס מילדערע מענשען, װי זי האָט זײ געזעהן אײדער זײ זײנען אַרײן אין װאַסער. זי האָט ערשט פאַרשטאַנען, די געניטע אײדאַ, אַז דאָס װאָס איהר האָט זיך אָפּגעדוכט פריהער, װען ראַזאָװסקי איז צוגעקומען צו בעטי'ן, איז טאַקע ניט געװען קײן אָפּדוכטעניש. איצט זעהט זי אַז צװישען בעטי'ן און ראַזאָװסקי'ן איז עפּעס פאַרגעקומען אָדער עס האָט עפּעס געזאָלט פאַרקומען. יאָ, אײדאַ איז געװען אין צװײפעל צי עס איז עפּעס פאַרגעקומען, אָדער ס'האָט געזאָלט פאַרקומען; און איהר װײבערשע נײגעריגקײט האָט זיך צושפּילט אין איהר.

— נײן, אײדאַ, — האָט בעטי געזאָגט מיט אַ געבעט, װײל זי האָט אַלײן נאָך געװאָלט פאַרבלײבען, — נײן, איך מוז געהן אַהײם.

— אַ נײע נײעס, אַהײם, — האָט אײדאַ אַרגומענטירט, — ס'איז דאָך נאָך קײן פינף אַזײגער ניטאָ, און די קינדער האָסטו דאָך מיט זיך.

— איך מוז געהן אַהײם, — האָט בעטי גערעדט אײנגעשפּאַרט, — איך האָב אַ סך צו טאָן.

בעטי האָט געװאָלט דעם דאָזיגען מאָנטאָג קומען אַהײם אין צײט. זי האָט נאָך ניט געװאוסט אַקוראַט װי אַזױ זי װעט איצט אײנאָרדענען איהר לעבען דאָ, מיט ראַזאָװסקי'ן, אײדאַ'ן און דעם גאַנצען „שטאַם" פון איר לעבעדיגער װעלט, און „דאָרטען", אין דער הײם, מיט בעני'ן. זי האָט געװאוסט אַז הײנט, אױב זי װעט קומען שפּעטער װי בעני װעט קומען אַהײם, װעט גאָר ניט געשעהן. ער װעט נישט װאָגען אױפהױבען אַ הױך קול. אָבער אין איהר פּערזענליכען לעבען האָט זיך דאָ אָנגעהױבען עפּעס אַ נײעס, װאָס האָט איצט פאַרנומען איהר גאַנצען אינטערעס.

צװישען איהר און ראַזאָװסקי'ן האָבען זיך גאָר אומגעריכט אָנגעהױבען אַ נײער סאָרט באַציהונגען. גאָר פון זיך אַלײן איז דאָס עפּעס געװאָרען. אַ נײער בלאַט װערט אױפגעמישט אין איהרע איבערלעבונגען. זי פיהלט זיך באַצױבערט, נײגעריג און פאַרטיפט. אין דעם איצטיגען מאָמענט ציהט איהר צו זיין מיט זיך אַלײן, באַטראַכטען אַלץ, זיך אָפּגעבען צו איהרע געדאַנקען און געפיהלען. יאָ. זי מוז פאָהרען, זײן אָפּגעזונדערט פון פרעמדע מענשען. בעני און די קינדער זײנען אַ טײל פון איהר שטוב. זײ װעלען איהר אינערליכע אײנזאַמקײט נישט שטערען.

אײדאַ האָט אָבער באַשלאָסען, אַז זי װעט בעטי'ן מיט איהרע רײ־צענדע סודות נישט אױפקלאָזען פון זיך. אײדאַ האָט זיך געפיהלט װי אַ פאַרטנערקע צו אַן אונטערװעלט „דזשאָב", און בעטי, די אַנדער פאַרט־נערקע, װיל פאַרלײקענען די סומע װאָס זי האָט בײ זיך, און זי מוז עס היינט, טאַקע שױן, אַרױסקריגען פון איהר. און אײדאַ האָט אױסגע־רופען צו אַלעמען:

— איהר װײסט װאָס, דזשענטעלמען און דו, לײדי בעטי, קומט אַרײן צו מיר אױף אַ קאַפע. ס'איז דאָך נאָך זעהר פריה. צו מיר װעט נעמען אײנגאַנצען פינף מינוטען צופאָהרען.

— איך קען נישט, אײדעלע, — האָט בעטי װידער זיך געבעטען.

— װאָס אײלסטו זיך? דײן בעני קומט דאָך אַלעמאָל זיבען אַזײגער פון זײן שאָפּ.

— איך האָב דאָך דאָ די קינדער.

— מיסטער דזשאָזעפסאָן איז דאָ מיט זײן קאַר, ער װעט צופיהרען די קינדער אַהײם, און זײ װעלען זיך שפּילען בײם הויז ביז דו װעסט קומען.

בקיצור, אײדאַ האָט אַלעמען אײנגעלאַדען צו דער קאַפע און קעיק פּאַרטי. בעטי האָט געמוזט צושטימען, װײל זי האָט נאָך װירקליך געהאַט צײט, און דעם סאָפּער פאַר בעני'ן ברענגט זי דאָך סאַי װי סאַי געקאָכט פון אַ דערבײאיגער קאַפּעטעריע. איז געװאָרען אַן אײלעניש מיט איבער־טאָן זיך פון די בעידינג־סוטס. ביז װאַנען די פרױען האָבען זיך איבער־געטאָן האָט דזשאָזעפסאָן אָפּגעפיהרט בעטי'ס קינדער, רוטה'ן און לואי'ן, אַהײם. דאַן איז דער אַלטער דזשאָזעפסאָן װי אַ װיכער געפלױגען מיט זײן אױטאָמאָביל צוריק קײן קאָני אײלענד, „אױפגעפּיקט" (אױפגעכאַפּט), אַזױ רעדט מען אין דעם קרײז פון קאָני־אײלענדער ראָמאַנען־טרײבער, אײדאַ'ן, בעטי'ן און מען איז אַװעק צו די לעװינס.

אױפ'ן װעג, װען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט צו קױפען קעיק, האָט אײדאַ טעלעפאָנירט דער מײדעל אַהײם, זי זאָל צוגרײטען קאַפע, און באַלד װי מען איז אַרײן אין שטוב, האָט זי אָפּגערופען מיסטער לעװינ'ען, איהר מאַן, אַז ער זאָל זיך סטאַרען צו קומען גלײך אַהײם, װעט זי זעהן אױפ־האַלטען די געסט, אַז ער זאָל זײ קאָנען זעהן.

אַזױ פיהרט זיך אײדאַ; זי רופט איהר מאַן מיט אַ געװאַלדיגער טרעװאָגע װען זי מאַכט אַ שטיקעלע פאַרטי בײ זיך אין שטוב. זי מוז זײן אָפענהאַרציג מיט איהר מאַן װי װײט מעגליך זי קען; דאָס גיט איהר די מעגליכקײט צו זײן זיכער מיט די געשיכטעס, װאָס קענען נישט אַזױ פרײ דערצעהלט װערען.

— דזשוליוס, דאַרלינג, — האָט זי זיך געבעטן ביי איהר מאַן אין טעלעפאָן. — פּליעז, קום גלייך אַהיים. וואָס הייסט דו קענסט ניט, דזשוליוס דיער? מיר האָבען אין הויז אַזעלכע טייערע געסט, ווילסטו נישט טאָן מיר דעם פּלעזשור צו פאַרברענגען מיט אונז אַלעמען?

און נאָכדעם ווי ער האָט איהר עפּעס געזאָגט, האָט זי מיט אומצווייפעלהאַפטען ענטהוזיאַזם געזאָגט אין טעלעפאָן:

— יו אַר עי דאַרלינג האַזבאַנד (דו ביזט אַ ליבינקער מאַנעלע). — זי האָט פאַרענדיגט מיט אַ קוש אין טעלעפאָן, און זי האָט אַנאָנסירט צו איהרע געסט, מיט ניט געמאַכטער פרייד: — מיסטער לעווין קומט מיט אונז פאַרברייגנען. ער קומט אין פינף־און־צוואַנציג מינוטען.

איידאַ האָט אין רופען איהר מאַן אַהיים צוליב איהרע פריינט ניט באַגאַנגען קיין פאַלשקייטען און נישט געזאָגט קיין איין ליגנערישען וואָרט. זי האָט שטאַרק געוואָלט ער זאָל קומען. אימער, ווען זי רופט איהם אין אַזאַ פאַל, געהט איהר אין לעבען, אַז איהר מאַן זאָל זעהן איהרע פריינט, און איהרע פריינט זאָלען זעהן איהר מאַן. דאָס פאַרשטאַרקט איהרע פּאָזיציעס איןביידע לאַגערען; זי ווערט באַוואונדערט פון ביידע לאַגערען, און איהר וועג פאַר בייע הוליאַנקעס ווערט פריי מיט ברכות און גליק־וואונשען פון די מחותנים פון ביידע צדדים.

גע׳קהל׳ט זיך אין שטוב האָט מר. דזשאָזעפסאָן. ער האָט אַרויסגעהאָלפען איידאַ׳ן מיט שניידען דעם קעיק, שטעלען צום טיש די געשיר. ער האָט זיך זעהר האַרציג אַמוזירט וואָס איידאַ האָט זיך מיט איהם געשאַפּען ווי מיט אַ שיק־אינגעל, ווייל זי איז געווען פאַרנומען אין קיך מיט דער מיידעל, וואו די קאַפּע האָט זיך געקאָכט. — קאַפּע, שטאַרקע און געשמאַקע קאַפּע, איז געווען איידאַ׳ס ספּעציאַליטעט.

בעטי איז געווען זעהר צוריקגעהאַלטען, זיצענדיג אין אַ ווינקעל, און ראַזאָווסקי האָט איבער איהר געוואַכט ווי אַ „קאַמער הער" איבער אַן ערשט איינגעשוואוירענער פּרינצעסין. איהר גאַנצער מח איז געווען פאַרנומען מיט דעם אַפּאָינטמענט וואָס זיי האָבען געמאַכט. אי פרייד, אי טרויער, אי ערוואַרטונג, אי ענטוישונג, האָבען זיך געמישט אין איהרע געדאַנקען און געפיהלען. ראַזאָווסקי האָט סעקרעטנע פון איהר געמאַנט, דאַ דריקענדיג שטיל איהר עלענבויגען, איהר טאַליע, דאַ צופּענדיג איהר דעם קליינעם פינגערל פון איהר האַנט, און זי האָט זיך געהאַלטען ווי אַן ערנסטע כלה וואָס אי זי וויל ניט זיין פרייגעביג, אי זי וויל נישט זיין צו קאַרג, ווען עס איז נאָך אַ קורצע צייט פאַר חופה וקדושין.

אַט דערפאַר טאַקע הויפּטזעכליך האָט בעטי נישט געוואָלט געהן היינט

מיט ראַזאָווסקי'ן צוזאַמען צו אײדאַ'ן אויף קאַפע מיט קעיק. זי האָט ניט געוואָלט קײנעמס בליקען אויף זיך, און אויך נישט ראַזאָווסקי'ס בליקען אויף זיך. זי האָט געוואָלט איבערזיצען אַליין מיט זיך אין שטוב ביז דעם אַפּאָינטמענט, וואָס זי האָט געדענקט, אַז ס'וועט מוזען זײן דער שײדע־וועג פון איהר לעבען.

איז טאַקע איהר האַלטען זיך, ווי אויך ראַזאָווסקי'ס געווען זעהר אויפפאַלענד. וואָס מעהר בעטי האָט זיך אַנגעשטרענגט צו באַהאַלטען איהר געמיט־צושטאַנד, אַלץ מעהר האָט זיך אַרויסגעגעבען, אַז אַ קינד האָט געקאָנט לײענען אויף זײערע פּנים'ער זײער גאַנצע געשיכטע. די דינסט־פרוי, וועלכע איז שוין בײ אײדאַ'ן פילע יאָהרען, איז מיט אײדאַ'ן שוין כמעט ווי אַ חבר'טע און קען גוט בעטי'ן, האָט אַ זאָג געטאָן צו איהר בעל־הבית'טע, אין קיך, מיט ברײטקײט:

— וואָס איז דער מעהר מיט דײן פרײנט, איז זי קראַנק?

אײדאַ האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג, זי איז אומגעלאָפען פון קיך אין עס־צימער, פון עס־צימער אין קיך, און זי, אײדאַ, די לאַנג ערפאַרענע, די שוין פון לאַנג גראַדואירטע, האָט געזעהן, געקוקט, אַלץ פאַרשטאַנען, אַלץ געוואוסט.

זי איז געווען זעהר צושמײעט, אײדאַ, וואָס איהר קאַפע און קעיק פּאַרטי איז געווען אַ סוקסעס; בעטי איז פאַר איהר ווײבערשער נײגעריגקײט געווען אַן אָפענער, שפּאַנענדער בוך.

ביז מען האָט זיך צוגעקליבען צו זעצען זיך צום טיש, איז לעווין געקומען. אײדאַ איז איהם געלאָפען אַנטקעגען, אַ שפּרונג געטאָן צו איהם, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף איהם, ווי ער וואָלט געווען געקומען פון אַ ווײטער רײזע, און אויסגעשריען:

— דזשוליוס, האָני דאַרלינג!

עס האָט ניט אויסגעקוקט איבערטריבען פון איהר זײט, ווײל זי איז געווען פון פריהער זעהר צושמײעט פון איהרע געסט, און איהר אויסברוך פון ענטהוזיאַזם צו איהר מאַנ'ס אַרײנקומען איז געווען אַ נאַטירליכער קלימאַקס פון דער לוסטיגער אײדאַ'ס אַ פרעהליכען מאָמענט.

לעווין, אַ פיזיש שווערליכער גוטמוטיגער מענש, מיט אַ שפּיציג באַקעטען האַרלאָזען קאָפּ, איז זעהר שטאַלץ וואָס מענשען זעהען ווי געשעצט ער ווערט פון זײן געראַטענער פרוי. אײדאַ האָט איהם צוגעפיהרט צום טיש, אַרונטערגענומען פון איהם דעם רעקעל, אָוועקגעזעצט זיך לעבען איהם, און מיט איהר דינער חנ'עוודיגער טאַש־טיכעלע האָט זי

איהם געווישט דעם שוויס פון זיין שטערען ביז אַרויף־צו צום שפּיציגען פּליך.

מען האָט לעווין׳ען נישט געדאַרפט פאָרשטעלען פאַר קיינעם, ווייל ער האָט זיך גוט געקענט מיט דזשאָזעפסאָנ׳ען און מיט ראַזאָווסקי׳ן; און אויך בעטי׳ן האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל געזעהן. אַזוי ווי אָבער ער האָט מאָדנע אַ קוק געטאָן אויף בעטי׳ן צוליב דעם, וואָס זי האָט איהם איצט אויסגעזעהן פאַרדעכטיג, האָט אײַדאַ אונטערגעכאַפּט:

— דזשוליוס, דו קענסט דאָך מיין יוגענד־פריינדין בעטי.

— יע, געוויס, מיר האָבען זיך באַגריסט, — און ער האָט ווידעראַמאָל איהר באַגריסט.

עס איז אייגענטליך געווען אַ לאַנגווייליגע פּאַרטי; יעדער האָט געוואָלט געהן אַהיים, און די קורצע געשפּרעכען וועגען די קעיק און וועגען דעם הייסען וועטער און וועגען דזשאָזעפּסאָנ׳ס אַ פּאָר חכמות האָבען זיך אויך ניט געבונדען זעהר גלאַט, צוליב בעטי׳ן און ראַזאָווסקי׳ן.

ראַזאָווסקי האָט כמעט גאָרניט גערעדט; ער האָט זיך געהאַלטען זעהר ניט גוט מיט זיין שוויגען און מיט זיינע שפּיר־הינטישע צוגעשטאַנענע בליקען בעטי׳ן אין פּנים אַריין. ער האָט געוואָלט צופרידענשטעלען בעטי׳ן מיט אַרויסווייזען זיין אומגעדולדיגקייט און זיין צוגעשטאַנענקייט צו איהר. קיין סך שכל און טאַקט האָט דער דאָזיגער צובאַלעוועטער פרויען־העלד קיינמאָל ניט געהאַט; האָט ער עס געטאָן צו־שרייענד, צו־ציניש, און אַלע האָבען זיך געפיהלט פאַרווירט, ספּעציעל ווען ביים טיש איז געזעסען אַ „זייטיגער מענש”, איינער וואָס איז פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט — דער באַלעבאָס פון הויז, מר. לעווין.

בעטי איז ביים טיש אינגאַנצען געזעסען אַ צוטומעלטע. ניט זי האָט געוואָלט מאַכען אַ מינע פון צוזאָגען און ניט פון אָפּזאָגען; זי האָט אַלע אירע „מיינונגען” געהאַלטען פאַר דעם אַפּאָינטמענט אויף מאָרגען אויף דער אַנדער זייט באָרדוואָק.

די איינציגע, וואָס האָט איהר בייגעהאָלפען אין דער לאַגע, איז געווען אײַדאַ, מיט איהר באַזונדערען האַרציגען פעטען געלעכטער און מיט דעם טומעל פון איהר גאַסטפריינדליכקייט, פון צווינגען צו טרינקען נאָך אַ קאַפּע, עסען נאָך אַ שטיקעל „דילישאָס” קעיק.

ווען מען האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגעהן, איז אײַדאַ אַנטוישט געוואָרען פון דעם, וואָס בעטי האָט זיך נישט געלאָזען נעמען פון איהר אויף אַ פאַרהער.

אין איידאַ׳ס צימער, ביים אַנטאָן צום אַוועקגעהן, האָט זי זיך צו־געזעצט צו בעטי׳ן:

— וואָס איז דער מער מיט ראַזאָווסקי׳ן?

— וואָס פרעגסטו עפּעס מיך?

— ווּעמען זאָל איך דען פרעגען, זיין ווייב?

— וואָס פאַלט דיר איין, אַז ס׳איז עפּעס דער מער מיט איהם?

— וואָס, איך זעה דען ניט?

— וואָס זעהסטו?

— דו ביזט דאָך דעם גאַנצען טאָג אַזוי מאָדנע, אַז מען האָט געקענט אַלץ לייענען אויף דיין פּנים; יעדערער האָט עס געקענט זעהן.

בעטי איז געוואָרען בלאַס; אַרום איהרע צוגערוזשטע באַקען האָט די בלאַסקייט איהרע אָנגענומען אַ געלבליכען נערוועזען אויסזעהן. זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ברוגז׳לאָך גענומען ריידען:

— איך מיין, אַז ווייבאַלד איך קוק דיר אויס מאָדנע, איז — און זי איז אַנשוויגען געוואָרען, בעטי. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז איידאַ האָט איהר דאָ כיטרע אַריינגענאַרט אין אַ פּאַסטקע.

— איך פרעג, — האָט איידאַ גענומען ריידען געטריי, — ווייל איך זעה, אַז ראַזאָווסקי ווייסט ביי דיר אַלע סודות, און פון מיר באַהאַלסטו זיך.

— וואָס עפּעס פאַלט דיר איין, אַז ראַזאָווסקי ווייסט?

אויף דעם האָט איידאַ געגעבען אַ שוויג און אַזאַ קוק, אַז בעטי׳ן איז קאַלט געוואָרען אין אַלע גלידער. זי האָט אָבער באַשלאָסען, בעטי, אַז זי וועט היינט האַלטען איהר מויל פאַרשלאָסען. זי האָט זיך אַוועקגעאיילט מיט ראַזאָווסקי׳ן און דזשאָזעפּסאָנ׳ען אין דזשאָזעפּסאָנ׳ס אָטאָמאָביל.

ווען איידאַ האָט איהר באַכגעשריען:

— וועסטו זיין מאָרגען אויפ׳ן ביעטש?

— איך ווייס נישט, — האָט בעטי געענטפערט, — איך וועל מאָרגען זיין זעהר ביזי.

איידאַ איז געבליבען זיצען מיט פאַרדרוס, וואָס זי האָט נישט געקענט אַרויסקריגען דעם סאַמע תוך פון דעם סוד, וואָס בעטי האָט אַזוי שטייף פאַרשלאָסען אין איהר בוזעם — אַ סוד, וואָס איז דער תוך פון איידאַ׳ס ווייבערישען לעבען.

— דו ווייסט, איידאַ, — איז לעווין צוגעקומען צו איהר, פּיפּקענדיג זיין סיגאַר, — דיין פריינדין, אָט די בעטי, געפעלט מיר נישט. זי קוקט מיר ניט אויס צו זיין אַן עהרליכע פרוי.

— געה אַוועק, דזשוליוס דאַרלינג, וואָס רעדסטו? דו׳סט געדאַרפט

זעהן, וואָס פאַר אַ פיינע באַלעבאָסטע זי איז. און „יו׳ל בי סורפּראַיזד״ (דו׳סט זיין איבערראַשט) וואָס פאַר אַ פיינעם מאַן זי האָט, אַ גרויסער ביזנעסמאַן, און ווי ער ליבט איהר און שעצט איהר.

און איהרע קלאָרע, ליבע און איידעלע הענט זיינען שוין געווען אַרום זיין האַלז, און ער האָט איהר געגלויבט, דער „האָני״ איהרער, יעדען וואָרט, וואָס זי האָט גערעדט.

9.

עס איז בעטי׳ן זעהר און זעהר שווער געווען אַרונטערצושלינגען איר ערשטע עברה; עס איז איהר דערפאַר געווען זעהר שווער דער וועג צו דער צווייטער עברה. אָבער אַזוי שנעל ווי זי איז איבערגעקומען די צווייטע עברה, איז אַלץ אַוועק גאַנץ פרעהליך און גלאַטיג.

בעטי איז געקומען צו דעם ראַנדעוואו מיט ראַזאָווסקי׳ן; זי איז צוגעקומען ווי אַ ברוגז׳ע. יע, טיף אין האַרצען איז זי ווירקליך ברוגז געווען, אָבער ווען זי האָט איהר בייזקייט געוואָלט אויסדריקען, ביי זיין קושען איהר, מיט די אַלגעמיין־באַקאַנטע ווערטער ביי ברוגז׳ע געליבטע: „געהט אַוועק, איך האָב אייך פיינט״, האָט זיך באַקומען, אפילו פאַר איהר אַליין, שוין צופיל דאָס פאַרקערטע. דער טאָן איהרער איז אַרויסגעקומען אַ שפּאַסיגער, ווייל זי האָט אַפילו ניט געוואָלט ספּעקולירען אָפּצושטויסען אים פון זיך.

זעהר פיל האָט געהאָט צו טאָן מיט איהר באַגעהר צו זיין מיט ראַ־זאָווסקי׳ן דאָס, וואָס ראַזאָווסקי האָט איר גענומען אין אַ זעהר „סוועל״ (גרויסאַרטיגען), און אַריגינעלען פּלאַץ. דער גאַנצער צוגאַנג צו דער אינטימיטעט זייערער איז געווען אַזאַ אונטערשייד פון איהר בעני׳ס צוגאַנג, אַז איהר מויל איז פאַרשטומט געוואָרען.

ראַזאָווסקי האָט דעם נאָכמיטאָג מיט בעטי׳ן אַזוי אויסגעשטעלט, אַז ביי בעטי׳ן זאָל דאָס פאַרבלייבען אַלס איינע פון די שעהנסטע און שטאַרק־סטע עראינערונגען אין איהר זכרון. אַזאַ פרוי, ווי בעטי, און אַפילו אַזוינע, וואָס האָבען בעסערע און פעסטערע כאַראַקטערען, יאָגען זיך שטענדיג פאַר די „טרימינגס״ (די צופוצעכטס) מעהר, ווי פאַר דעם עצם אינהאַלט פון לעבען.

ווען זיי האָבען זיך געטראָפען אויף דעם „אַנדער זייט באָרדוואָק״, ווי זיי האָבען אָפּגערעדט, האָבען זיי זיך ביידע אָנגעקוקט אַזוי פיל־מיינענד, ווי זיי וואָלטען ביידע געווען יאָהרען־לאַנג געשיידט פון עפּעס אַ ברוטאַלער

קראַפּט, און אַט ערשט איז זיי געלונגען דורכצורייסען זיך דורך דער פיינדליכער קראַפט, און זיין צוזאַמען.

בעטי איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייסער קליידעל, אַן אונ־גאַרישער מאָדעל, חנ׳עווודיג אויסגענייט אין רויט און גרין — אַ קליידעל, אין וועלכער ראַזאַווסקי האָט איהר נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. אויפ׳ן קאָפּ האָט זי, אַנשטאָט אַ העט, געטראַגען אַ געלונגענע ציגיינער־שאַליכעל, אויסגעפלאָכטען מיט אַ מין פרענזעלדיגען עק, וואָס האָט זיך אומגע־וואָרפען איבער׳ן לינקען אַקסעל. זי האָט ווירקליך אויסגעזעהן אי ווי אַ פרומע ווייסע טויב, אי ווי ווייבעריש־סענסאַציאָנעל, ווייל די ציגיי־נערישע העט האָט זעהר געפּאַסט צו איהרע גראַבליכע ליפען און סלאַ־ווישען קורץ־ברייטליכען נעזעל.

ראַזאַווסקי, אין אַ פריש־געפּרעסטען לינען־אַנצוג און זיין שטענדיגע פּאַנאַמאַ הוט מיט די ברייטע ברעגען, האָט שוין אויף איהר געוואַרט.

דער טאָג איז ווידער געווען אַ הייסער, און זיי האָבען זיך צוערשט אויסגעבאָדען אין ים. זיי זיינען אַריין אין אַ באָד־פּלאַץ, וואו, ווי זיי האָבען גערעכענט, וועלען זיך נישט געפינען קיין באַקאַנטע. זיי האָבען טאַקע קיין באַקאַנטע נישט באַגעגענט. זיי זיינען שנעל פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן באָדען זיך און אַוועקגעפאָהרען, דורך איסט ניו יאָרק און דורך סאַיפּרעס היל, איבער די ברייטע וועגען פאַרביי די ווייטע פעלדער אין לאָנג איילענד. אין אָן אָפענער טעקסי זיינען זיי געפאָהרען. דער ווינט האָט אנגענעם געגלעט דורך די דינע קליידער די צוהיצטע לייבער; דער ציגיינערשער עק פון דער טיכעל האָט אַרום בעטי׳ן געפלאַקערט ווי אַ העלישער פייער, און עס האָט זיך זיי ביידען געוואָלט, עס זאָלען זיך אַט די גוטע מינוטען זייערע קיינמאָל ניט ענדיגען. אָבער ראַזאַווסקי האָט גוט געוואוסט וואו אַט די מינוטען וועלען זיך ענדיגען און עס וועלען זיך אָנפאַנגען אַנדערע גוטע מינוטען, פיליכט בעסערע. זיי זיינען צוגע־פאָהרען צו אַ וואַויל־באַקאַנטען „ראָוד־האַוז" (קרעטשמע פאַר לעבע־יונגען), וואו אַ טישעל „פאַר צוויי", לעבען אַ פענסטער פון אַ בלומען־גאָרטען, איז שוין געווען רעזערווירט פון פריהער.

שפּייז, געטראַנקען, פלאַפלערייען און נאַשערייען — אַ וואונדערבאַ־רער און אויפרעגענדיגער נאָכמיטאָג.

אַזייגער זעקס פאַרנאַכט זיינען זיי געפאָהרען צוריק אין שטאָט אַריין. זיי זיינען שוין געפאָהרען אין אַ פאַרמאַכטער טעקסי, ווייל זיי דאַרפען אַריינפאָהרען אין באַקאַנטע ניו יאָרקער און ברוקלינער גאַסען.

כאָטש ראַזאַווסקי האָט איהר געהאַלטען פעסט צוגעדריקט צו זיך, און

זי האָט איהר קאָפּ געלאָזען זינקען אויף זיין ברוסט, האָט זיך אין איהר, אין בעטי׳ס הארץ, גענומען פּארקלייבען אַן אומעט. וואָס בעהענטער די שטאָטישע הייזער האָבען זיך דערנעהענטערט, אַלץ דייטליכער האָט בעטי דערפיהלט, אַז זי איז צוריק אויף דעם זעלבען אָרט, וואו זי איז געווען זונטאָג אין דער פריה. זי האָט אויף זיך אַליין געוואונדערט, פאַר וואָס זי האָט נעכטען פּארנאַכט און היינט דאָ אָט ערשט געמיינט, אַז אַלץ איז גוט. און מיטאַמאָל האָט זי זיך דערפיהלט אין ראַזאָווסקי׳ס אָרעמס, דאָ אין דער טעקסי, אַז זי איז ווידער ביי איהם, ביי ראַזאָווסקי׳ן, עפּעס אַן אומ־געווינשטער פּעקעל, ווי זי איז עס געווען פון שבת אויף זונטאָג, און אַז ער פיהרט עס איהר אַפּ אַהין אין איהר „רוה־אַריין״, ווייל זי איז איהם דאָ איבעריג. זי האָט ממש געפיהלט זיינע געדאַנקען, דורך זיין קערפּער, אויף וועלכען זי איז געווען אָנגעלענט.

— וואָס האָט פּאַסירט, בעטי ? — האָט ראַזאָווסקי איהר אַריינגעקוקט אין די אויגען מיט זיין געניטען שמייכעל פון זאָרגפעליגקייט פאַר דער „זי״.

בעטי האָט געשוויגען.

— דאַרלינג, — האָט ער צערטליך אָנגענומען איר מאָרדעטשקע און צוגעדרעהט איהר פּנים צו זיינעם.

זיי האָבען זיךביידע אָנגעקוקט, אי מיט אמת׳דיגקייט, אי מיט פאַלש־קייט אין זייערע הערצער.

— איך האָב איך פיינט, — האָט בעטי אַרויסגערעדט אָט דעם אויסגעדראָשענעם ליגען, וואָס איז איהר געלעגען אונטער׳ן צונג פאַר די לעצטע צוויי און אַ האַלב טעג.

האָט ער אַריינגענומען איהר קאָפּ אין זיינע בײדע הענט, צוגעפירט זיינע אויגען צו איהרע, און גערעדט ווי אַן עקשנ׳דיגער שטיפערישער אינגעל :

— און איך האָב אייך ליב, און איך האָב אייך ליב, — און ער האָט איהר איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס, און אין דעם זעלבען טאָן אַלץ גערעדט, — און מיר אַרט ניט וואָס איר האָט מיך פיינט.

זי האָט געזאָגט אין אַ געפּאַלענעם טאָן :

— איך האָב זיך אַליין פיינט.

— אָבער איך און די גאַנצע וועלט האָבען אייך ליב, — האָט ער דראַמאַטיש אַרויסגעדעקלאַמירט.

נאָך אַ לאַנגען שוויגען — אַ האַרמאָנישער שווייגען פון ביידען — האָט זי געזאָגט :

— איהר זייט אַ שלעכטער.

— איך אַ שלעכטער? — האָט ער געשטיפּט מיט איהר; — איך אַ שלעכטער? צו איך, שלעכט?

די טעקסי איז שוין געווען אין די גוט־באַקאַנטע גאַסען; בעטי האָט גענומען מאַכען צורעכט איהרע האָר, און זי האָט דערביי געמורמעלט ווי פון שלאָף:

— אודאי זייט איהר אַ שלעכטער, איהר האָט מיר זעהר פיל שלעכטס געטאָן, און איך וויס ניט פאַר וואָס איך האָב אייך נאָך ליב; איך בין אפשר אַ גרויסער נאַר.

ווידער און ווידער אַמאָל האָט ער איהר אַ דריק געטאָן צו זיך, איגנאָ־רירענדיג אַלעס וואָס זי האָט געזאָגט, ווי ער וואָלט איהר געענטפערט, אַז ער ווייסט וואָס זי מיינט, און אַז ער נעמט ניט ערנסט וואָס זי רעדט.

זיי האָבען אויסגעשטיגען פון דער טעקסי איינינגע בלאָקס פון די טעמקינ׳ס וואוינונג.

— ווען זעהען מיר זיך ווידער, טייערינקע? — האָט ער איהר אַריינגעקוקט אין די אויגען און געדריקט דעם קליין פינגערעל פון איהר האַנט.

— רופט מיר ביז צוועלף בייטאָג, — האָט זי איהם געענטפערט מיט אַ געקלעמטער שטימע און מיט אַ טאָן פון פאַרשפּרעכונג.

און בעטי האָט שלום געמאַכט מיט איהר צווייטער עבירה, און ביי דער דריטער, פערטער, פינפטער און דרייצענטער עבירה איז שוין בעטי מעהר פון קיין זאַך ניט נתפּעל געוואָרען. זי איז שוין מעהר ניט אַזוי אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון ענטוישונג אָדער פון גענוס ביז די טיפע־נישען פון דער נשמה.

ס׳איז אַוועק לויט ראַזאָווסקי׳ס באַדינגונגען — ביידע זיינען פאַרליבט, שטאַרק פאַרליבט; ביידע, נעבעך, ליידען פון דעם, וואָס זיי האָבען זיך „געטראָפען צו שפּעט״; פון דעם, וואָס זי האָט אַ מאַן, און ער האָט אַ פרוי. זיי זיינען ביידע פאַרפּאַלגטע מענשען; האָבען זיי רחמנות געהאַט איינער אויפ׳ן צווייטען און האָבען דעריבער אַנערקענט איינע פאַר די אַנדערע די באַרעכטיגונג צו געניסען אַביסעלע גליק אין זייערביידענ׳ס ניט־געראַטענעם לעבען.

יע, דאָס זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען ראַזאָווסקי׳ס באַדינגונגען — די ניט געשפּראָכענע און ניט געשריבענע באַדינגונגען. אין זייערע האַל־טונגען, אומאַרמונגען, אין זייערע פאַרשיידענע ליבעס־אומאַרמונגען איז שטענדיג פאַרגעקומען אַ שטומע און פאַלשטענדיג קלאָרע דעבאַטע וועגען איהר איבערגעבען זיך איהם. און ראַזאָווסקי האָט געוואונען די דעבאַטע.

בעטי איז געווען ניט־געניט, ניט ערפאַהרען אין דעם פולען אמת פון ליבע. האָט זי געוואָלט זיין ערליך. ס'הייסט, שיידען זיך מיט איהר מאַן און פאַרבלייבען אַ געוויסענהאַפטע געליבטע. ערנאַ ראַזאָווסקי איז שוין געווען אַ געניטער און פראַקטישער מענש. ער האָט געמאַנעוורעוועט עס זאָל געהן אויף אַ שטילען אופן — אָהן געוויסענהאַפטקייט און אָהן צופיל איינשטעלעענישען און אָהן צופיל ענטוישונגען. ראַזאָווסקי'ס איצטיגע ווייב איז צו איהם טאַקע געקומען אויף אַזאַ אופן, ווי בעטי האָט געוואָלט קומען. ער איז דאַן געווען זעהר ניט קיין ערפאַהרענער מאַן, און ער האָט געדענקט, אַז פאַרבאַטענע ליבע האַלט אָן שטענדיג, אַפילו ווען מען ווערט שוין אמת'ע מאַן און ווייב.

ביז בעטי איז געקומען אין זיינע אָרעמס, האָט שוין ראַזאָווסקי געהאַט פילע ליבעס־פאַרטשעפּענישען, און ער איז געוואָרען אַ ניכטערער ליב־האָבער. די ליבע האָט שוין איהם ניט איבערגעוועלטיגט; ער האָט פול־שטענדיג קאָנטראָלירט זיין הולטייעווען. האָט ער שוין מיט בעטי'ן ניט געמאַכט זיין אַמאָליגען „גרינעם" טעות.

בעטי האָט זיך אַליין ניט אַרומגעזעהן ווי דאָס איז אַלעס אַזוי שנעל געוואָרען.

ס'איז געווען אַ מאָדנער רוישיגער „וויק־ענד". אין איינע דריי טעג איז זי געווען אַוועק פון איהר מאַן צו ערנאַ ראַזאָווסקי'ן, געקומען צו איהר מאַן און קינדער, פאַרלאָזענדיג ראַזאָווסקי'ן אויף אייביג. עס איז ווידער אין איהר לעבען געוואָרען צוריק ווי גאָר ניט געווען, און מיט אַן אומגע־ריכטער לייכטקייט איז זי ווידער געווען מיט ראַזאָווסקי'ן און ווידער געקומען אַהיים — אין איהר היים — אָהן רעש, אָהן געפילדער.

ווען אימיצער זאָגט עס איהר מיט צוויי טעג צוריק, וואָלט זי זיך געוואָרפען אויף יענעם מיט די פויסטען. וואָרים זי האָט אויפגעהערט גריבלען זיך אין איהרע געפיהלען. זי האָט אַלעס גענומען ווי עס געהט, אָט אַזוי פון אויבענאויף, און ס'איז אַלעמען געוואָרען גוט און פריילעך.

בעטי האָט זיך איבערצייגט, אַז ווען מען וויל האָבען פאַרגעניגען און דערביי קיינעם ניט וועה טאָן, דאַרף מען ניט זיין קיין צדקניות. מען האָט אַ מאַן, אַ היים, קינדער, און אַליין איז מען אויך אַ מענש. איבערהויפּט האָט בעטי געלערענט פון איהר „אויסגרינען זיך", אַז אויב מען וויל ליבען, לעבען און לאַכען אומגעשטערט, דאַרף דער אייגענער מאַן אויך עפּעס געניסען.

איידער זי האָט אָנגעהויבען צו זינדיגען, פלעגט זי אַוועקגעהן פון הויז אויף אַן איבערליכען אופן. זי פלעגט אַוועקגעהן אויף די אָוונטען,

אַרויסדרעהען זיך פון אונטער די הענט און איבערלאָזען בעני׳ן אַליין מיט די קינדער. אָפט, ווען זי האָט מורא געהאַט, אַז בעני וועט איהר צושטערען דאָס אַוועקגעהן, פלעגט זי פאַרלאָזען די הויז איידער בעני איז געקומען פון שאַפּ. בעני פלעגט די קינדער געפינען אין דרויסען, אַריינ־נעמען זיי אין הויז, געבען זיי סאַפּער עסען, לייגען זיי שלאָפען, און אַליין געהן שלאָפען אַ פאַרצאַרענטער.

שפּעט ביינאַכט, ווען זי איז געקומען אַהיים, און בעני פלעגט איהר עפּעס זאָגען, פרעגען, האָט זי געמאַכט דעם סקאַנדאַל. זי איז ווירקליך געווען צו׳כעס׳ט, וואָס זי איז צו בעני׳ן עהרליך, וואָס זי שטעהט ביי איהם אויס אַלערליי נסיונות, אין דער צייט ווען בעני איז עס ניט ווערט, ווען אַנדערע פרויען, ניט „אַזעלכע נאַראָנים ווי זי״, לאָזען זיך וואוילגעהן, און די מענער זייערע ווייסען אַ קדחת, און זיינען גוט צו זיי. פלעגט, הייסט עס, בעטי, דאַן ווען זי איז נאָך געווען אין גרונט ערליך צו בעני׳ן, קומען אַהיים אַ צו׳כעס׳טע וואָס זי איז „אַן ערליכער נאַר״.

אַז בעני האָט אַ בורטשע געטאָן זעהר כמורנע:

— וואו ביזטו עס געווען, אַזוי שפּעט?

האָט זי, אַזוי אין דער זייט, אויסטוענדיג זיך, געענטפערט:

— אָט וועל איך איצט שטעלען זיך אָפּצוגעבען דיר אַ חשבון וואו איך בין געווען! פאַרענטפערען זיך פאַר דיר!

— אַז אַ מאַן קומט אַהיים און געפינט ניט די ווייב, מעג ער פרעגען וואו זי איז געווען, — האָט שוין בעני אַנגעשטעלט אַ קריגערישען טאָן.

— איך פרעג דיר אַ סך וואו דו געהסט? — האָט בעטי אויסגע־שריען, ווען זי איז שוין געווען מעהר ווי האַלב אויסגעטאָן אין דעם טונקעלען שיין פון דעם נאַכט־לעמפּעל.

האָט שוין בעני׳ן זיך ניט געוואָלט פאַרפיהרען קיין קריג. איר צו שטאָלצער שטעל האָט אים איבערגעשראָקען, און ער האָט געזאָגט שטיל אַפּאָלאָגעטיש:

— וואוהין געה איך דען? איך געה דאָך אין שאַפּ.

איז אים בעטי באַפאַלען דוקא מיט אַ קריגערישקייט:

— איך בין דאָ ביי דיר אין שאַפּ פלעגטי שטונדען, פלעגטי! מיינע שטונדען דאָ אין קיך ענדיגען זיך קיינמאָל ניט.

בעני האָט שטיל געשוויגען, און זי, ווידער, זי האָט זיך איבערגעדעקט איבער׳ן קאָפּ אַלס אַ צייכען פון קריגס־צושטאַנד, און האָט נאָך צוגע־וואָרפען אין אַ טאָן פון אַ באַ׳גזל׳טער:

— ווענען ווי וועמען, בעני, דיר בין איך גאַר ניט שולדיג. — דאַן

איז געקומען אַ זיפץ, און זי האָט פאַרענדיגט — די „פלעזשורס” וואָס דו גיסט מיר אין מיין וויסטען לעבען מיט דיר.

אַזוי האָט בעטי באַהאַנדעלט בעני׳ן דאַן, ווען זי איז נאָך געווען אַן עהרליכע פרוי און זי האָט זיךווירקליך געפיהלט, אַז זי איז געגען בעני׳ן מיט גאַרניט שולדיג. זי האָט דאָך גוט געוואוסט, ווי מען בעט זיך ביי איר, ווי מען פאַלט איר צו די פיס. און טאַקע גרעסערע סאָרטען מענשען ווי איהר בעני. און זי, די נאַרישע פרוי, קען ניט פאַרראַטען בעני׳ן, אַ מאַן, וואָס קריגט זיך מיט איר שטענדיג, וואָס מאַכט איר לעבען אַזוי וואָכעדיג, אַזוי מיזעראַבעל.

גאַנץ אַנדערש האָט זי גענומען באַהאַנדלען דעם מאַן נאָכדעם ווי זי איז טאַקע געוואָרען אומעהרליך צו איהם. אַזוי שנעל ווי זי איז אַוועק אויף דעם דאָזיגען וועג, האָט זי איר בעני׳ן גענומען באַהאַנדלען אויף אַ זעהר יושר׳דיגען אופן.

צוערשט, ווען זי איז נאָך געווען אין דעם טשאַד צווישען דער עהרליכער הויז־פרוי און דער צולאַזענקייט פון לעבען מיט אַן אַנדער מאַן, האָט איהר געעקעלט פאַרוואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען אַזוי, האָט זי געפיהלט אַ שולדיגקייט געגען בעני׳ן, — ניין, ניט אַקוראַט געגען בעני׳ן, נאָר געגען איהר היים, און בעני איז דאָך אַ טייל פון איהר היים, איז זי ווירקליך געוואָרען פריינדליך צו אים.

דאַן האָט זיך בעטי צוגעפלאַנצט צו איר נייעם לעבען פון פאַרטיס, טאַנצען, פרעסען, סעקסועלע שכרות. עס האָט פון איר גאַנצען וועזען געברויזט מיט לוסטיגקייט, מיט געזעטיגטקייט פון גענוס, און אָט דער פאַרשמייעטער צושטאַנד האָט אַנגעשטעקט איהר היים. דער אימער פאַרנאַכלעסיגטער בעני איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער וואַרימער כוואַליע, וואָס האָט זיך שטענדיג געטראָגען פון בעטי׳ן, זיין באַגייטער וויב.

אַחוץ דעם איז בעטי אויך געוואָרען פריינדליכער צו בעני׳ן אויף אַ גאַנץ ניכטערען געשעפטסמעסיגען אופן.

זי איז אַריין אין דעם וויטסטען ווירבעל פון ליבע, און זי האָט געמוזט זעהן, אַז בעני זאָל איהר ניט שטערען. זי האָט זיך דאָך שוין איבערצייגט, אַז זי קען האָבען אמת׳ע ליבע כל־זמן זי האָט בעני׳ן און איהר היים — די באַזע פאַר איהר הימלישער פליהעריי.

האָט זי אויפגעהערט אַוועקצוגעהן פון דער היים אָהן אַ זיי־געזונט. בעני האָט שוין געוואוסט וועלכען אָוונט זי געהט „שפּילען בינגאָ פאַר אַ וואָלטעטיגען צוועק”. און אַז זי איז געקומען שפּעט ביינאַכט אַהיים, צו־שפּעט, האָט בעני, וועלכער איז שוין לאַנג געשלאָפען, דערפיהלט אַ

גלעט איבער זיין שטערען פון זיין „בעטקען”, ווי ער האָט ליב געהאַט צו רופען איהר אין אַזעלכע מאָמענטען. דאָס האָט זי איהם געבראַכט אַן איבערבלייבעכטס פון איהרען אַ פאַרבענרייכען אָוועגט. און נאָך אָט־אַזאַ קומען צו איהם שפּעט, האָט בעני געפיהלט אַ דאַנקבאַרקייט, און זי האָט ממש דערפיהלט ווי איהר רעפּוטאַציע איז ווידער אַמאָל פאַרשטאַרקט געוואָרען פאַר אַ וייטערדיגען אויסגעהן.

אָבער בעטי האָט שוין בכלל מעהר ניט געריבט פון בעני׳ן אַזוי פיל אָווענטען און זונטאָגס, ווי זי פלעגט עס טאָן, ווען זי איז געווען עהרליך. איהר „נאַכט־לעבען” איז הויפּטזעכליך געווען דורך די ליכטיגע טעג, ווען בעני איז געווען ביי דער אַרבעט און די קינדער אין סקול. ראָזאָווסקי און דער גאַנצער קראַוד, אין וועלכען בעטי האָט געהאָוועט, האָבען אימער צייט געהאַט בייטאָג.

איז טאַקע בעני׳ן געוואָרען גוט ווי די וועלט. אין מיסטער און מיסיס טעמקינ׳ס הויז האָט מען זונטאָג נאָכמיטאָג, אַנשטאַט אַמאָליגע ביטערע מחלוקות, אָפט געקענט הערען די זיסעסטע געשפּרעכען צווישען מאַן און ווייב.

זאָט אין איבערלעבונגען פון די אָווענטען פון מיטוואָך, פרייטאָג און אָפט אַ שבת, גיט בעטי אַ זאָג אַ זונטאָג בייטאָג:

— דו ווייסט, בעני, מיר האָבען היינט געדאַרפט געבען די קינדער אַ טריט. עס שפּילט זיך אַ גוטע „פּיקטשור” דאָ אין דער נעיבאָרהוד.

— אָלראַיט, בעטי, אויב דו ווילסט, בין איך גרייט צו געהן, — גיט נאָך בעני.

— און מיר׳ן זיי געמאָגט אויסנעהמען אויף פאַר סאָפּער אין דער ביי׳ער קאַפעטעריע, אויף דער פּאַרקוועי, — מוטיגט איהם נאָך צו בעטי.

— עניטהינג יו וואָנט, בעטקע, — ענטפערט דער מאַן צוואוואַרעמט.

— ביסט אָקעי, בעני, — גיט זי איהם אַ גלעט איבער׳ן ברוסט; — דו ביסט געוואָרען אַ רעגעלער ספּאָרט.

און בעני האָט זיך געפרעגעלט פאַר נחת, וואָס זיין בעטי האָט ענדליך איינגעזעהן, אַז בעני איז בעני; אַז קיין סך אַזעלכע גוטע, עהרליכע און איבערגעבענע מענער, ווי ער איז, זיינען ניטאָ אויף דער וועלט.

אַלס ערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, גלויבענדיג אין זיין וויכטיגקייט, האָט ער בעטי׳ס ענדערונג צום גוטען צוגעשריבען צו זיינע אייגענע כחות.

אין שאָפּ האָט בעני געהאַט אַ ווערטעל, „מיך בלאָפט מען ניט”. ער פלעגט עס זאָגען, ווען ער האָט געהאַט עפּעס אַ זיג און געקראָגען אַ קאָמפּלימענט אין ביזנעס פאַרהאַנדלונגען.

ווען די בעסערע צייטען זיינען אויך געקומען פאַר איהם אין זיין היים, האָט ער גענומען ברומען פאַר זיך אַליין אין טיפען פרייד דעם באַליבטען ווערטעל זיינעם, „מיך בלאָפט מען ניט".

בעני טעמקין איז געווען איינגעגלויבט אין זיין פרוי ניט דערפאַר, וואָס ער איז געווען נאַריש, ווי מאַנכע, פון די, וואָס האָבען „געהערט, געזעהן און געוואוסט", האָבען גערעדט וועגען איהם. נייך, בעני איז ניט געווען קיין נאַרישער מענש. ער האָט געגלויבט אין בעטי'ן, ווייל ער האָט זיך געפיהלט גוט מיט איהר, ווייל ער האָט פון איהר הנאה געהאַט, ווייל ער איז אין איהר זעהר און זעהר פאַרליבט געווען. עס האָט זיך איהם געוואָלט גלויבען דאָס גוטע, דאָס פרעהליכע.

פון צייט צו צייט, אָבער, האָט טעמקינ'ען גענומען נאַגען אַן אַלט־באַקאַנטער ווייטאָג. אַמאָל פלעגט עס פאַסירען אין מיטען העלען טאָג ביי דער אַרבייט, סתם פון העלער הויט. ער פלעגט עפּעס הערען אַמאָל פון אימיצען — אַ וואָרט אַזאַ, וואָס האָט איהם געקלונגען פאַרדעכטיג, האָט זיך שוין יענער ווייטאָג ניט פאַרדעקט דעם גאַנצען טאָג.

— בעני, — האָט איהם זיינער אַ גוטער פריינד איין מאָל אַ זאָג געטאָן, — דו האָסט זעהר אַ רייצענדע פרוי. אַזאַ פרוי דאַרף מען גוט היטען. עס איז אַן אוצר.

דער גוטער פריינד האָט בלויז געמיינט צו געבען בעני'ן אַ קאָמפּלי־מענט. אָבער דער קאָמפּלימענט האָט אויפגעגראָבען אַלטע וואונדען, וואָס האָבען זיך קיין מאָל ניט פאַרהיילט.

אין אַזעלכע טעג פלעגט בעני טעמקין פיהלען זיך זעהר קליין אין זיינע אייגענע אויגען. אָט דאָ, אין זיין ביזנעס, וואו ער איז געווען דער יחסן, דער קלוגער, דער פעהיגער, דער שטאַרקער, האָט ער זיך דער־פיהלט ווי אַ לעמעשקע. און דער געדאַנק, אַז מענשען מוזען קוקען אויף איהם ווי אויף אַ לעמעשקע, האָט אים נאָך מעהר דערשלאָגען.

אָבער אַז ער איז געקומען אַהיים, דערזעהן בעטי'ן, האָט אַ ליבליכע וואַרימקייט אַריינגעשטראָמט אין זיין האַרצען, און אַלע טרויעריגע געדאַנ־קען זיינען אַנטרונען געוואָרען אין די ווינקעלעך. זיין לעבען האָט איהם דאַן אויסגעקוקט אויף דאָס ניי זעהר קלוג, און ער האָט ווידער געהאַט גלויבען אין זיך אַליין.

אָפט פלעגען קומען צו בעני'ן די דאָזיגע פעסימיסטישע געפיהלען אין אַ פאַרנאַכט, ווען בעטי פלעגט זיך פאַרשפּעטיגען פון איהרער אַ בייטאָ־גיגער הוליאַנקע.

בעני איז שוין געווען פון מעהר ווי אַ שטונדע געקומען פון זיין שאָפּ.

די קינדער זיינען געווען הונגעריג און פאַרנאַכלעסיגט. די שטוב איז געווען אין אומאָרדנונג — אַן אַמאָליגע טרויעריגע בילד פון זיין לעבען.

בעטי פלעגט אָנקומען אַ פאַרהאָוועטע, און באַגלייט פון איהר פריינדינע אײַדאַ לעווין, און מיט אַ צוויי פונט סטעיק פאַר סאַפּער.

אײַדאַ פלעגט בעטי׳ן בלויז אַריינפיהרען אין שטוב, באַווייזען זיך אין טיר, זאָגען העלאָו און גוד באַי, און שנעל אַוועקגעהן. דאָס פלעגט איהר בעטי נעהמען מיט זיך, אין דער עת צרה, און זאָל בעני זעהן, אַז זי איז ניט די איינציגע וואָס איז געווען צו אַ מאַטינע שאָו — אַ בענעפיט פאַר׳ן טעמפּעל, וואו דער באַקאַנטער כלל־טוער מיסטער דזשאָזעפסאָן איז דער פּרעזידענט.

די צוויי פונט סטעיק פלעגט זי אין אַזאַ סאָרט טרעוואָגע אַ כאַפּ טאָן ביים בוטשער, ווייל בעני האָט זעהר ליב סטעיק.

דוקא דאָס קומען מיט אײַדאַ לעווין האָט בעטי׳ן קיין גוטעס ניט געטאָן. אָט די אײַדאַ האָט אין טעמקינ׳ען ערוועקט אַלטע וואונדען. פונקט ווי לעווין, זעהענדיג מיסעס טעמקין שטענדיג מיט איהר צולעבטען זינדיגען פנים, איז חושד אַז זי פיהרט אַראָפּ זיין אײַדאַ׳ן פון גלייכען וועג, אַזוי האָט טעמקין פיינט געהאַט אײַדאַ׳ן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אַלע צרות קומען פון אָט דער אײַדאַ׳ן, פון דער „צו לעבעדיגער שטיקעל סחורה״, ווי ער פלעגט איהר אָנרופען אין יענע קריגערישע טעג.

דער סטעיק אָבער האָט די גאַנצע מערכה פאַרריכט.

בעטי, צוהאָוועט און צופלאַמט, פלעגט אויסרופען מוטערליך פאַרזאָרגט:

— אָי ווערה, איהר זייט דאָ אַלע פאַרהונגערט! — און נעמען זיך צו דעם גרידעל אײַזען (אַזאַ סקאָווערעדע) און מיט טעם אָנאָנסירען — בעני, מיר׳ן באַלד האָבען סטעיק מיט סאָוס, מיט אַזאַ גרויסען סאַפּער, אַ רעגעלער באַנקעט.

באַלד איז זי געשטאַנען ביים אויוועז, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגען אַ וואַרעמקייט פון דעם גרידעל אײַזען, פון בעטי׳ן, און אַלערליי טעמים פון דאָס געפּרעגלטס, און פון בעטי׳ס צובליהטקייט, האָט דאָס אַלץ פאַרדעקט און אַוועקגעשטומפּט די אויפגעוועקטע נאַגעניש.

ער הערט בעטי׳ס שטימע דאָ לעבען זיך. ער הערט דעם סטעיק פּרעגלען זיך.

דער געגרייטער טיש און בעטי ווינקען צו איהם מיט אַלערליי פּאַטראַוועס, און איהם איז ווידער גוט, בעני׳ן. ווייל ער איז פאַרליבט און ער וויל זיין גליקליך.

אויף אַן אמת'ן אמת פלעגט בעני טעמקין אויפגערייצט ווערן מיט כעס ווען בעטי פלעגט אַפּטאָן איהרע אַן אַמאָליגע שטוקע — אַרויסכאַפּען זיך פון הויז אַהן אַ זיי־געזונד, און קומען הערט שפּעט אין דער נאַכט.

איין מאָל האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט אין אַזאַ וואָך, וואָס בעני האָט עפּעס געהערט באַמערקונגען, אַנצוהערענישען פון באַקאַנטע, פון שכנים, וועגען זיין ווייב. די חוצפּה'ניקעס, וועלכע פלעגען איהם צו אָפען צוטראָגען אַ רכילות, פלעגט בעני אָפּזידלען, אָבער עס פלעגט זיך ביי אים פון דעם אָפּשטעלען אַ ווידער־געפיהל צו זיך אַליין.

עס איז שוין געוואָרען איינס אַזייגער, צוויי אַזייגער און בעטי איז נאָך ניט געקומען. בעני האָט זיך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג צוגעהערט צום דרויסענדיגען זייט פון דער טיר, געוואָלט הערען שוין בעטי'ס אָנקומען. אין דעם שאָרך ביים טיר איז געלעגען בעני'ס גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

ניין, זי איז ניטאָ. עס קערט זיך איהם איבער דער מוח. ער איז גרייט אויף אַ קריגעריי, אויף אַ סקאַנדאַל. ער פּלאַנעוועט אויס וואָס און ווי אַזוי ער וועט איהר זאָגען, וואָס אים וויקעלט זיך דאָ איצט אויפ'ן האַרצען.

ער דערפיהלט זיך פּלוצלונג שטאָלץ וואָס אַ נערוו פון פּראָטעסט לעבט נאָך ערגעץ אין איהם, און ער רעדט איבער פאַר זיך אַליין, ווי ער רעדט צו איהר. ער שפּילט איבער אין זיינע געדאַנקען, ווי אַזוי ער קוקט אויף איהר מיט שאַרפע בייזע אויגען, ווי זי ענטפערט, און ווי ער שליידערט צוריק איהר ענטפער.

ער לעבט דערביי איבער אַ גרויסען שטורעם אין זיין געמיט. עס נעמט איהם וואָרפען דאָס האַרץ פון אויפרעגונג, און ער בורעט איין זיין קאָפּ אין קישען צום איינשלאָפען. ער וויל איינשלאָפען, ווייל ער איז שוין מיד פון זיין קריג, די פאַרגעשטעלטע קריג זיינע מיט בעטי'ן. אָבער עס שלאָפט זיך ניט. און די נאַכט געהט, און עס וויקלען זיך ביי איהם אַלערליי געדאַנקען הין און צוריק. אפשר איז זי דוקא איצט גאָר ניט שולדיג. עס קען דאָך טרעפען מיט אַ מענשען אַן „עקסידענט" (אַ סיבה), אפשר איבערגעפאָהרען? פאַרדריסט אים שוין וואָס ער איז צו ווייט געגאַנגען מיט באַשולדיגונגען געגען איהר, און ער דערשרעקט זיך פאַר אַן אומגליק. אין דעם שרעק פאַר'ן אומגליק גיט זיך זיין מוח אַ דרעה אויף צוריק, דאָס זי איז פיללייכט פאַרוואונדעט געוואָרען פאָהרענדיג אין אַ טעקסי, אין אַ טעקסי, מיט וועמען?

עס ווערט ביי אים אַזאַ פּלאָנטער פון געדאַנקען און געפיהלען, דאָס

ער געפינט זיך פלוצלונג צוריק אין די יענע ביטערע טעג פון אייפער־זוכט סקאַנדאַלען.

בעני טעמקין דערפיהלט אויף דעם מאָמענט, אַז אין דער אמת׳ען איז ער קיין מאָל ניט גליקליך געווען.

ווידער קומען איהם אין די געדאַנקען, וואָס אין ביזנעס איז ער אַ גע־אַכטעטער מענש, אַ „סאָמבאָדי" (אַ באַריהמטע פערזאָן), און אָט דאָ, ביי איהם אין דער היים, איז ער אַ צוטראָטענער נפש. בעני איז איצט שוין ניט אין כעס. ער איז געפאַלען, אַ געפאַלענער מענש איז ער.

עס הערט זיך דאָס עפענען פון דער טיר. איהרע טריט הערט ער ניט; ער הערט אַ שאָרשקעניש פון איר אויסטאָן זיך פאַר אַ שוואַכען ליכט דאָרטען ערגעץ אין „ליווינג רום" (אין זאַל).

בעני האָט זיך דערפיהלט אַ סך באַרוהיגט, וואָס זי איז שוין דאָ אין שטוב. זיינע אַלע געפּלאַנטע אַרגומענטען, מיט וועלכע ער האָט זיך געריכט צו באַגעגענען איהר, האָבען גענומען אויסרינען. אָבער, וועלענדיג צופרידענשטעלען זיך אַליין כאָטש, איז ווען זי איז שטיל אַריין אין בעט, האָט ער געפרעגט האַלב פאַרכמורעט, האַלב פאַרשלאָפען:

— ווי שפּעט איז עס?

— אַ דאגה דיר, שלאָף — האָט זי געענטפערט, און זי האָט אויף איהם צורעכט געמאַכט דעם בלענקעט. זי האָט איהם צוגעדעקט און ער האָט דערפיהלט ווי איהר האַנד איז איבערגעפלויגען איבער זיין שולטער.

ער האָט זיך דאָך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט:

— וואו ביזטו געווען?

זי האָט איגנאָרירט זיין פראַגע.

— איך טאָר שוין ניט פרעגען וואו דו ביזט געווען אַזוי שפּעט?

— דו׳סט מיך קענען פרעגען מאָרגען! — האָט זי געענטפערט שטרענג. און אַ מאָמענט שפּעטער האָט זי ציניש צוגעלעגט:

— איך אַנטלויף ניט פון דאַנען. דו וועסט מיך נאָך זעהן.

בעני האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן, געמאַכט זיך אַז ער זינקט אַריין אין אַ שלאָף, און עס האָט זיך ביי איהם געוועקסעלט די ספּעקולאַציע פון אַ פּראָטעסט, אַ סקאַנדאַל, מיט דער געהאַרכזאַמקייט פון אַ מאַן אַ לעמעשקע.

אַ לאַנגע, לאַנגע צייט איז ער אַזוי געלעגען און ספּעקולירט מיט זיין גורל ביי בעטי׳ן, און ער האָט ניט געהאַט קיין מוט אַ וואָרט אַרויסצורעדען. ער האָט כלומר׳שט אַ פאַרשלאָפענע האַנט אַרויפגעוואָרפען איבער

איהר, און ער איז גערן געוואָרען, אַז בעטי האָט איהם געדולדעט, און ער האָט דערפיהלט אַ דאַנקבאַרקייט צו איהר, וואָס איהם איז ווידעראַמאָל גוט. ער איז לעבען איהר, און אַלע טראַבעלס זיינען ווידעראַמאָל פאַר־שוואונדען דערווייל.

וואָלט בעני טעמקין געווען אַן אויפגעקלערטער, איינער פון די וואָס רופען זיך מאָדערנע מענשען מיט פילאָזאָפיעס, וואָלט ער געזוכט צו פאַרענטפערען זיין געפאַלענקייט מיט די הויכע פראַזען פון פרייע געפיהלען, טאָלעראַנץ, נייע צייטען.

אַזוי ווי בעני איז ניט געווען קיין געוואַלדיג אויפגעקלערטער מענש, קיין טאָלעראַנטער און קיין מאָדערניסט, האָט ער אויף זיין פשוט׳ען, עהרליך צוציטערטען אופן זיך געסטאַרעט צו זיין גליקליך מיט דעם ביסעלע גענאָד וואָס זיין ווייב האָט איהם געשענקט. אין זיין גאַנצער אינערליכער צו־טומעלטקייט האָט בעני ביי זיך אין האַרצען זעהר גוט געוואוסט אַז אָהן דעם ביסעלע, וואָלט דאָך זיין לעבען קיין לעבען ניט געווען, אַז וועגען זיין אָהן בעטי׳ן האָט ער זיך גאָר ניט געקענט פאַרשטעלען, צום געדאַנק גאָר ניט געקענט צולאָזען.

.10

בעטי טעמקין, דורך איהר ליבע מיט אַן אַנדער מאַן, מיט עראַן ראַזאָווסקי, איז אין איהר לוסטיגקייט, ליידענשאַפט און הולטאַיסקע גע־היימניספולקייט אַוועק ווייטער און ווייטער. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף איהר אויסזעהן. זי האָט פריהער אויך געהאַט אַ שטיפעריש ראָ־מאַנטיש פּנים, איצט אָבער האָט זיך דאָס געפיהלט אויף איהר אַ סך מעהר ווי פריהער. דערביי האָט זיך אויך געפיהלט מעהר פרוי אין איהר ווי אימער. דאָס איז אָבער אַזוי געווען בלויז מיט איהר אויסערליכען אויס־זעהן. איהר אינערליכע שטימונג האָט גענומען פאַלען. איהר צוהוליען זיך איז געווען אַריבער איהרע קרעפטען.

בעטי האָט ניט בלויז געגומען פירען אַ דאָפּעלטען לעבען פון האָבען אַ מאַן, קינדער, אַ היים, און האָבען אַן אַנדער מאַן אויסער דער היים, נאָר זי זעלבסט איז צוטיילט געוואָרען אויף צווייען — אַ צולאָזענע, לוסטיגע פרוי אויסערליך און אַ טרויעריגער מענש אינערליך. וואָס מעהר זי האָט געהוליעט, אַלץ מעהר חורבן איז געוואָרען אין איהר האַרצען, און וואָס מעהר קברים דער חורבן האָט פאַרזייט אין איהר נשמה, אַלץ מעהר איז זי געלאָפען צו צולאָזענע פאַרטיס, צו פאַר׳שיכור׳ן זיך.

זי איז אייגענטליך דאָך אַוועק אויף די וועגען פון איהר פריינדינע אידאַ לעווין, און זי איז ניט געווען קיין אידאַ. זי האָט ניט פאַרמאָגט אידאַ׳ס פּאַרנעם, אידאַ׳ס ספאַרטישען צוטריט צו ליבע און איהר רוהיגקייט.

אידאַ האָט ניט געטראַכט קיין סך און ניט געקרימט זיך, ניט געמאַכט קיין צערעמאָניעס ביים זיין אַ ווייב צו איהר אייגענעם מאַן, אין וועלכען זי איז קיינמאָל ניט געווען פאַרליבט. דאָס זעלבע איז אויך געווען ווען זי האָט אַמחירט אַ געליבטען, פון וועמען זי איז גאָרניט אַזוי נתפעל געוואָרען. אידאַ איז געווען די, וועמען עהרליכע מענשען רופען „אויס־געלאַסענע פּרוי”. זי איז עס ווירקליך געווען, אידאַ, אין יעדען זין פון וואָרט. אָבער דערפאַר איז זי געווען אויפריכטיג צו איהר מאַן און צו דעם געליבטען אין די מאָמענטען ווען זי איז מיט זיי געווען צוזאַמען. זי האָט זיי אַמחירט און זי האָט זיך אַמוזירט.

בעטי האָט בשום אופן ניט געקענט זיין אַזוי. זי האָט ניט געקענט ווערען דאָס, וואָס אידאַ איז געווען. אידאַ האָט זיך פון קיין זאַך ניט אָפּ־געגעסען דאָס האַרץ צו שטאַרק. ניט גענומען קיין זאַך צו ערנסט. אַזעלכע מענשען לעבט זיך אַ סך בעסער אויף דער וועלט. זי האָט געקענט הול־טאַיעווען מיט אַ גרינגען האַרצען, און זיין אויף איר אופן געטריי צו איהר מאַן און איהרע געליבטע מיט אַ גרינגען האַרצען. בעטי, ווידער, האָט די אַלע זאַכען, וואָס אידאַ האָט געטאָן אויף אַ נאַטירליכען שטייגער, זיך בלויז אויסגעלערענט.

אויס מורא פאַר אַ סקאַנדאַל און פאַר אַ רואינירטען לעבען האָט זי זיך אויסגעלערענט צו דולדען בעני׳ן, צו האָבען איינזעהעניש מיט איהם. איהר גאַנצער געפיהל אַלס פּרויענצימער איז אַריבער צו ראַזאָווסקי׳ן. אַלזאָ, איז פון אָנהויב, אַזוי ווי בעטי איז געווען ראַזאָווסקי׳ן איבערגע־געבען מיט אויפריכטיגקייט, איז זייביידען געווען גוט זעהר גוט. אַ היבשע עטליכע מאָנאַטען האָבען זיי געהאַט אַ וואונדערליכען נייעם לע־בען — אַ האַנימון.

ווען דאָס איז געוואָרען אַ געוועהנליכע זאַך האָט בעטי גענומען באַ־האַנדלען ראַזאָווסקי׳ן ווי אַ פרוי באַהאַנדעלט איהר געזעצליכען, איהר אייגענעם מאַן; קריגען זיך מיט איהם, יאַדען, פאָדערען, באַקלאָגען זיך, קרעכצען. דאָס אַלץ האָט זי געטאָן אויס ליבע צו איהם, וועלכער איז איהר געווען טייער, ווייל בלויז ער איז איהר באמת געווען נאָהענט ליב.

אָבער דאָס האָט ניט געטויגט. ראַזאָווסקי איז געווען אַ מענש, וואָס איז לאַנג שוין אַוועק פון אַט די אַלטמאָדישע זאַכען. ער האָט געמוזט דולדען

זיין ווייב, ווייל ער איז צו איהר געווען פאַרקניפּט דורך די געזעצן פון פאַמיליען־לעבן. און דערפאַר וואָס די פליכטן פון זיין פאַמיליע זיינען איהם געווען דערווידער, האָט ער געליבט, געלעבט און געלאַכט אויסער דער היים. זייענדיג אַ לעבענס־ערפאַהרענער מענש, אַ געניטער קאַוואַ־ליער, האָט ער בעטי׳ס קליינשטעטעלדיגע ווייבערשע מאָראַל אין ליבע ניט געקענט פאַרטראַגען.

— פליעז, בעטי, פאַרשקלאַף מיך ניט ווי אַ אידענע וויל פאַרשקלאַפען איהר שלים־מזל׳דיגען מאַן.

דאָס איז געווען ראַזאָווסקי׳ס אַן אויסגעשריי ווען בעטי האָט איהם אויפגעשפּילט אַ סצענע, למאי ער האָט אַ פלירטעווע געטאָן מיט אַן אַנ־דערער.

— איך האָב ערוואַרט, אַז צו מיר וועסטו זיין עהרליך — האָט בעטי גע׳טענה׳ט. — איך האָב דיר געבראַכט דעם גרעסטען אָפּפער, וואָס אַ פרוי קען ברענגען פאַר אַ מאַן.

ראַזאָווסקי האָט ציניש געשוויגען, פאַרענדיגט דאָס שווייגען מיט שטיפערישען גלאָצען מיט די אויגען צו דער סטעליע.

— דו ביזט פאַלש און ברוטאַל — האָט זי זיך צושריען — דו האָסט פון מיר געמאַכט דאָס ערגסטע וואָס אַ מאַן קען מאַכען פון אַן עהרליכער פרוי. דו ביזט ניט געוואוינט צו עהרליכע פרויען.

— הער זיך איין, בעטי, צויאַכמער מיר ניט מיין קאָפּ.

זי האָט זיך צעוויינט. ער האָט איהר איבערגעבעטען, און נאָך אַ צווייטען „אויסגעהן״, ווען ראַזאָווסקי האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אימי־צען, איז נאָך אַמאָל און ווידער פאַרגעקומען אַן עהנליכע סצענע; האָט זי זיך ווידער צעוויינט, און ער האָט איהר ווידער איבערגעבעטען מיט די גרעסטע צערטליכקייטען.

די פאָר יאָהר, וואָס זיי האָבען זיך ביידע אַרומגעפיהרט, זיינען אַריבער מעהר אין ברוגז׳ען און להכעיס׳ן און אין שטורעמדיקע אייפערזוכט־סצע־נעס ווי אין ווירקליכער ליבע. דאָס הייסט, אַז ניט נאָר בעטי׳ס פאָדערונגען וועגען איהר ליבע מיט ראַזאָווסקי׳ן האָבען זיך ניט איינגעגעבען, נאָר אויך ראַזאָווסקי׳ס באַדינגונגען האָבען מיט דער צייט טיילוויז געפּלאַצט. בעטי האָט איהם פאַרט אַריינגעצויגען אין די יאָדענישען וואָס קומען פאַר צווישען אַ געזעצליכען פּאָר־פּאָלק. דאָס גוטע — די עהרליכקייט און געטריישאַפט, וואָס אַ געוועהנליך־עהרליכע מאַן און ווייב האָבען איינער פאַר די אַנדערע, האָבען ראַזאָווסקי און בעטי ניט פאַרמאָגט. און די אויפרעגענדע ליבע, וואָס אַזאַ פאָר דאַרף געוועהנליך האָבען, איז אויפגעפרעסען געוואָרען אין

די קריגערישע סצענעס און יאַדעגישען. אין דעם זין זיינען זיי לײדער געווען ווי אַ געזעצליכע, קריגערישע מאַן און ווייב, ביי וועמען די צייט, וואָס זיי זיינען צוזאַמען, געהט אַוועק אין זידלערייען און אין פיזישער נאָהענטקייט. פאַר נשמה־נאָהענטקייט איז שוין קיין צייט ניטאָ, קיין גע־לעגענהייט ניטאָ.

ראַזאָווסקי׳ן איז שוין כמעט ניט פאַרבליבען קיין שום אורזאַכע פאַרוואָס ער זאָל זיך האַלטען מיט בעטי׳ן און דאַרפען קריגען זיך מיט איהר. ראַזאָווסקי איז געווען, וואָס באַלעבאַטישע מענשען רופען, אַ לײדאַק, אויסער סעקסועלע נייעס — די נייע פרוי, וואָס בעטי איז פאַר איהם געווען, האָט ניט זי און קיין אַנדער פרוי געקענט איהם אַנרייצען מיט עפּעס אַנדערע ראָמאַנטישקייטען. איז אַזוי ווי עס זיינען אַריבער אַ פּאָר יאָהר, און ער האָט זיך אַנגעזעטיקט מיט איהר, האָט ער געדולדעט איהרע „אַלט־מאָדישע" ווייבערשע גאַנגען, די יאַדעגישען, ביז עפּעס אַ נייע ליבע וועט זיך אַרום איהם פאַרטשעפּען. אַזוי האָט מען טאַקע גערעדט אַט אין דעם קרייז, אין וועלכען ער, בעטי, איידאַ און דזשאָזעפסאָן און די אַלע אַנדערע האָבען זיך געדרעהט.

עס איז קלאָר געוואָרען פאַר אַלע נאָהענטע אין דעם קרייז, און אויך בעטי האָט עס דערזעהן, דאָס ראַזאָווסקי האָט זיך אויפגעהערט היטען פאַר בעטי׳ס אייפערזוכט. אדרבא, ער האָט געוואָלט זי זאָל אויף איהם ברוגז ווערען, זי זאָל מאַכען אַ סקאַנדאַל, פון וועלכען עס זאָל ווערען אַ ברוך צווישען איהם און בעטי׳ן.

האָט זיך ראַזאָווסקי צוגעשאַרט צו אַ שפּאָגעל נייער דאַמע, איינע אַ שוירלי מאַכטעי, וועלכע האָט זיך באַוויזען אין דער דאָזיגער „סאָסייעטי".

די דאָזיגע שוירלי מאַכטעי האָט זיך צום ערשטען מאָל באַוויזען אויף אַ פּאַרטי ביי מיסטער דזשאָזעפסאָנ׳ען אין הויז. ס׳איז געווען ווינטער־צייט. מיסעס דזשאָזעפסאָן איז אַוועק אויף אַ פּאָר וואָכען אין לעיקוואוד, און אַלע מאָל אין דער צייט, ווען זי פאָהרט אין לעיקוואוד, איז דזשאָזעפ־סאָנ׳ס הויז דער „בית־המדרש" פאַר דעם דאָזיגען קרייז פון די געהיימע פּאַרליבטע.

ראַזאָווסקי איז טאַקע פאַר דער דאָזיקער שוירלי׳ן פאַרכאַפּט געוואָ־רען, ווייל זי האָט זיך געקליידט ווי אַקטריסעס ערשיינען אויף דער ביהנע ראָזעווע שיכלעך, אַ קלייד מיט גאָלד באַטרימט און לאַנגע אוירינג־לאַך פון שוואַרצע און רויטע פּאַטשערקעס.

ראַזאָווסקי האָט דערפיהלט, אַז די דאָזיגע שוירלי מאַכטעי איז טאַקע זיין לאַנג־געזוכטער זיווג (זיוואוג). און ווען ער האָט זיך מיט איהר

אַ פּאָר מאָל ביי פּאַרטיס פֿאַרקליבען אין אַ ווינקעל ווייט פון אַלעמען, און זי האָט איהם גערן אַרומגענומען און ניט געדונגען זיך ווי בעטי האָט עס צוערשט אַמאָל געטאָן, איז שוין ביי ראַזאָווסקי'ן גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז בעטי איז „ניט זיין טאַיפּ".

אויך פאַר בעטי'ן האָט צייטענווייז די ליבע מיט ראַזאָווסקי'ן אויפ־געהערט צו זיין דאָס, וואָס עס איז געווען. אָבער בעטי'ס קאַליע געוואָרענע ליבע איז געווען צוליב אַ פאַרקערטער אורזאַכע ווי ביי ראַזאָווסקי'ן. ס'איז איר געוואָרען טרויעריג אויפ'ן האַרצען וואָס זי איז געקומען צו דער לאַגע פון קריגען זיך, פון דאַרפען אויסבעטען אַביסעל אָנערקענונג ביי ראַ־זאָווסקי'ן, ביי דעם, צוליב וועמען זי האָט געאָפּפערט אַלעס וואָס איז ביי איהר אַמאָל הייליג געווען.

איז אָט דוקא צוליב דעם האָט זי זיך שטאַרק אָנגעהאַלטען אָן ראַ־זאָווסקי'ן. זי האָט זיך געשראָקען פאַר דעם מאָמענט, ווען דאָס לעבען וועט איהר אָט־אָט אַרונטערשטויסען פון דעם פרעהליכען וואָגען און וועט איהר אַריינוואַרפען אין קיך צו די טעפּלאַך צו ענדיגען איהרע יאָהרען מיט בלויז קאָכען וועטשערע פאַר בעני'ן. זי האָט זיך זעהר שטאַרק אָנגעהאַלטען אָן ראַזאָווסקי'ן פאַר דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט איהר אַריינגע־פיהרט, אַ געזעלשאַפט, וואו אַלע טאָג איז דאָ פייערליכקייטען, אַלע טאָג נייע ליבעס־ווערטער, נייע איבערלעבונגען.

איז האָבען זיי זיך אַזוי אַרומגעקריגט און גוט־פריינד געוואָרען, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז זיי האָבען זיך ענדליך צושיידט.

פאַר די דריי און אַ האַלב יאָהר, וואָס בעטי איז געווען מיט עראָן ראַזאָווסקי, האָט זי שוין געהאַט אַ ווייטע און ברייטע באַקאַנטשאַפט און פאַרעהרערשאַפט אין די קרייזען, אין וועלכע עס דרעהען זיך אַרום די „וויבערניקעס", ווי די דאָזיגע ליבהאָבער רופען זיך צווישען אנשטענ־דיגע פאַמיליעס. האָט זי זיך ווייטער אָוועקגעדרעהט אין דעם קאַראָהאָד פון לעבענסלוסט. נאָך ראַזאָווסקי'ן איז בעטי אַריבער פון איינעם צו אַ צווייטען, פון אַ צווייטען צו אַ דריטען.

פאַר אַ געוויסער צייט זיינען די נייע געליבטע יעדען סעזאָן געווען פאַר בעטי'ן נייע לוסטיגע טעג און נעכט, נייע פריידיגע אַמיוזמענטס.

נאָכדעם ווי בעטי איז געבליבען „אַליין", האָט דער נייער געליב־טער, ווי ער זאָל ניט האָבען געווען אויסגעזעהן, ווער ער זאָל ניט געווען זיין, באַדייטעט פאַר איהר אַ טרייסט — אַז זי איז נאָך „אַלראַיט", בעטי; אַז די וועלט דאַרף איהר נאָך, אַז מען יאָגט זיך נאָך איהר. דאָס האָט איהר צוריק אַריינגעשטעלט אין איהר מוט, וואָס זי האָט שיער ניט

פאַרלאָרען פון ראַזאַווסקי'ס „אָפּטשעפּען" זיך פון איהר. דאָס הייסט, אַז זי איז נאָך ניט קיין פאַרפאַלענע.

דאָן, יעדער נייער געליבטער איז צו איהר געקומען מיט נייע פּלאַ־טערנישען, מיט נייע סאָרטען ליבעס־ערקלערונגען, מיט אַ נייער שפּראַך צו צערטלען איהר. זי איז ביי יעדען געווען אַ נייע באַגייסטערונג, און יע־דערער איז צו איהר געקומען מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז ער האָט אין איהר ענטדעקט די מערקווירדיגסטע פרוי וואָס איז דאָ אויף דער וועלט.

מיט איין וואָרט, בעטי איז אַריבער אין אַ ראָמאַנטישער „ווערייעטי"; יעדע ווילע אַן אָפּפרישונג, אַ נייע צאַפּלעניש.

אָבער די „ווערייעטי" האָט אויף געהאַט איהרע גרענעצען, ווייל בעטי'ס קרייז איז געווען זעהר אַ באַגרעניצטער. יעדער ערפאַרענער דאַ־מען־העלד האָט אין בעטי'ס אויגען אָנגעהויבען ווערען ווי איינער און דערזעלבער, ווייל זי אַליין איז דאָך געווען שטענדיג דיזעלבע, מיט דעם זעלבען פלינקען ליגען אין האַרצען. זי איז זיך אַליין דערעסען געוואָרען און זיך אַליין געיאָגט, ווי זי וואָלט ערגעץ קיין אָרט ניט געקענט געפינען פאַר זיך.

בעטי'ס האָוועגישען מיט געליבטע, דאָס יאָגען זיך צו קאָקטעיל־פּאַרטיס, טעאַטער־פּאַרטיס, קאַבאַרעטען, זיינען ביי איהר געוואָרען אַ געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט אויסצופילען איהר אונאינטערעסאַנטען בייר־טאָגיגען לעבען. זי האָט צופיל געטראַכט וועגען זיך און זי איז ניט געווען צופרידען מיט זיך אַליין.

איהרע באַציהונגען מיט אַ געליבטען זיינען פאַר איהר בלויז געווען אינטערעסאַנט אויף וויפיל דער געליבטער האָט אויף איהר געקענט ספּענדען און אויף וויפיל די געזעלשאַפט, אין וועלכער זי איז געווען, איז געווען אַ פרעהליכע.

צוליב אָט דעם לעבענסגאַנג, אויף וועלכען בעטי איז סוף־כל־סוף אַרויפגעשטויסען געוואָרען, האָט זי געביטען איהר מיינונג וועגען דעם אַל־טען רייכען דזשאָזעפסאָן, וועלכער איז שוין אַ פּאָר מאָל אויף אַ ווילע געווען איהר געליבטער. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז מיסטער דזשאָזעפסאָן איז ניט נאָר אַ בעל צדקה און אַ פּרעזידענט פון טשאַריטיס, נאָר ער איז אויך דער גוט־האַרציגער אויפפּאַסער אויף אַן עלענדער געליבטער, וועלכע האָט צרות פון איהר געליבטען. דזשאָזעפסאָן איז אימער געווען גע־גרייט צו העלפען מיט אַ גוט וואָרט, מיט אויסנעמען, ווען אַ געליבטער פאַראַט אַ געליבטע און זי איז פאַרצווייפעלט.

זי האָט געביטען איהר מיינונג וועגען מיסטער דזשאָזעפסאָנ'ען, ווייל

די לעבענס־כוואַליעס האָבען איהר צוגעשטויסען צו דעם טייך, וואו עס שווימען אַט די דאָזיגע דזשאָזעפסאָן־פיש, ווייל דער עצם זינדיגער צוזאַמענ־לעבען מיט אַ געליבטען האָט איהר מער ניט אויפגעטרייסעלט — ניט מיט שרעק און ניט מיט הנאה.

זי האָט שוין פאַרמאָגט אַלערליי פּריגעביגע שמייכלערייען און חנ׳־דעלאַך, פון וועלכע אַ געליבטער פלעגט די כפרה איינגעמען. דער גע־ליבטער איז געווען גליקליך און פרעהלאַך מיט איהר, אָבער זי אַליין, בעטי טעמקין, האָט פון זיך קיין גרויס נחת ניט געהאַט.

זי האָט גענומען בענקען נאָך יענע צייטען, ווען פון אַ באַרירונג מיט אַ נייער באַקאַנטשאַפט פלעגען איהרע בלוטען זיך צופלאַקערען. איצט איז דער דאָזיגער יום־טוב אַוועק פון האַרצען.

בייטאָג, ווען זי איז אין שטוב און ערפילט איהרע פליכטען אַלס באַלעבאָסטע און מוטער, זעהט זי ווי איהר טאָכטער, איהר רותה, ווערט יעדען טאָג צייטיגער אַלס פרוי. מאָדנע געדאַנקען, שרעקליכע געדאַנקען, באַפאַלען איהר. עס דאַכט זיך איהר, אַז זי ווערט היינט אָוועגט בלייבען אין שטוב. זי שרעקט זיך צו געהן ווייטער אַהין, צו איהר באַנקראָטירטער וועלט.

אָבער ווען די נאַכט פאַלט צו, נעמט זי אַרבייטען איבער איהר טואַלעט מיט מעהרער איינגעשפּאַרטקייט ווי אַלעמאָל, און זי איילט זיך אַוועק. זי יאָגט זיך אַהין, וואו זי האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן, און עס דוכט זיך איהר, אַז זי וועט נאָך עפּעס צוריק געווינען.

ע נ ד ע.

קורצע ערצעהלונגען

אַ בחור מיט געלט

נייטהען לאַרקין, אַ בחור שוין ווייט, ווייט אין די פערציגער, אַ מענשעל מיט פלאַכע כינעזישע אויגען און גרויסע אויערען ווי פּאַכערס, איז שוין ווידער געזעסען אין די מואוויס מיט אַ יונגער מיידעל, געהאַלטען איהר האַנט אין זיינע הענט, און ערקלערט איהר וואָס ער מיינט.

די נאָהענטע און פריינד פון נייטהען לאַרקין, וועלכע ריידען איהם אַלץ שידוכים, און קענען איהם אַלץ ניט חתונה מאַכען, וויצלען זיך שטענדיג איבער איהם, אַז ער פאַרגינט ניט וואָס אַ פרעמדע פרוי וועט עסען זיין ברויט. דערפאַר, הייסט עס, האָט ער ניט חתונה. זיי מאַכען אָבער אַ טעות. ניט דאָס איז די אורזאַכע. נייטהען ווייסט ביי זיך, אַז דאָס איז ניט ריכטיג. ער ווייסט גאַנץ גוט וואָס ער וויל און פאַרוואָס ער האָט מורא: ער האָט מורא פאַר אַזאַ וואָס וועט מיט איהם חתונה האָבען, ניט מיינענדיג איהם, נאָר זיין געלט.

נייטהען לאַרקין איז אַ קרבן פון זיין געלט. צוליב דעם וואָס ער האָט אָנגעקליבען געלט, אַ סך טויזענדער, עלטערט ער זיך אַ בחור.

גאָר אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ פינף און צוואַנציג יאָהריגער בחור׳ל, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ געליבטער, מיט דזשעני׳ן, און אָט־אָט האָט שוין געהאַלטען, אַז ער זאָל חתונה האָבען מיט איהר. האָבען איהרע עלטערען צושטערט דעם שידוך, ווייל ער איז געווען אָרים.

דזשעני האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערען, און דאָס איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר איהם. ער האָט דעם אומגליק גאָר ניט געקענט אַריבערטראָגען, און האָט אויף אַנדערע מיידלעך ניט געוואָלט אַ קוק טאָן.

אַז עס זיינען אַריבער אַ פּאָר יאָהר, און ער האָט זיך באַרוהיגט, האָט ער ביי זיך באַשלאָסען, אַז ער וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען, מיט די מיידלעך. ער וועט זיך אַ נעם טאָן אָנצוקלייבען געלט, ווערען רייך, און דאַן וועלען זיי זיך ביי איהם בעטען.

ער האָט געקליבען אַ פעני צו אַ פעני, אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר. ער האָט שוין געהאַט הונדערטער; פון די הונדערטער דאָלאַרס זיינען געוואָרען טויזענדער; זיין באַנק ביכעל איז געוואַקסען.

ער איז פאַרקאַכט געוואָרען אין זיינע טויזענדער, וועלכע האָבען איהם

געוואַרימט דאָס האַרץ. די יאָהרען זיינען געגאַנגגען, און ער האָט גאָר פאַר־געסען צוליב וואָס און צוליב וועמען ער האָט זיך גענומען קלייבען געלט. ער האָט פאַרגעסען, פון זינען זיינען זיי איהם אַרויס, די מיידלעך. די טויזענדער אַליין זיינען געוואָרען דער צוועק.

אויף אַ מיידעל האָט ער שוין ניט געקוקט ווי אויף זיין העכסטען בחור'־שען אידעאַל, אַלס זיין העכסטע דערגרייכונג. ער האָט שוין געהאַט זיין אידעאַל אין לעבען — דאָס געלט.

אַזוי איז נייטהען לאַרקין אַריבערגעפאָהרען דעם פערציגסטען יאָהר, און עפּעס אַ בענקשאַפט איז אַריין אין זיין האַרצען.

זיינע אויגען זיינען געוואָרען פלאַכער און טיפער, די גרויסע אויערען גרעסער און דורכזיכטיגער, האָבען זיי שוין אויסגעקוקט ווי פאַרמעט.

און דאָ האָט ער זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ טראָבעל, וועגען וועלכען ער האָט זיך ניט געריכט. ער האָט געהאַט יאָהרען און געהאַט געלט, און ער האָט גענומען מורא האָבען, אַז מען מיינט ניט איהם, נאָר זיין געלט.

באַלד ווי מען האָט איהם גענומען ריידען שידוכים, האָט ער דער־פיהלט דעם דאָזיגען טראָבעל. די פריינד און קרובים, וואָס האָבען זיך פאַר־נומען צו זיין שדכנים, האָבען איהם כסדר אויסגעפרעגט וועגען זיין געלט, געוואָלט דערגעהן וויפיל געלט ער האָט טאַקע אין דער אמת'ען.

— די מיידעל מוז דאָך עס וויסען, — האָט מען איהם ערקלערט. — זי איז דאָך אַ יונגע מיידעל, אַ פיינע מיידעל; און דו ביזט דאָך שוין ניט קיין באָיטשיק.

די דאָזיגע געשיכטע איז איהם אַריין אין נאָז. ער האָט זיך גענומען שרעקען. ער האָט גענומען קוקען מיט חשד אויף די שדכנים און אויף די מיידלעך.

די שדכנים און די שדכנ'טעס פון דער משפחה האָט ער מעהר חושד געווען ווי די מיידלעך, און ער האָט גענומען „באַרגעינען" אַליין, אָהן די שדכנים. פאַרמאָגענדיג די טויזענדער, האָט ער זיך געפיהלט אַזוי פעסט ווי אַ בעל־הבית'טע, וועלכע געהט אַרויס אין מאַרק מיט מזומן'ע געלט, און זי „באַרגעינט", דינגט זיך, קלייבט, וואַרפט, קרימט זיך איבער דער סחורה און געהט אַוועק, ניט קויפענדיג.

שוין פון איניגע יאָהר, אַז נייטהען לאַרקין מאַכט באַקאַנטשאַפטען מיט דער אָדער יענער מיידעל, נעמט איהר אין די מואוויס, און פאַרשט, זוכט, דערגעהט צי מיינט זי ניט חלילה בלויז זיין געלט. ער מוז דאָס אַקוראַט וויסען. ער וויל זיך ניט פאַרנאַרען.

מילא, דאָס וואָס ער מיינט, ווייסט ער שוין ווי צו ערקלערען. דער עיקר

איז אָבער צו וויסען וואָס זי מיינט. אָט דאָס איז גאַנץ שווער צו טרעפען. ריידען רעדען זיי אַלע שעהן און גוט, ענטפערען אַז זיי מיינען בלויז די „פערזאָן". די פערזאָן, אַזוי זאָגען זיי אַלע. ווי עס איז מיט זיי אין דער אמת'ען, קען לאַרקין אַלץ ניט דערגעהן. ווער ווייסט זיי, די היינטיגע מיידלעך.

אַז ער האָט געלט, זאָגט ער זיי גלייך. זיי ווייסען עס אַליין אויך, אָבער ער וויל זיי זאָלען הערען פון זיין אייגענעם מויל. יעדער מענש האָט דאָך ליב צו ריידען פון זיינע מעלות, און לאַרקין האָט ליב צו ריידען וועגען זיין פאַרמעגען. זאָל די מיידעל וויסען, אַז ער איז ניט אַבי־ווער, אַז ער איז ניט עפּעס אַ בחור פון גאַס, אַ האָלעדריגע.

גלויבען גלויבט ער אַליין, אַז ער איז אַ גרויסער גליק פאַר אַ מיידעל. און ער קלייבט נאָר אויס יונגינקע און שעהנע.

ס'איז אָבער דאָ ערגעץ אין זיין האַרצען אַ באַהאַלטענער ווינקעלע, וואָס דערמאָנט איהם, וואָס צופּט איהם, וועגען זיינע יאָהרען וואָס זיינען גאַנץ וויט אין די פערציגער, וועגען זיינע פאַרשמעלערטע פּלאַטשיגע אויגעלעך, וועגען זיינע גרויסע פאַרמעטענע אויערן, און וועגן נאָך חסרונות וואָס ער פאַרמאָגט. אָט דערפאַר טאַקע האָט ער געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף יעדער מיידעל, אַז זי מיינט זיין געלט.

געטראַכט האָט ער אָבער וועגען זיין הויפּט־מעלה וואָס דעקט צו אַלע זיינע חסרונות, וועגען געלט, און די מעלה דוקא האָט איהם אומרוהיג געמאַכט. ווען דאָס מיידעל האָט זיך געטוליעט צו איהם, זיצענדיג אין די מואָוויס, און איהם איז אַרויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז טאָמער טוליעט זי זיך צוליב זיין געלט, איז איהם געוואָרען זעהר קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען.

ס'זיינען שוין דערפאַר יאָהרען פאַרגאַנגען אין באַרגענען, אין דערגעהן, און ס'איז אַלץ קיין שידוך ניט געקומען. מאַנכע מיידלעך האָבען איהם איבערגעלאָזען אין מיטען פון זיינע טענות און זיינען מעהר ניט געקומען; און אַנדערע האָט ער איבערגעלאָזען און אויפגעהערט אָפּרופען זיי אויפ'ן טעלעפאָן.

דאָס מאָל איז ער געזעסען מיט בעסי פישמאַן, אַ לעבענסלוסטיגע, געקרויזטע, פעטליכע ברונעטקע.

די מואָווי איז גראַדע געווען אַ געשיכטע, וואָס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ליבע און געלט. אין דער העלדינע האָבען זיך פאַרליבט צוויי — אַ יונגער, אָרימער בחור, און אַן עלטערער מיליאָנער. ס'איז לאַרקינ'ען ניט גוט געווען צו פאַרפיהרען אַ שמועס וועגען זיין ליבע און זיין געלט, ווייל

דער רייכער געליבטער איז געווען אַן אַלטער און אַ פּאַסקודניאַק. עס האָט לאַרקין׳ען פאַרדראָסען, וואָס גראַדע מיט בעסי פישמאַן איז איהם אויסגע־קומען צו זעהן אַזאַ ניט גינסטיגע מאָווינג־פּיקטשור.

די דאָזיגע בעסי איז איהם געפעלען געוואָרען מעהר ווי אַלע, מיט וועל־כע ער איז ביז איצט אַרומגעגאַנגען. זי איז געווען אַ שעהן, אַ יונג, אַ עפּעס סטאַטעטשנע, געסעטעלט. זי איז צו איהם ניט געווען אַזוי קאַלט ווי די אַנדערע. זי האָט זיך געטוליעט צו איהם מיט געטריישאַפט, דאַכט זיך מיט ניט געמאַכטער געטריישאַפט.

ער האָט דערפאַר אָפּגעלייגט זיין אויספאָרשען בעסי׳ן אויף אַן אַנדער מאָל, אויף שפּעטער פּיליכט.

נאָך דער הויפּט־פּיקטשור האָבען זיך באַוויזען אַנדערע מאָוויס אויפ׳ן לייווענט, און יענע, מיט דעם אַלטען רייכען פּאַסקודניאַק, איז שוין אַביסעל פאַרגעסען געוואָרען. לאַרקין האָט דערפאַר אָנגעהויבען זיין שמועס מיט בעסי׳ן דעם זעלבען אָוונט, אין רעסטאָראַן, וואו זיי זיינען אַריין האָבען אַ קאָפּע נאָך דער מאָווי.

— געלט איז טאַקע זייער אַ גוטע זאַך, — האָט לאַרקין אָנגעהויבען ריידען און בעסי האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט איהר צושטימונג :

— געוויס איז געלט אַ גוטע זאַך.

— אָבער איהר פאַרשטעהט, אַז ווען מען קוואַפּעט זיך אויף דעם געלט, איז ניט גוט.

בעסי האָט זיך אָנגעשטויסען וואוהין דער אַלטער בחור צילט, און זי האָט גלייך באַשלאָסען ניט צו זיין צופיל נאָכגעביג.

זי אַליין האָט גערעכענט אַריינצוציהען איהם אין אַ געשפּרעך וועגען זיך ; וועגען דעם, וואָס זי איז אַ גע׳גט׳ע און האָט אַ קינד. זי מוז דאָך דאָס אַמאָל איהם זאָגען. זי האָט דאָס אַלץ אָפּגעלעגט. זי האָט דערפאַר צוגע־שוויגען דערווײַלע, געלאָזען איהם ריידען, און געהיט דעם מאָמענט ווען זי וועט קענען צופיהרען צו דעם וואָס זי האָט געצילט.

און נייטהען לאַרקין, וועלכער האָט געהאַט האַוואַיעס פון אַן אַלטען אידען, גערעדט און געטראַכט ווי אַ פאַרעלטערטער מענש, האָט זיך געסטאַ־רעט צו זאָגען איהר אַלעס, אַז זי זאָל וויסען, אַז קיין„פּעפּקע" איז ער ניט, אַז איהם קען מען ניט פיהרען אין חדר, אַז ער איז פאָרזיכטיג און וועט זיך ניט לאָזען אַריינבאַרען.

— איהר פאַרשטעהט, — האָט ער גערעדט, — אָט נעמט מיך. איך שטרעב צו האָבען אַ געטרייען חבר, טאַקע אַן אמת׳ן חבר. איך זאָג אייך, מיס פישמאַן, איך פיהל, אַז אַ פרוי וועט פאַר מיר לעבען גליקליך. אָבער

איהר פאַרשטעהט, ווער קען עס אַריינקריכען אין דעם תוך ? מאַלע ווען מען טרעפט אָן ?

— קען דאָך דער צווייטער צד אויך טראַכטען, מאַלע ווען מען טרעפט אָן ? — האָט בעסי געזאָגט.

— ס'איז ניט דאָס, — האָט לאַרקין ווידער גערעדט. — איך מיין עפּעס אַ זאַך, עפּעס גאָר אַנאַנדער זאַך. איך ווייס וואָס איך מיין.

— וואָס מיינט איהר ?

— איך מיין, וואָס היינטיגע מיידלעך קוקען נאָר אויף געלט. איך מיין ניט אייך, מיסס פּישמאַן, איך מיין אין אַלגעמיין. ווי איז אַז מען האָט ניט קיין געלט ?

— וואָס דאַרפט איהר טראַכטען וועגען די, וואָס האָבען ניט קיין געלט ? אייך וועלען די מיידלעך וועלען, ווייל איהר האָט געלט. איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז איהר האָט. אַלע ווייסען, אַז איהר האָט געלט.

— אָט זעהט איהר, אָט דאָס איז דער טראָבעל מיט מיר. אָט דאָס וואָס איך האָב געלט און אַלע ווייסען, אַז איך האָב, איז טאַקע מיין טראָבעל.

— וואָס מיינט איהר ? — מאַכט זיך בעסי תמ'עוואַטע.

— איך מיין, אַז איך וואָלט וועלען, אַז מען זאָל ניט וויסען אַז איך האָב געלט, און דאַן וואָלט איך געקענט וויסען, וועלכע מיידעל עס איז די ריכטיגע פאַר מיר.

— איך פאַרשטעה אייך ניט.

— איך מיין, אַז איהר דאַרפט שוין פאַרשטעהן וואָס איך מיין. איך מיין, אַז אפשר מיינט מען ניט מיר, נאָר מיין געלט ?

— עס ווענדעט זיך מיט וואָס פאַר אַ פּערזאָן איהר וועט חתונה האָבען.

— אָט דאָס רייד איך דאָך. איך קען דאָך פריהער ניט טרעפען, וואָס פאַר אַ „פּוירסאָן" די פּערזאָן איז.

— איך דענק, — האָט בעסי פאַרזיכטיג געזאָגט, האַלטענדיג די אויגען אַרונטער צום טיש, — מיר דוכט, אַז גלאַט אַ יונגע אַמעריקאַנער מיידעל, וואָס האָט נאָך קיין סך צרות ניט געהאַט, וועט מיינען נאָר אייער געלט.

— האַ ? — האָט לאַרקין געפרעגט אי צושראָקען, אי שטאַרק פאַראינטערעסירט, — איהר מיינט אַזוי ?

— איך דענק אַזוי.

— פאַרוואָס דענקט איהר אַזוי ?

— ווייל, ווייל, — האָט זיך בעסי אַנגענומען מיט מוט, — ווייל יעדער מוז דאָך פאַרשטעהן וואָס מיט איהם אַליין טוט זיך.

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין, אַז יעדער מענש האָט דאָך עפּעס אַ געוויסען חסרון, איז מוז דער מענש באַזיצען עפּעס אַן עקסטראַ מעלה, וואָס זאָל פאַרגעבען אויף דעם חסרון.

— יעדער מענש האָט עפּעס אַ חסרון — האָט בעסי גערעדט, אויפ־שאַרענדיג מיט'ן מעסער די ברעקלעך פון טיש אין פאַרשיידענע צייכע־נונגען; — אַ מיידעל וואָס איז יונג און שעהן, און אין דער היים ביי איהרע עלטערען איז איהר ניט אַזוי שלעכט, איז אויב זי זאָל מיט אייך חתונה האָ־בען, וועט זי מוזען נאָר מיינען אייער געלט.

— פאַר וואָס זאָל דאָס זיין אַזוי?

— ווייל, ווייל איך מיין, אַז אויב זי וועט זיך באַשליסען חתונה האָ־בען מיט אַן עלטערען פון זיך, מיט אַ סך אַן עלטערען, וועט זי דאָך מוזען עפּעס מיינען.

לאַרקין האָט אַ ווײַלע געשוויגען מיט אַן אונאַנגענעהמען געפיהל, און האָט ענדליך שוואַך אַרויסגערעדט:

— זעהט איהר, דערפאַר גלייך איך אייך. איהר זאָגט דאָס וואָס איהר מיינט.

נאָך אַ שטילשווייגען פון ביידען, האָט לאַרקין געפרעגט:

— איז ווי וועט זיין, אַז מירביידע זאָלען חתונה האָבען? ס'הייסט איך מיט אייך?

— איך ווייס? — האָט בעסי געגומען שטאַמלען; — איך קען ניט זאָגען אַקוראַט. איך דענק, אַז איהר קענט דאָך נאָך מיר ניט גענוג.

— איך קען אייך שוין גוט, — האָט לאַרקין געזאָגט פרייליכער; — מיר דוכט זיך, אַז איך קען אייך זעהר גוט.

— איך, — האָט בעסי גערעדט שטיל, מיט אַרונטערגעלאָזענע אוי־גען; — איך טראַכט אפילו ניט וועגען אייער געלט. פון מיינטוועגען קענט איהר זיין אַן אָרימאַן.

— איז פאַרשטעה איך שוין ווידער ניט, — האָט ער זיך צואַמפּערט;

— טאַ פאַרוואָס זאָלען אַנדערע יונגע שעהנע מיידלעך ווי איהר יע מיינען נאָר מיין געלט?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז די וואָס האָט ניט איהרע אייגענע צרות, וועט מוזען מיינען אייער געלט.

— איז דאָך, וויבאַלד אַז איהר —

דאָ האָט זי איהם איבערגעשלאָגען און געזאָגט:

— איך בין אַנדערש ווי אַנדערע.

— איך זעה, אַז איהר זייט אַנדערש, אָבער —
דאָ האָט בעסי פּישמאַן אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אַ גע׳גט׳ע, און איך האָב אַ קינד פון צוויי יאָהר.

נייטהען לאַרקין איז געוואָרען בלאַס און בלוי. עס האָבען זיך איהם גענומען טרייסלען הענט און פיס. ער האָט אָנגעהויבען ריידען און ניט גע־וואוסט וואָס. ס׳איז איהם שווער געווען צו זיצען, שווער געווען אויפצוהוי־בען זיך, און ער האָט גענומען באַלעבעטשען וועגען דער מואווי, וועגען דעם וועטער.

ענדליך האָט בעסי איהם אַרויסגעהאָלפען. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און געזאָגט:

— איך דענק, אַז עס איז שוין שפּעט.

מיט שווערע אַפּקומענישען האָט ער איהר אַפּגעפיהרט אַהיים. מיט שווערע אַפּקומענישען האָט זי קוים אָנגעהאַלטען עפּעס אַ געשפּרעך ביז מען איז איינע פון די אַנדערע דערלייזט געוואָרען.

פאַר דריי מאָנאַטען האָט ער פון זיך ניט געלאָזען הערען. אָבער די גאַנצע דריי מאָנאַטען האָט ער געטראַכט פון בעסי פּישמאַן. ער האָט גע־טראַכט וועגען איהר צום גוטען, האָט זיך איבערצייגט, אַז פאַר איהם וועט טאַקע זיין גלייכער חתונה צו האָבען מיט בעסי׳ן, וועלכע וועט פיהלען צו איהם אַ דאַנקבאַרקייט ווייל זי איז שוין אַ וויבעל און האָט אַ קינד.

אַז זי מיינט ניט בלויז זיין געלט, אין דעם האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע אורזאַכע צו גלויבען. און אַ יונגע איז זי; אַ שעהנע אויך, און אַן אמת׳ע.

ער האָט איהר באַזוכט. זי האָט איהם אויפגענומען פיין, פאַרבראַכט מיט איהם פריינדליך, אָבער ווען פאַר׳ן אַוועקגעהן האָט ער מיט איהר גע־נומען אָפּריידען וועגען געהן אין אַ מואווי, האָט זי איהם ערקלערט, אַז זי איז שוין אַ כלה געוואָרען פאַר איינעם, און זי ערוואַרטעט איהם היינט.

לאַרקין איז אַוועק אַ צוטומעלטער, אַ געפּאַלענער.

בעסי פּישמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַן אלמן אָהן געלט, אָבער אַ סך אַ איינגערער פאַר לאַרקינ׳ען.

אַנקעל סעם

.1

אַ זוניגער פריהמאָרגען מיט אַ פרישען פריהלינג ווינטעל האָט באַגע־גענט טאַשמאַנ׳ען, ווען ער איז אַרויס פון זיין וואוינונג אַ זייגער אַכט אין דער פריה און זיך פאַרנומען אויפ׳ן וועג צו זיין געשעפט, וועלכער איז גע־ווען אַ צעהן בלאָק פון דאָרטען.

אין אַזאַ שעהנעם פריהמאָרגען פאַר אַזאַ קרעפטיגען פינף־און־דרייסיג יאָהריגען מאַן, ווי סעם טאַשמאַן, איז דער שפּאַציר פון אַ צעהן בלאָק גע־ווען אַ שטאַרקער געגוס. אין דעם דאָזיקען פריהמאָרגען האָט יעדע קליינינ־קייט טאַשמאַנ׳ען אינטערעסירט און אַמוזירט. ביים אַרויסגעהן פון הויז האָט ער אין לעטער באָקס געפונען אַן איינלאַדונג צו אַ פּאַרטי; און די פּאַר־טי האָט באַדאַרפט זיין דוקא ביי דזשודי גאַרסאַן, צו וועמענס אַ פּאַרטי קיי־נער פון דעם „באַנטש" האָט קיינמאָל ניט פאַרפעהלט צו קומען. אויף דזשודי׳ס אַ פּאַרטי האָט יעדער איינער אַ „גוד טאַים". אָבער אין דעם דאָזי־גען פריהמאָרגען וואָלט זיך סעם דערפרעהט מיט אַן איינלאַדונג פון איר־גענד וועמען פון זיין גרופּע. עס איז איהם געגאַנגען אין לעבען צו באַווייזען זיך פאַר אַלעמען מיט זיין „סורפּראַיז".

„יאָ, עס וועט פאַר זיי אַלעמען זיין אַ סורפּראַיז", האָט ער זיך געטראַכט מיט גרויס הנאה. ער האָט מיט וואָס צו איבעררא־שען זיינע באַקאַנטע, וועל־כע האָבען זיך געוויצעלט איבער איהם און באַקלאָגט איהם אַלס אַן אייביגען „בעטשלאָר".

אין סעמ׳ס קרייז זיינען ביז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק פאַרגעקומען אָפטע פּאַרטיס. לעצטענס האָבען זיי אויפגעהערט פאַרקומען אַזוי אָפט. און דוקא איצט האָט סעם אויף אַזאַ פּאַרטי זעהר און זעהר געוואָרט.

ענדליך, אַלזאָ, איז איהם אָנגעקומען אַן איינלאַדונג און גראָד פון דזשודי׳ן, ביי וועמען ער פיהלט זיך אימער גוט. דזשודי און איהר מאַן זיינען איהם נאָהענט און ליב, ווי אַ שוועסטער און אַ שוואָגער. אַלע אַמאָליגע, די „אָלד טאַימערס", וועלען זיך ווידער צוזאַמענקומען און ער וועט זיך צום ערשטען מאָל באַווייזען מיט אַ מיידעל.

סעם האָט קיינמאָל ניט געפיהלט אַזאַ צופרידענהייט מיט זיך אַליין.

ער האָט זיך געפיהלט קינדעריש גליקליך מיט דעם וואָס ער האָט צוגעגרייט אַ שפּיצעל פאַר אַלע זיינע קיבעצערס. דער סאָלידער סעם טאַשמאַן איז צו־ליב דער איינלאַדונג צו דער פּאַרטי קומענדען שבת אויף אַ ווילע צוריק געוואָרען אַ יונגער בחור׳ל מיט אינגעלשע טרוימען. ער איז געגאַנגען איבער די גאַסען פון גרעניטש ווילעדזש, וואו ער וואוינט מיט זיין מוטער אין אַן אַפּאַרטמענט, צו זיין געשעפט פון טעקסטיל סחורה אויף בראָדוועי. זיין מוח האָט געטראַכט וועגען דעם וואָס זיינע פריינדינעס, וועלכע קיבעצען איהם אימער אַלס אַן „אָלד בעטשלאָר", וועלען איצט זאָגען וועגען איהם, און וועגען דעם וואָס זיי וועלען זאָגען וועגען זיין מיידעל, וואָס ער וועט פאַר זיי פאָרשטעלען אַלס זיין „סטעדי גוירל פרענד".

2.

סעם טאַשמאַן איז פאַרבליבען אַ „בעטשלאָר" אין אַ קרייז פון פאַר־היירעטע פריינט. דאָס איז געווען אַ קרייז וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַזש אין זיינע האַי־סקול יאָהרען.

סעמ׳ן האָבען אַלע „געגליכען"; אַלע האָבען געשעצט זיין פריינד־שאַפט, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַן איינפאַכער געטריישאַפט. מען האָט צו איהם געהאַט צוטרויען, געגלויבט אין זיין אויפריכטיגקייט און קיין קשיות ניט געפרעגט.

ווען עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די „סוויט סיקסטין" פּאַרטיס פון זיינע באַקאַנטע מיידלעך, די האַי־סקול מיידלעך פון זיין געגענד, איז ער שוין געווען כמעט אַ צוואַנציג יאָהריגער בחור און איז שוין געווען אַרויס פון האַי־סקול. ער האָט אָבער אָנגעהאַלטען די באַקאַנטשאַפט מיט די מיידלעך. ריכטיגער געזאָגט, די מיידלעך האָבען אָנגעהאַלטען די באַקאַנטשאַפט מיט איהם. דורך איהם האָבען זיי געקראָגען עלטערע קאַוואַליערען צו זייערע פּאַרטיס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען וואָך־איין וואָך־אויס גלייך נאָך די „סוויט־סיקסטין" פּאַרטיס פון יעדער פון זיי.

די זעכצען־יאָהריגע מיידלעך האָבען שוין אין די אינגלעך פון זייער עלטער ניט געהאַט קיין אינטערעס. די אינגלעך זיינען געבליבען אינגלעך און די מיידלעך זיינען געוואָרען „יאַנג לעידיס". האָבען זיי זיך געטוליעט אַרום סעם טאַשמאַן און אַרום נאָך יונגעלייט, וואָס זיינען געווען מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער פון זיי, און מיט וועמען סעם טאַקע האָט זיי באַקענט.

און כאָטש סעם איז געווען פּאָפּולער ביי די מיידלעך, האָבען די מער־סטע יונגעלייט, וואָס ער האָט אַריינגעפיהרט אין דעם „קראָוד" פון מיידלעך,

אין פאַרלויף פון אַ יאָהר אַכט, נײַן, חתונה געהאַט מיט די דאָזיגע מיידלעך. און סעם איז אויסענגעבליבען.

מען מוז זיין גערעכט צו סעמ'ן. און זאָגען, אַז ער איז ניט אויסענגעבליבען, נאָר ער האָט זיך אַליין אויסען געלאָזען.

די בעסטע מיידלעך פונ'ם קראַנד, לויט סעם טאַשמאַנ'ס מיינונג, זיינען געווען מאַשאַ און דזשודי. ביידע זיינען איהם שטאַרק געפעלען געווען. אַפּט האָט כמעט געהאַלטען דערביי, אַז די, און אַפּט אַז יענע, זאָל ווערען טאַשמאַנ'ס כלה. עס איז אָבער אימער צונישט געוואָרען און טאַקע צוליב סעמ'ן גופא. איהם האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלען איהם ניט וועלען; האָט ער זיך ניט געוואָלט צופיל צוגעוועהנען צו זיי.

סעם האָט ביידע מיידלעך ליב געהאַט, ביידע טאַקע. ער האָט אָבער מורא געהאַט חתונה צו האָבען מיט זיי, ווייל ער איז ניט געגאַנגען אין קאָלעדזש, ניט געוואָרען קיין „פּראָפעשאָנעל" — איהם האָט זיך געדוכט, אַז די מיידלעך, וויזען איהם אַרויס אַ סך אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי זיינען „ספּאָרטס", און ווילען זיין איידעל צו איהם; אָבער אין אמת'ן האַלטען זיי ניט שטאַרק פון איהם, ווייל זיי זיינען כסדר אַרומגערינגעלט מיט קאָלעדזשלייט. אַלע יונגעלייט פון דעם „קראָוד" זיינען געווען דאָקטוירים, לאָיערס, טיטשערס, אפילו אַ פּראָפעסאָר איז געווען אין דעם קראָוד, — אַ זוהן פון אַן אָרימען שניידער.

סעם האָט געפיהלט אַ דערנידעריגונג אין זיך. ער האָט אַזוי געפיהלט דורך דעם, וואָס ער איז גלייך פון האַי־סקול אַוועק אין ביזנעס.

— סעם! — פלעגט די ליבליכע, פרעהליכע מאַשאַ איהם אַמאָל צורופען צו זיך אויף אַ פּאַרטי — גיב זיך אַ טרייסעל, סעם, זיי ניט אַזוי פאַרטראַכט, — און זי האָט פאַרוואָרפען איהר האַנט אויף זיין אַקסעל, אַ זאַך, וואָס מאַשאַ האָט ניט געטאָן מיט יעדען איינעם.

פלעגט סעם אָפּענטפערען בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט איהר אַ צערטעל געטאָן איבער'ן אַקסעל. ער פלעגט דאַן נאָך אומעטיגער ווערען. ער איז געווען איינגעלויבט, אַז מאַשאַ וויל איהם מאַכען פיהלען אַנגענעם צווישען דעם עולם פון יונגע לייט, וואָס האָבען טיטולען און בילדונג — זאַכען, וועלכע אַלע פאַרעהרען.

3.

די מערסטע מיידלעך האָבען ווירקליך סעמ'ן ערמוטיגט ער זאָל זיי מאַכען אַ פאָרשלאַג. ער האָט זיך אָבער איינגעשמועסט, אַז נאָך דער חתונה וועלען זיי איהם שטענדיג אויפוואָרפען דאָס אַלע חבר'טעס האָבען „פּראָפעשאָנאַלס" און ער איז אַ פּראָסטאַק, אַ ביזנעסמאַן.

אגב, האָבען די מאַמעס פון די מיידלעך סעמ׳ן שטענדיג געגעבען אָנ־צוהערעניש דאָס נאָך זייערע טעכטער יאָגען זיך דאָקטוירים, לאָיערס, סקול־טיטשערס. דאָס האָט איהם ערנידעריגט. עס האָט אין איהם דערשלאָגען דעם מוט צו האָפען אויף די מיידלעך, וואָס ער האָט ליב געהאַט.

איינמאָל איז ער אָנגעקומען אויף אַ העפטיגען געשפּרעך צווישען דזשודי׳ן און איהר מוטער. ער האָט דזשודי׳ס שטימע געהערט דורכ׳ן אָפע־נעם פענסטערעל איבער דער טיר, ווען ער איז נאָך געווען אין קאָרידאָר. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס זי זאָגט. ער האָט אָנגעקלונגען און איהר מוטער האָט איהם אַריינגעלאָזט.

זעה ווער עס איז דאָ, דזשודי! — האָט זי אויסגערופען הויך, דאָס דזשודי זאָל וויסען אַז אימיצער איז אַריינגעקומען; זי זאָל ניט רעדען דאָרטען מערער וועגען דעם ענין, וואָס זיי האָבען דאָ ערשט אגב העפטיג דעבאַטירט.

ער איז אַריינגעקומען און ס׳האָט זיך געפיהלט אַז דאָ האָט זיך איבערגעהאַקט אַ געשפּרעך צווישען דער מוטער און דער טאָכטער. דזשודי, וועלכע האָט אַנטייל גענומען אין דער גאַסט־פריינדליכקייט צו איהם, האָט אויסגעזעהן אויפגערעגט. און באַלד האָט זי זיך אַליין אונ־טערבראָכען:

— מיר האָבען געהאַלטען אין רעדען וועגען אַן ענין, וועלכער וועט פאַר דיר, סעם, אויך זיין אינטערעסאַנט. מיר זיינען דאָך אייגענע מענ־שען. איך האָב מיין מוטער געזאָגט, אַז זיי, אונזערע יוראָפּשע עלטערען, זיינען פאַני מענשען. ביי זיי איז יעדער קאָלעדזש־באָי אַ פּראָפעסאָר. איך האָס די קאָלעדזש סנאָבס, וואָס ווערען דערנאָך פעיקערשע לאָיערס און צרה׳דיגע דאָקטוירימלעך. זיי האָבען ניט וואָס צו עסען.

— קאָך זיך ניט, דזשודי, — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ רוהיגען שמייכעל, און אויף אַ טאַקטפולען אופן האָט זי דעם געשפּרעך אַריבער־געמופט צו אַ גאַנץ אַנדער ענין.

דזשודי׳ס ווערטער, מיט וועלכע זי האָט אַזוי אָפען חוזק געמאַכט פון קאָלעדזש־באָיס, האָט סעם אויסגעטייטשט אַלס אַן אויסברוך פון אויפ־רעגונג און פון איבערטריבענער קריטיק אויף די קאָלעדזש־לייט צו מאַ־כען איהם פיהלען גוט, פאַרגיטיגען איהם, נעבעך. און ער האָט שטאַרק גע־פיהלט זיין לאַגע, אַלס ניט געוויינשטער גאַסט ביי „יוראָפּשע” טאַטע־מאַמעס פון אינטעליגענטע טעכטער.

דאָס איז פאַר סעמ׳ן אייגענטליך ניט געווען קיין ענטדעקונג. ער האָט געהערט פון פילע מוטערס אין די הייזער, וואו ער איז אַריינגעקו־

מען, אַז נאָך זייערע טעכטער יאָגען זיך קאַלעדזש־לייט! אַז זייערע זיהן זיינען גאַר, גאַר גרויסע לייט, און אַז איינער איז שוין כמעט אַ דזשאָדזש. צי די מוטערס האָבען זייערע אייגענע ווערטער גענומען ערנסט, צי ניט, סעם האָט אַזעלכע רייד אָנגענומען אַזוי ווי מען וואָלט צו איהם געזאָגט: „שלים־מזל, וואָס האָסטו צו מיין טאָכטער? לאָז איהר אָפּ! פאַרדרעה איהר ניט דעם קאָפּ, אַ דאָקטאָר וואַרט אויף איהר".

אָפּט האָט אַ מאַמע מיט אירע אָנצוהערעניש‌ען וועגען די קאַלעדזש־לייט געמיינט סעמ'ן צו ערמוטיגען, ברענגען דעם „פרענדשיפּ רינג". אָבער סעם האָט אינווייניג אין האַרצען זיך געפיהלט דערנידעריגט. עס האָט זיך איהם אימער געדאַכט, אַז ער איז ניט ווילקאָמען. זיין אייגענע מוטער פלעגט איהם שטענדיג באַקלאָגען, וואָס ער איז אַוועק אַרבייטען אַלס „שיפּינג קלוירק", ווערענד אַלע זיינע חברים זיינען אַוועק אין די קאַלעדזשעס.

ער האָט פּאַמעלעך זיך אַרויפגעאַרבייט אויף אַן אייגענעם וואַקסענדען געשעפט. אָבער ערגיץ טיף אין האַרצען איז ער געבליבען ביי זיך אַלס אַ דורכגעפאַלענער.

.4

קורץ, אַלע זיינע נאָהענטע חברים און חבר'טעס האָבען חתונה געהאַט און ער איז פאַרבליבען אַ בעטשלאָר. ער איז אָבער פאַרבליבען אין „קראַוד". אַלע יונגע ווייבלאַך, זיינע פריהערדיגע „גוירל פרענדס", האָבען איהם געהאַלטען ביזי. זיי האָבען איהם גערופען צו פּאַרטיס, וואָס יעדע פון זיי האָט געמאַכט לכבוד אַ נייעם אַפּאַרטמענט, לכבוד דער „עניוואַירסערי" פון זייער חתונה, לכבוד דעם מאַנ'ס געבורטסטאָג; און דערנאָך האָבען זיך אָנגעפאַנגען פּאַרטיס פון באַקאָנען זיך מיט אַ ניי־געבוירענעם בעיבעלע ביי דער אָדער יענער.

שפּעטער האָבען זיך אָנגעפאַנגען געבורטסטאָג פייערונגען פון די בעיביס; דערנאָך, ווען די בעיבי האָט שוין געקענט רעדען, פלעגט מען מיט סעמ'ען מאַכען גאַר אַ גרויסען פּאַראַד. ווי נאָר סעם פלעגט עפענען די טיר, פלעגען אַלע אויסרופען צום קינד:

„שנעלער געה צו אַנקעל סעם, אַנקעל סעם איז געקומען!" צוליב די בעיביס האָט מען איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען אַנקעל, און אַזוי איז ער שוין פאַרבליבען אויך ביי די גרויסע — אַנקעל סעם!

צו יעדער פּאַרטי וואָס מען האָט איהם איינגעלאַדען, אויב עס איז

געווען אַ בעיבי אין הויז, האָט ער נאַטירליך געבראַכט אַ פּרעזענט פאַר׳ן קינד — אַ „מתנה פון אַנקעל סעם״.

אַז אין דעם קראַוד איז צוגעקומען אַ נייע פּאָר פאָלק, אָדער עס פלעגט אַריינקומען אַ נייער גאַסט צו אַ פּאַרטי, האָט מען פאַר די נייע פאַרגעשטעלט סעמ׳ן אַלס אַ טשיקאַווע אינסטיטוציע:

„באַקענט זיך מיט אַנקעל סעם, אונזער אַנקעל סעם!״

אַלע האָבן געהאַט שפּאַס דערפון. סעם אַליין אויך. אַלע האָבן זיך געפיהלט גוט מיט אַנקעל סעמ׳ן און סעם האָט זיך געפיהלט גוט און פרעהליך צווישען אַלעמען. ער איז יעדען אויף אַן אמת טייער געווען — פאַר זיין געטריישאַפט, און פאַר דעם וואָס ער, אַלס אַ נאָך ניט פאַרהיי־ראַטער, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַמאָליגע גוטע צייטען ווען יע־דערער פון דעם קרייז איז געווען יונג און — ווי זיי, די פאַרהייראַטע, האָט זיך איצט אויסגעדוכט — זאָרגלאָז.

סעם אַליין, „דער אַנקעל״, וועלכער האָט זיך פון יאָהר צו יאָהר דערפיהלט אַלץ עלענדער, האָט געשוועבט אין נחת ביי די פאַרטיס. ער האָט זיך צו קיין אַנדער קרייז ניט צוגעשלאָגען, ניט געוואָלט זיך צו־שלאָגען. אַרום די פאַמיליען־נעסטען פון זיינע יוגענד־פריינד האָט ער זיך געוואָרימט.

ער האָט געוואוסט יעדערען׳ס סודות. מען האָט זיך פאַר איהם פאַר־טרויט טאָקע ווי פאַר אַ טייערען אַנקעל, און ער האָט זיך געפיהלט גע־עהרט פון דעם.

ווען ביי אַ פּאָר פאָלק איז פאָרגעקומען אַן איבעררייד, אַ ברוגז, האָט דער יונגער בעל־הבית׳ל גערעדט צו סעמ׳ן:

„דיר איז גוט, סעם. דו ביסט אַ פרייער פויגעל. מיר, די פאַרהיי־ראַטע, זיינען שוין פאַרפאַלענע מענשען״.

דאָס רוב פלעגען די פאַרהייראַטע באַלעבעסלאַך דאָס זאָגען אין אַ טאָן פון קאָמעדיע. אָפט אָבער פלעגען זיי אַריבערגעהן אין אַ ביטערען טאָן און מתודה זיין זיך פאַר איהם וועגען די טראָבעלס פון זייער פאַמי־ליען־לעבען. אַמאָל האָט אַ פּאָר פאָלק געהאַט פאַר איהם אַ דין תורה, וואָס פלעגט זיך אויך אָנהויבען כלומר׳שט אין שפּאַס. אויסלאָזען פלעגט עס זיך אָבער מיט אַן ערנסטען באַקלאָגען זיך איינע אויף די אַנדערע.

דאָס וויכטיגסטע וואָס „אַנקעל סעם״ איז צוניץ געקומען איז צו מאַכען, אַז דער מאַן פון דעם צוקריגטען פּאָרעל זאָל זיך פיהלען אייפער־זיכטיג.

„סעם אַי וואָנט יו”, פלעגט טאַשמאַן אַפּט קריגען אַ טעלעפאָן קאָל אין זיין ביזנעס־אָפיס אינמיטען העלען טאָג.

סעם האָט געהאַט גענוג צייט בייטאָג, און אַז עס איז געקומען אַ קאָל פון זיינער אַן אַמאָליגער פריינדין, איז ער געווען גרייט איבערצולאָזען דאָס געשעפט און קומען צו דער, וואָס האָט איהם גערופען.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט סעם, אַז מען נוצט איהם אַלס סטראָ־שידלע געגען דעם ברוגז'ן באַלעבעסעל ער זאָל זיך שטעלען אויף זיין פרוי'ס זייט און צווינגען איהר מאַן זיך אונטערצוגעבען. און ער פלעגט דעם דזשאָב נעמען אויף זיך מיט איבערגעבענהייט, ווי אַ ברודער וואָלט עס געטאָן פאַר אַ שוועסטער.

באַשולדיגען סעמ'ן אין פּאַרטייאישקייט צו דער פרוי, וועלכע האָט איהם גערופען זיך אַנצונעמען איהר קריוודע, — וועגען דעם האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. ס'איז דאָך סעם, אַלעמענס פריינד, דער „אָנקעל” פון יעדענס ליבינקע בעיבעלע.

אָט די אַלע זאַכען האָבען סעמ'ן געמאַכט וויכטיג אין אַלעמענס אויגען און אויך אין זיינע אייגענע אויגען.

ער האָט זיך געפיהלט גוט, סעם. מערסטענטייל האָט איהם הנאה געטאָן וואָס ער איז געבליבען אַ פרייער מענש, ניט פאַרבונדען זיך מיט פליכטען, מיט שקלאַפעריי צו איין לעבענס־ווינקעל. ביי אַזעלכע צופרי־דענע גערדאַנקען וועגען זיך האָט ער געזעהן אַלע באַלעבעסלעך, זיינע חברים, „אָפּגעקאָכטע”. בלויז ער איז פאַרבליבען אַ גליקליכער, אַ גע־ראַטעוועטער פון הייראַטס־קייטען.

אָפט, ווען ער האָט פאַרבראַכט ביי פריינד, פלעגט איהם באַפאַלען אַן אומעט און אַ געפיהל פון חרטה. ער פלעגט באַטראַכטען דעם צוגע־קליבענעם באַלויכטענעם אַפּאַרטמענט, די פענסטער באַפּוצט מיט גע־פאַלדעוועטע פאַרהאַנגען פון רויט און גאָלד. אויף די טירען ברייטע פראַנצויזישע געגלאָזטע טירען באַצירט מיט „דרעיפּעריס”, מיט אויס־געשלייפטע זיידענע דריפּערים שנורען. אָט געהט צו די יונגע באַלעבאָס־טע, אַ צובליהטע פרוי נאָך איהר ערשטען קינפעט, פאַרריכט מיט איהרע ווייסע שמאָלע פינגער עפּעס אַ קנייטשעלע, וואָס איז ניט ריכטיג אויף די „דרעיפּס”, לויט איהר געשמאַק. ער קוקט, סעם, אויף איהר אויסגע־שטרעקטען אָרעם ביים פענסטער; ער באַטראַכט איהר עלאַסטיש אויס־געצויגענע וואַרעמע פיגורקעלע, וואָס איז געוויקעלט אין איהר לאַנג „האָסטעס” קלייד ביז'ן פלאָר; און עס טוט איהם באַנג, סעמ'ן, וואָס ער

איז פאַרבליבען אַליין. ער דערשפּירט, אַז עס פעהלט איהם אַ סך; אַז זיין לעבען איז ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אין אַזעלכע מאָמענטען פלעגען איהם די קיבעצערייען אויף זיין בעטשלאָר לעבען ערגערען. דאָס וואָס מען רופט איהם מיט געטריישאַפט „אַנקעל", פלעגט ער אין אַזעלכע מאָמענטען אויסטייטשען, אַז מען וויל איהם מאַכען עלטער ווי ער איז; עלטער פאַר אַלעמען וויל מען איהם מאַכען, און אין דער אמת'ן איז ער דאָך מיט די מעהרסטע פריינד אין איינע יאָהרען.

אָבער דאָס זיינען בלויז געווען טאָקע ניט מעהר ווי מאָמענטען, זויערע אויסנאַהמס־מינוטען, וואָס פלעגען שנעל פאַרשווינדען. געוועהנליך פלעגען אַלעמענס פריינדליכע באַציהונגען איהם פאַרשאַפען פאַרגעניגען.

און ווען סעם איז טאָקע אַמאָל געוואָרען „גראָוטשי" אויף אַ פּאַר־טי, האָבען שוין די פרויען, די אַמאַליגע „גוירל פרענדס" זיינע, זיך גענומען צו איהם, געשאָנקען איהם אַ סך אויפמערקזאַמקייט, דעם עלענדען „בעטשלאָר", דעם יתום, נעבאַך.

5.

די ראָלע וואָס סעם האָט אַמאָל געהאַט, אַלס דער „צושטעלער פון באָיס" (זיינע חברים), וואָס זאָלען טאַנצען מיט די בחורים'לאָזע מיידלעך, איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. די צייט אַליין האָט די דאָזיגע ראָלע פאַרניכטעט. ניט סעם האָט געהאַט „באָיס" ווי אַמאָל, ניט דער פאַרהייראַטער „באָנטש" האָט זיך גענויטיגט אין יונגע לייט. אין וואָס מען האָט זיך יאָ גענויטיגט איז אין אַ קאָמפּאַניאָנקע פאַר סעם'ן אַליין, מיט וועמען ער זאָל האָבען צו טאַנצען אויף דער פּאַרטי. דאָס האָבען שוין די ווייבלעך, זיינע אַמאַליגע „מיידלעך", באַזאָרגט. אין יעדער פּאַרטי, צו וועלכער סעם איז געקומען, האָט ער געטראָפען אַן אַנגעגרייטע מיידעל פאַר איהם אויפ'ן אָווענט. ער האָט געהאַט מיט וועמען צו טאַנצען און וועמען אָפּצופיהרען אַהיים.

די ווייבלעך, סעמ'ס אַמאַליגע „גוירל פרענדס", האָבען צו יעדער פּאַרטי צוגעגרייט פאַר איהם אַ קאָמפּאַניאָנקע מיט פּאָליטיק. יעדע פון די ווייבלעך האָט אין איהר משפחה געהאַט עמיצען, וואָס איז לאַנג צייטיג געווען, אַז מען האָט איהר נעבעך געדאַרפט „פושען", געבען איהר אַ „העלפּ" צו קריגען אַ חתן; און יעדע האָט געוואָלט פאַרשלייערען סעמ'ן מיט איהר אומפאַרהייראַטער פריינדינע, קוזינע, אָדער שוועגערין. אָפט האָט די מיידעל, וואָס מען פלעגט צוגרייטען אַלס סעמ'ס פּאַדט־

נערקע ביי אַ פּאַרטי, אויסגעזעהן עלטער פון די ווייבלעך פון דעם קראַוד. אַ טומעלדיגע יונגע מיידעל האָט מען פאַר אַזאַ ראָלע זעלטען צוגעגרייט, וואָרים די ווייבלעך האָבן געוואָלט פאַרשלייערן די נויט־באַדערפטיגע מיידלעך מיט סעמ׳ען, פון וועמען זיי האָבן זעהר געהאַל־טען. און ער איז דאָך געווען אַזאַ גוטער שידוך!

סעם האָט ניט נאָר די גאַנצע פּאָליטיק פאַרשטאַנען, נאָר עס האָט איהם טאַקע וועה געטאָן צו זעהן וואָס פאַר אַ קאָמפּאַניאָנקעס מען שטעלט איהם צו. ער האָט זיך געשעמט צו פּראָטעסטירען, צו רעדען וועגען דעם, פלעגט ער דעם אָוונט פאַרברענגען אין טאַנצען מיט אַלע ווייבלעך און די מיידעל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר איהם, האָט ער כמעט איג־נאָנצען פאַרנאַכלעסיגט.

די ווייבלעך האָבן סעמ׳ען אויסגערעדט, גע׳מוסר׳ט איהם ווי על־טערע, ערפאַרענע שוועסטער טוען עס מיט זייערן אַן אומטאַקטישען ברודער. ער פלעגט שוויגען. ער האָט ניט געהאַט קיין מוט צו ענטפערען, וויל ענטפערען זיי, וואָלט ער דאָך געדאַרפט מיט׳ן הארבען וואָרט, זאָ־גען זיי, ווי ער פיהלט זיך באַליידיגט פון דער פּאָליטיק, וואָס זיי שפּי־לען אויף זיין חשבון.

איינמאָל איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענקונפט אין דעם אַפּאַרטמענט פון עלאַ בראַוערמאַן, איינע פון סעמ׳ס אַמאָליגע „פעיוואָריט גוירל פרענדס״. עלאַ האָט געבראַכט פאַר סעמ׳ן אַלס טאַנץ־פּאַרטנערקע איהר אומפאַרהייראַטע שוועגערין מילדרעד. עלאַ האָט די פּאַרטי טאַקע אַראַנ־זשירט צוליב מילדרעד׳ן, זי זאָל זיך באַקענען מיט סעמ׳ן.

— באַקענט זיך, סעם, מיט מיין שוועגערין מילדרעד בראַווערמאַן — האָט עלאַ צוגעפיהרט איהם צו מילדרעד׳ן.

אַזוי ווי סעם האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די מיידעל, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַר איהם אויפ׳ן גאַנצען אָוונט און אַז נאָך האַל־בע נאַכט וועט ער זי דאַרפען אַפּפירען אַהיים, איז ער אַ פּאַרציטער־טער געוואָרען. אין איהר פּלאַן אַריינצושאַכערען דעם שטילען סעמ׳ן אַ מיידעל וויט ניט יונג, און טאַקע גאָר גאָר ניט קיין שעהנע מיידעל האָט עלאַ שוין דאָ טאַקע איבערגעכאַפּט די מאָס.

דאָס מאָל האָט סעם געגעבען אַ פּאַסיווען ווידערשטאַנד. אָפען שטע־לען זיך דאַגעגען האָט ער קיין מוט ניט געהאַט. ער האָט זיין קאָמפּאַ־ניאָנקע אָבער אַזוי פאַרנאַכלעסיגט, אַז עס איז געווען אַ צער צו קוקען אויף איהר. ווען סעם האָט גענומען עלאַ׳ן צום טאַנצען אַלס אַ פּאַרגיטי־גונג פאַר איהר שוועגערין האָט זי איהם, דרעהענדיג זיך אין טאַנגאָ,

(זי איז געווען אַ גוטע טענצעריך, עלאַ), גענומען מוסר'ן, פשוט קריגען זיך מיט איהם:

— סעם, וואָס טוט זיך דאָ היינט מיט אייך? ס'איז דאָך מיר פשוט אַ שאַנדע פאַר מילדרעד'ן. זי איז דאָך אַזאַ אינטעליגענטע מיידעל.

— וואָס מיינט איהר, עלאַ? — האָט סעם זיך געמאַכט תם'עוואַטע.

— זי איז דאָך אַזאַ פיין קינד — האָט עלאַ געזאָגט, באַנוצענדיג דאָס וואָרט „קינד" צו מאַכען מילדרעד'ן אינגער, לייכטער, שפּילעווודיגער.

סעם האָט זיך שיער ניט צולאַכט, כאָטש ער איז געווען שטאַרק אין כעס. ער האָט זיך אָבער געסטאַרעט צו זיין באַאיווו. ער האָט ניט גע־וואָלט אַרויסטרעטען געגען עלאַ'ן מיט טענות און ער האָט ווידער גע־פרעגט מיט זיין געוועהנליכער מילדקייט:

— דענקט איהר ווירקליך, אַז איך באַנעם זיך ניט ריכטיג?

עלאַ, ווי אַלע סעמ'ס פריינד, האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם דאָזיגען מילדען נאַאיווען בעטשלאַר געפינט זיך אַ טיף־פיהלענדער מענש, אַ סעם, וואָס פיהלט און ליידט.

— „דאַנט פּלעי דאַם, סעם!" (מאַך זיך ניט תם'עוואַטע), — האָט זי איהם אַריינגעזאָגט מיט בליצענדע אויגען.

— איהר מיינט, אַז זי פיהלט זיך באַליידיגט, אייער שוועגערין? — האָט סעם ווידער אַמאָל געפרעגט, אָבער שוין מיט גנבה'שער נאַאיוויטעט.

עלאַ האָט איהם דערלאַנגט אַ שטויס מיט איהר עלענבויגען און שוין אַ צו־שטאַרקען קלאַפּ מיט איהר קנאַפּעל איבער זיין פּוס.

ביים אָפּפירען זיין „געדרעפּטעטע" קאָמפּאַניאָנקע אַהיים, האָט ער מיט איהר קיין געשפּרעך ניט פאַרפיהרט. ער האָט בלויז געענטפערט קורץ און קאַלט, ווען זי האָט זיך געסטאַרעט צו פרעגען עפּעס. ס'איז איהר געווען זעהר ניט באַקוועם צו פאָהרען מיט איהם, מיט אַ ווילד פרעמדען, וואָס האַלט זיך אין אַ קאַלטער שווייגעניש.

סעם האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ „מעסענדזשער באָי", וואָס פיהרט אָפּ ערגעץ אַ פּעקעל.

ער האָט זיך געפיהלט זעהר און זעהר שלעכט. ער האָט גענומען טראַכטען, אַז אפשר קוקט ער שוין טאַקע אויס ווי אַ חרוב'ער מענש. אויב ניט, וואָלט מען דאָך איהם מיט אַזאַ מיידעל ניט צוזאַמענגעבראַכט.

6.

אַט די געפאַלענקייט זיינע און דאָס, וואָס זיין ערפאָלגרייכע ביזנעס האָט איהם געגעבען אַ סך פרייע צייט, האָט איהם אויפגעטשוכעט. ער

האָט גענומען אויסגעהן און אַ מיידעל מיט „אַמביציעס" האָט זיך מיט איהם צוזאַמענגעטראָפען אין איינעם פון די מאָמענטען, ווען זיין געפאַלענקייט האָט אויף איהם שטאַרק געווירקט.

זי האָט זיך אַרום איהם אַרומגעדרעהט און אַרומגעטאַנצט און זי האָט איהם ווירקליך אַ ציה געטאָן.

זי איז ניט געווען אַזוי יונג ווי סעם האָט געמיינט. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ יוגענדליכע פרעהליכקייט, אַ בליאַסקענדיג פּנים'על מיט דראָבנע געזיכט-ציגע, אין וועלכע די יאָהרען זעהען זיך ניט אָן ביז די אמת'ע עלטער קומט אָן.

די מיידעל האָט געהייסען סידעל קאָהען, די סעקרעטאַרשע פון סעמ'ס לאָיער.

אין דער צייט, ווען סעם האָט זיך באַקענט מיט סידעל קאָהען, זיינען אין זיין קרייז די פּאַרטיס און אַלערליי אַנדערע מינים צוזאַמענקונפטען געוואָרען אַלץ זעלטענער און זעלטענער. די פאַרהייראַטע פאַרלעך זיינען שוין כמעט אַלע באַפאַלען געוואָרען מיט קינדער — ווער מיט איינס, ווער מיט צוויי. יעדע פּאָר פאָלק איז אַריין אין די געדיכטערע און שווערערע זייטען פון לעבען און פּאַרטיס זיינען שוין ניט געווען אַזאַ גרינגע אונטערנעמונג. עס זיינען אַוועק וואָכען און וואָכען און „אַנקעל סעם" האָט ניט געהערט פון זיין „קראָוד". ענדליך אָבער איז געקומען די איינלאַדונג אויף דעם נעקסטען שבת אָוונט צו דזשודי גאַרסאָן.

צו דער באַשטימטער צייט איז סעם אַריינגעקומען מיט זיין מיידעל, אַריינגעפיהרט סידעל קאָהען אין זיין אַמאָליגען בחור'שען קרייז.

אַביסעלע האָט זיך סעם געשעמט, זיך געפיהלט ווי אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס דאַרף ברענגען זיין מיידעל צו באַקענען איהר מיט זיין פאַמיליע. ער איז געקומען גאָר פריה, איידער אָן עולם איז שוין געווען פאַרזאַמעלט, אום ניט אויפצורייסען אַזוי די אויגען מיט זיין סענסאַציע.

עס זיינען שוין געווען פאַרזאַמעלט צוויי פּאַרלאַך און טאָקע פון סעמ'ס נאָהענסטע — מאַשאַ און היימי גאַרבער און עלאַ מיט איהר מאַן סידני בראַווערמאַן. מיט די גאַרסאָנס, אין וועמעס אַפּאַרטמענט די פּאַרטי איז פאַרגעקומען, איז שוין דער געזעמעל צוזאַמען מיט סעמ'ן און זיין מיידעל, סידעל קאָהען, געווען אַ שטיקעל עולם.

ווען דזשודי, וועלכע האָט געעפענט די טיר, ווען סעם האָט אָנגעקלונגען, האָט דערזעהן אַן אומבאַקאַנטע מיט אַ בליאַסקענדיגען אויסזעהן, האָט זי מיט פאַרזיכט געגעבען אַ טראָט צוריק; באַלד האָט זי דערזעהן סעמ'ן, און זי איז געבליבען מיט אַן אָפען מויל, ווי זי וואָלט

וועלן אויסשרייען: „מאַי גאָד!" אַזוי ווי דאָ וואָלט פאַרגעקומען די שטוינענדסטע פּאַסירונג אויף דער וועלט. סטייטש, סטייטש, סעם זאָל צו אַ פּאַרטי ברענגען אַן אייגענע מיידעל, ניט פון זייער אַלעמענס „קראַוד"!

סעם אַליין איז געשטאַנען ביים שוועל פון דעם אַפּאַרטמענט ווי אַ פאַרשולדיגטער.

„קומט אַריין", האָט דזשודי זיך געסטאַרעט צו קאָנטראָלירען זיך פון דער איבערראַשונג, און זי האָט אַרויפגעצויגען אַ שמייכעל אויף איהר פּנים.

סידעל איז מיט ברייטקייט און מיט אַ חנ'דעלדיגען דרעה מיט איהרע אַקסלען, אַריינגעקומען, האַלטענדיג סעמ'ן פאַר אַ האַנט — פאַר אַ ברעג פון זיין האַנט, ווי קינדער האַלטען זיך ווען אַלעמענס אויגען זיינען געריכט אויף זיי.

סידעל, ביי וועמען עס איז מיט סעם טאַשמאַנ'ען נאָך ניט פאַרגעקומען קיין ערנסטער באַשטימטער וואָרט, אַפילו ניט קיין וויכטיגע ליבעס-שפּיל אָדער פאַרשטענדניש אויף שטום-לשון, האָט פון פריהער געהאַט באַשלאָסען אַז ביי דער פּאַרטי צווישען סעמ'ס פריינד, וועט זי שפּילען איהר ראָלע גרויס און געוואַגט. זי האָט זיך באַשלאָסען, אַז אַלע זאָלען באַלד וויסען, אַז זי איז די „סטעדי", די אמת'ע „סטעדי", די כלה זיינע.

„מיין פריינדינע סידעל", האָט סעם פאַרגעשטעלט זיין קאָמפּאַניאָנקע פאַר אַלעמען, וועלכע זיינען צוגעלאָפען מיט נייגעריגקייט צום טיר.

סידעל האָט דערפיהלט, אַז זי איז דאָ אַריינגעפאַלען אין אַ קאָמפּאַני פון כמעט שוואָגערס און שוועגערינס. און די ווייבלעך, די „שוועגערינס", האָבען נאָך דעם ערשטען „שאָק" (צוטרייסלונג) פון דערזעהן סעמ'ן מיט דער מיידעל, אין זייער צוטומעלטקייט גענומען איהר אַרויסווייזען פריינטליכקייט. אַ בלינדער וואָלט אָבער ריכטיג אָפּגעשאַצט זייערע איבערגעטריבענע זיסע שמייכעלעך, מיט וועלכע זיי האָבען געזוכט צו פאַרדעקען זייער צומישעניש.

— קומט אַריין, גיט מיר אייערע העטס — האָט דזשודי געזאָגט — עס איז זעהר קלוג פון דיר, סעם, וואָס דו האָסט אונז איבערראַשט מיט אַזאַ טייערען גאַסט.

— איך האָב טאַקע געוואָלט מאַכען אַן איבערראַשונג — האָט סעם געזאָגט אין אַ ניט-זיכערען טאָן פון פאַרענטפערען זיך — דערפאַר האָב איך ניט אָפּגערופען אייך אָנצוזאָגען.

— אַנצוזאָגען וואָס? — האָט פּלוצלונג סידעל אַרויסגעזונגען הויך מיט אַ קוויטשעלע, און דערביי זיך געטוליעט צו סעמ'ן.

דזשודי האָט צוגענומען ביי זיי די העטס און די לייכטע איבער־מאַנטלען. אויף אַ ווײַלע איז געוואָרען אַ שטיקענדע שטילקייט. די ווײַב־לעך האָבען שוין דערזעהן, אַז זיי האָבען דאָ צו טאָן מיט אַ שטאַרקען שונא, וועמען זיי וועלען ניט אַזוי לייכט בייקומען.

כאָטש סידעל האָט שוין לאַנג באַשלאָסען, אַז זי וועט איהם קריגען, האָט זי אַליין ניט גערעכענט, אַז דאָס וועט פּאַרקומען אַזוי שנעל. אָבער אַזוי ווי סעם האָט איהר איינגעלאַדען צו דער פּאַרטי, איז שוין איהר פּלאַן ביי איהר געווען אַזוי גוט ווי פּאַרווירקליכט.

דער טאָג, ווען סעם האָט געוואָרפען אַן אויג אויף מיס קאָהען, און זיך פּאַרטראַכט וועגען איהר, אַז זי איז אַ וואוילע, אַ קלוגע און ניט קיין מיאוס'ע מיידעל, איז געווען ערשט דאָ ניט לאַנג, מיט עטליכע וואָ־כען צוריק. געזעהן איהר אָבער, און אַפילו אָפט גערעדט מיט איהר, האָט ער שוין פּאַר אַ פּאָר יאָהר צייט, זינט זי איז אַנגעקומען צו זיין לאַיער, מאַרעי הערמאַן, אַלס סעקרעטאַרשע.

סעם פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען אין מאַרעי הערמאַנ'ס אָפיס פּאַרברענגען.

הערמאַן איז געווען ניט בלויז דער לאַיער סעמ'ס, נאָר טאַקע אַ פריינד זיינער פּאַר אַ סך יאָהרען. יעדען מאָל, וואָס סעם פלעגט זיצען אין הערמאַנ'ס לאָא אָפיס און פּאַרברענגען דאָרטען, איז איהם אויסגעקומען צו רעדען מיט דער מיידעל. זי האָט אויף איהם געמאַכט אַן איינ־דרוק. אָבער ער איז מיט איהר ניט נאָהענט געוואָרען, כאָטש ער האָט אָפט געהאָט אַ פּאַרלאַנג דערצו. אַזוי איז שוין געווען סעם. איהם האָט זיך שטענדיג געדוכט, אַז אַ קלוגע און שעהנע מיידעל האָט „טשענסעס" אויף אַ בעסערען שידוך.

סתם פּאַרשטעפּען זיך מיט אַ מיידעל האָט ער ניט געקענט. עס האָט איהם געפעהלט די זיכערקייט אין זיך, און ער איז ניט געווען שטאַרק געניוג פּאַר אַ נידערלאַגע.

אין גאַנג פון דער צייט איז סידעל געוואָרען צוגעלאָזען צו איהם, אָבער מיט גרויס טאַקט. זי איז אַרום איהם „ארומגעגאַנגען" אַזוי די־פּלאָמאַטיש, דאָס ער זאָל ניט מיינען, אַז זי איז חלילה פון די לייכטזיני־גע מיידלעך. זי האָט איהם שוין זעהר גוט דערקענט. דורך איהר באָס, דער לאַיער, האָט זי געוואוסט וואָס פּאַר אַ גרויסען און רייכען שניט־געשעפט סעם טאַשמאַן האָט; זי האָט זיך דערוואוסט אין וואָס פּאַר אַ

קרייז מענשען ער פאַרקערט און די ראָלע וואָס ער שפּילט דאָרטען צווי־
שען זיינע פריינד.

דער באָס איהרער, הערמאַן, פלעגט עס איהר דערצעהלען אין שפּאַס,
סתם צוליב וויצלען זיך. אָבער סידעל האָט עס אין איהר מיידעלשען מח
„איבערזעצט" אין אַ פיל ערענסטער פאָרמע. זי האָט עס ערנסטער גענו־
מען ווי זיין פריינד, איהר באָס, וויל סעם האָט איהר אינטערעסירט. זי האָט
סעמ'ן כסדר באַטראַכט, אָפּגעמאָסטען איהם און זיין יעדען וואָרט און פאַר־
גליכען אַלעס מיט דעם וואָס זי ווייסט וועגען איהם — וואָס הערמאַן האָט
איהר דערצעהלט און וואָס זי האָט אַליין צוגעגעבען פון איהר אייגענעם
פאַרשטאַנד און געפיהל.

סידעל האָט סעמ'ן שוין זעהר גוט געקענט, אַ סך מעהר ווי ער האָט
זיך געקענט פאָרשטעלען. ער האָט קיין אַהנונג ניט געהאַט ווי ווייט זי קוקט
איהם נאָך און באַטראַכט איהם.

7.

ווען סעם האָט שוין פון אַ היבשער צייט ניט באַקומען פון ערגעץ קיין
איינלאַדונג, און ס'איז איהם באַפאַלען אַן עלענדקייט, האָט ער אויסגענוצט
מיס קאָהען'ס טאַקטישע צוגעלאָזענקייט, און אויסגענומען איהר אַ פּאָר מאָל
אויף בראָדוועי.

נאָך יעדען מאָל אויסגעהן מיט איהר איז זיין מיינונג וועגען איהר
געשטיגען. וואָרים סידעל האָט זעהר גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזאַ בחור
ווי סעם, אַ שטילער, אַן ערנסטער, אַ פאַרמעגליכער און שוין ניט קיין צו
יונגער, דאַרף איהר פריינדליכקייט זיין זעהר אַן אויסגערעכענטע, אַ העכסט
דיפּלאָמאַטישע. ווען זיי זיינען געזעסען אין אַ מואווי און ער פלעגט אָננע־
מען איהרע פינגער פון האַנט אין זיינער, האָט זי ניט צוגענומען גלייך, אַז
דאָס זאָל אויסקומען, דאָס עס איז איהר ניט אָנגענעם, אָבער ביסלעכווייז
פלעגען איהרע פוכקע פינגערלעך אַרויסגליטשען זיך פון זיין האַנט. און
ער פלעגט ווידער אַמאָל, נאָך מיט מעהר פאַרזיכטיגקייט „איינלאַדען"
איהר האַנט אין זיינער.

וועגען זיך האָבען זיי ביידע גאָרניט גערעדט. זייערע געשפּרעכען זיי־
נען אַלץ געווען וועגען אַנדערע מענשען, וועגען פּערזאָנען, וואָס זיי האָבען
ביידע געקענט, אָדער סתם פאַרבייגעהער, וועלכע זיי האָבען געזעהן די
געצעהלטע עטליכע מאָל, וואָס זיי זיינען אויסגעגאַנגען צוזאַמען.

ביים איינלאַדען איהר צו געהן מיט איהם אויף אַ פּאַרטי צו דזשודי'ן,
האָט ער אין זיך באַהאַלטען די אמת'ע בייגעריגקייט זיינע צו דער פּאַרטי.

ער האָט צו איהר גערעדט ווי וועגען עפּעס אַ קליינינקייט, אַ ניט וויכטיגע זאַך:

— איך ווייס אַליין ניט וואָס איך זאָל טאָן; איך האָב אַן איינלאַדונג צו פריינד אויף אַ פּאַרטי, איז אויב איהר וואָלט זיך ניט אַנטזאָגען צו געהן מיט מיר, וואָלט איך טאַקע געגאַנגען אַהין.

ער האָט אַ מאָמענט געשוויגען, און דאַן האָט ער צוגעגעבען:

— און די פּאַרטי איז טאַקע מאָרגען.

— אויב ס'איז ביי אייערע פריינד, מוזען זיי דאָך זיין פיינע מענשען

— האָט זי געענטפערט אויף זיין איינלאַדונג.

— אָ, זיי זיינען זעהר פיינע מענשען. דאָס איז אין דער הויז פון מיינעם אַ פאַרהייראַטען פריינד. ס'איז פאַקטיש אַ מין „רעיוניאָנן" פּאַרטי פון יוגענד־פריינד.

סידעל קאָהען האָט שוין גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ פריינד דאָס זיי־נען, און וואָס פאַר אַ באַדייטונג זיי האָבען פאַר סעם טאַשמאַנ'ן. סידעל האָט שוין פון לאַנג געהאַט ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגען די פריינד, וועגען די פריינדינס הויפּטזעכליך, וואָס לויט איהר מיינונג האָבען זיי זיך פאַרלעגט אויף טאַשמאַנ'ס לעבען, און געמאַכט איהם פאַר זייער באַדינער, ער זאָל מיט זיי בייטאָג געהן אין די מואוויס און איבער די דעפּאַרטמענט סטאָרס.

איז ווען סעם האָט איהר געבראַכט צום דאָזיגען אָוונט, צו דער פּאַר־טי, האָבען זיינע אַמאָליגע „גורל פרענדס" אין איהר דערפיהלט אַ מיידעל, וואָס וועט זיי ניט זיין קיין גוטער פריינד און וועמען זיי וועלען ניט קענען ליב קריגען.

סעמ'ס אויפטו, זיין קומען, ניט געפרעגטערהייד, מיט אַ מיידעל, האָט אויסגעזעהן פאַר זיי ווי אַ גוואַלדאָוונער שריט פון זיין זייט. דערביי, זע־הענדיג, וואָס פאַר אַ פויגעל אָט די מיידעל סידעל קאָהען איז, זיינען זיי אויפ'ן שטעל אַלע אָהן ווערטער געווען איינשטימיג, אַז זי איז אַ געפער־ליכע סוחר'טע און עס האָט זיך שוין ביי זיי איינגעשטעלט אַ באַהאַלטענע פיינדליכקייט צו איהר.

אַ צוקאָכטע פון פאַרדרוס איז הויפּטזעכליך געווען מאַשאַ גאַרבער. וואָרים פאַר דעם היינטיגען אָוונט האָט זי באַשטעלט אַ קאָמפּאַניאָנקע פאַר סעמ'ן, וועלכע האָט יעדע מינוט געדאַרפט אָנקומען. די מיידעל איז מאַשאַ'ס בעסטע חבר'טע און זי האָט געפּלאַנט, מאַשאַ, צוזאַמענצופירען איהר מיט סעמ'ן.

דער עולם האָט גענומען אָנקומען צו דער פּאַרטי, און אַלע, ווי נאָר

זיי האָבען זיך דערוואוסט פון סעמ׳ס מיידעל און דערזעהן סעמ׳ן מיט איהר, זיינען זיי אַלע געוואָרען אויסער זיך. אַלע האָבען זיי דערפיהלט, אַז דאָס איז אונערהערט. אויף אַזעלכעס האָבען זיי פון סעמ׳ן זיך ניט געריכט. זיי האָבען זיין האַנדלונג באַטראַכט אַלס אַן אומפאַראַנטוואָרטליכקייט און אומדאַנקבאַרקייט צו זיי, זיינע פריינדינעס.

די מענער ווידער זיינען געווען העכסט צופרידען. זיי האָבען געטרונקען „קאָקטעילס״ מיט סעמ׳ן, געקלאַפּט איהם איבער׳ן פּלייצע און איצט האָבען זיי ערשט אָנגעהויבען איהם צו רעספּעקטירען.

8.

וואָס ווייטער דער אָוונט איז געגאַנגען, אַלץ אָפטער האָבען זיך די ווייבלעך געשושקעט און אָפּט האָט מען סעמ׳ן איבערגעלאָזען מיט זיין מיידעל אַליין אויף אַ לאַנגער צייט. עס האָט ווירקליך אויסגעקוקט זעהר ניט גאַסטפריינדליך פון זייער זייט.

די ווייבלעך זיינען כסדר אַוועק צו עטליכע אין אַנדערע צימערען, אַוועק רעדען, באַרעדען, איבעררעדען און איבער׳טענה׳ען. אַ ביהנשטאַק פול מיט רכילות האָט זיך געטראָגען איבער דער אַפּאַרטמענט. זיי זיינען אַלע געווען איבערפילט מיט דער גרויסער סענסאַציע.

מאַשאַ גאַרבער, וועלכע האָט געהאַט אויף איהרע הענט די חבר׳טע איהרע, די מיידעל, וואָס זי האָט געבראַכט פאַר סעמ׳ן, האָט זיך געבעטען ביי איהם, ביי סעמ׳ן, אַז ער זאָל כאַטש פון יוצא־וועגען טאַנצען מיט דער מיידעל, געבען איהר אַביסעל אויפמערקזאַמקייט. ער האָט עס איהר צוגעזאָגט, און ער האָט עס ערנסט געמיינט. איהם האָט זיך געוואָלט זיין דוקא פריינדליך צו דער „עלענדער״ פון דעם אָוונט און צופרידענשטעלען זיינע פריינדינס, טראָץ דעם וואָס ער האָט פון זיי דערפיהלט אַ קריגעריש־קייט צו זיך מיט זיין „סורפּרייז״.

ער האָט ממש געזעהן ווי די פריינדינעס, זיינע אַמאָליגע „גוירל־פרענדס״, זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צעהנדליג מאַמעס זיינע, וואָס האָבען גענומען זוכען חסרונות אויף זיין מיידעל. ער האָט זיך געוואָלט רעכענען מיט די דאָזיגע „מאַמעס״ זיינע, מעהר ווי מיט זיין אמת׳ער מוטער. איבערהויפּט האָט ער געוואָלט צופרידענשטעלען מאַשאַ׳ן. מאַשאַ איז איהם אַלעמאָל געווען ספּעציעל טייער.

ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו טאַנצען מיט מאַשאַ׳ס חבר׳טע, ווייל סידעל האָט איהם געהאַלטען פעסט לעבען זיך. זי איז מיט

איהם געזעסען אין אַ ווינקעל און געהאַליובעט זיך און געקושט זיך און גע־שטיפט מיט איהם אַזוי, אַז מען זאָל איהר באַרעדען. יאָ, זי האָט געוואָלט מען זאָל איהר באַרעדען. זי האָט מיט סעמ'ן געטאַנצט, געשלעפּט איהם אין די „האָט נאַמבערס״ — אין די פרעהליכע טענץ, און זי האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען אויף אַ מינוט.

סידעל האָט ניט געוואָלט איבערלאָזען וועגען זיך אַ גוטע מיינונג ביי סעמ'ס פריינד, וואָרים זי האָט געוואָלט איבעררייסען מיט סעמ'ס „באַנטש״ ווייל זי האָט באַשלאָסען איהם אָפּצוררייסען פון זיי.

סידעל קאָהען איז אויפ'ן אויסזעהן געווען אַן אַפּ־טו־דעיט מיידעל, איהרע מיידעלשע מעטאָדען זיינען אָבער אייגענטליך געווען אַלטע, אויס־פּרובירטע מעטאָדען פון פריהערדיגע דורות.

דאָ אויף דער פּאַרטי האָט זי סעמ'ן צוערשט צוגעבונדען און פאַר־קניפּט צו זיך און אָפּגעצ'גט איהם פון זיין „באַנטש״.

זי האָט אויף דער פּאַרטי אין סעמ'ן אַריינגעצוואונגען אַלע איהרע מיידעלשע לאַסקעס פאַר אַלעמען אין די אויגען. זאָלען זיי זעהן און קוקען! זאָלען זיי זעהן און וויסען, אַז ער איז שוין ניט מעהר קיין סעם פאַר זיי...

און זי האָט געזיגט, סידעל.

אַרויסגעהענדיג פון דער פּאַרטי האָט סעם איהר געהאַלטען פעסט צו זיך. ער איז געווען צענומען מיט סענטימענטען, ווערטער וועגען ליבע, אָדער וועגען אַן ענגעידזשמענט רינג זיינען שוין געווען איבעריג.

— אַ פיינע פּאַרטי, — האָט סעם געזאָגט.

— זעהר אַ פיינע פּאַרטי, — האָט סידעל געענטפערט.

— זיי זיינען אַלע זעהר פיינע מענשען — האָט סעם געזאָגט.

— זעהר פיינע — האָט זי געענטפערט טרוקען; און אין האַרצען האָט זי שוין געהאַט איהר באַשלוס, אַז מעהר וועט זי זיי ניט זעהן און אַז דאָס איז די לעצטע פּאַרטי, וואָס „איהר סעם״ האָט דאָרטען פאַרבראַכט.

אַזוי איז עס געווען. ניטאָ שוין מעהר קיין „אַנקעל סעם״.

דער אַמאָליגער „קראַוד״ זיינער האָט איהם שוין מעהר ניט באַגעג־נעגט. קיינער פון זיי אַלעמען האָט ניט געוואוסט ווען סעם האָט מיט זיין מיידעל חתונה געהאַט. זי האָט ניט געלאָזען אַפילו מעלדען זיי מיט די אַנאַנסמענט־קאַרטלעך, וואָס זי האָט אַרויסגעשיקט צו איהרע פריינד.

און אַזוי ווי סעם האָט זיך געפיהלט שולדיג געגען זיינע טייערע אַמאָליגע פריינד, האָט ער זיך געשעמט צו ווייזען זיך פאַר זיי; און אַזוי איז פאַרלוירען געגאַנגען דער געטרייער „אַנקעל סעם״; קיינער זעהט איהם ניט מעהר.

דער טרוים וואָס ווערט פֿאַרווירקליכט

אין דעם רויט־געפּאַרבטען זאַל פון האָטעל סט. טהאָמאָס איז די אידישע חתונה נאָך געווען אין פולען גאַנג, ווען מען האָט צווישען עולם זיך גענומען שושקען, אַז דער חתן און די כלה זיינען פלוצלונג נעלם געוואָרען. אַ נייע און אַלט־באַקאַנטע מאָדע — חתן־כלה גנב׳ענען זיך אַרויס פון די מחותנים און אַנטלויפען אויף זייער האָנימון.

דאָס וואָס חתן־כלה זיינען שוין אין זאַל ניט געווען, האָט ניט געשטערט די פרעהליכקייט פון דער גרויסער חתונה, וואָס די שיינקינס האָבען צוגעגרייט פאַר זייער טאָכטער, דאָס ערשטע קינד וואָס זיי האָבען געפיהרט צו דער חופה. אדרבא, דאָס אַרויס׳גנב׳ענען זיך פון דעם נייעם פּאָרעל האָט אַריינגעגעבען מעהר לוסטיגקייט אין די טענץ, מעהר שפּילעריי אין די אויגען וועלכע האָבען געגלאַנצט פון משקה און סתם פרעהליכקייט.

אין אַ ווינקעל פון דעם זאַל, אַרומגערינגעלט פון די עלטערע מחותנים, אָפּגעזונדערט פון דעם גרויסען יונגען טאַנצענדען עולם, זיינעןביידע טאַטעס, די מחותנים, געגאַנגען אַ אידישען דריידעלדיגען טאַנץ, וואָס די קלעזמער האָבען דאַן געשפּילט.

מאַיער שיינקין, דער כלה׳ס פאָטער, האָט געטופּעט און געהויבען זיך זשוואַווע, און האָט נאָך אונטערגעהאַלטען זיין מחותן, ניימאַן, וועלכער איז שוין געווען אַן עלטערער איד, מיט אַ סך חולאת׳ען, און האָט שוין געהאַט געטאַנצט אויף עטליכע חתונות פון זיינע קינדער. עדווין, דער היינטיגער חתן, איז זיין מוזיניק.

אונטער דער ווירקונג פון אַ ביסעל בראַנפען, פון דער גאַנצער פייערליכקייט אין דעם גרויסען רויטען זאַל פון אַ פיר הונדערט מענשען, האָט זיך דער אַלטער ניימאַן מיט שמחה געהאָפּקעט. זעהר אַ צונומענער מיט פריידי איז געווען שיינקין, דער כלה׳ס פאָטער. זיין טאַנצען האָט צוגעצויגען דעם גאַנצען עולם אַרום איהם, אַזוי אַז עס איז ווייניג עולם געבליבען צווישען דער יוגענד אויפ׳ן מיטען פון דעם זאַל.

די צוויי מחותנת׳טעס, די מאַמעס פון דעם נייעם פּאָרעל, זיינען געזעסען מידע אויף אַ באַנק, צוגעקוקט זיך ווי זייערע מענער הוליען.

ווען דער עולם איז שוין געווען אַ גרויסער אַרום די צוויי טאַנצענדיגע מחותנים, האָבען די מחותנת׳טעס ניט געזעהן דעם טאַנץ; מען האָט זיי פאַרשטעלט.

דעם חתנ׳ס מאַמע, מרס. ניימאַן, איז שוין געווען אַ גאַנץ אַלטע אידענע, מיד פון אויסהאָדעווען פינף קינדער. זי איז געזעסען אַ פאַרבענקטע. איהר מוזיניק איז אַוועק; ער האָט זיך מיט זיין כלה, מיט זיין „בייער פּרוי״ אַוועקגעטראָגען פון זאַל; די לעצטע סענסאַציע פון איהר לעבענס־געשיכטע האָט דער שטורעם אַרויסגעריסען. זי האָט זיך געדאַרפט פרעהען, געוואָלט פרעהען זיך, אָבער עס איז איהר געווען אומעטיג אויפ׳ן האַרצען.

גוירטי שיינקין, דער כלה׳ס מוטער, ביי וועמען עס האָט דאָ איצט חתונה געהאַט איהר עלטסטע קינד, און וועלכע איז אַליין אַ יונגע פרוי, איז געווען פשוט מיד פון אַרבייט, פון אַראַנזשירען די חתונה און פאַדען אַרום די מחותנים דעם גאַנצען טאָג און אָוענט.ביים סוף פונ׳ם גרויסען שמחה׳דיגען טומעל, האָט זי זיך דערפיהלט אַ פאַרטשאַדעטע. איהר עלטסטע „בייבי״, אסתר׳קע, איז שוין איצט דאָ ניטאָ לעבען איהר. זי וועט איהר שוין איצט זעהן בלויז אַלס גאַסט, אַלס פאַרהייראַטע מיט איהר מאַן. די גאַנצע חתונה־פרייד האָט זיך עפּעס ביי גוירטי׳ן אונטער׳ן האַרצען אויפ־געקנוילט אין אַ שווערען אומעט.

— איהר ווייסט, מחותנת׳טע, — האָט זיך גוירטי געווענדעט צו מיסעס ניימאַן, — איך פלעג זיך אַלע מאָל וואונדערען פאַרוואָס עלטערען ווייגען ווען זיי מאַכען חתונה אַ קינד. איצט פאַרשטעה איך.

— נו, אודאי, האָט מיסעס ניימאַן געענטפערט; — קינדער צוליפען זיך, און אַליין ווערט מען שוואַך.

— עס זאָל זיי נאָר זיין גוט, — האָט גוירטי געזאָגט מיט געבעט.

מיסעס ניימאַן האָט מסכים געווען מיט אַ זיפץ.

ווען די קלעזמער האָבען אויפגעשפּילט דעם לוסטיגען פאַטש־טאַנץ, האָבען די קינדער אַריינגעשלעפּט ביידע פאַרטראַכטע מאַמעס אין רעדעל אַריין, און זיי האָבען זיך לעבעדיג צוטאַנצט, די מחותנת׳טעס, יעדערע לויט איהרע כחות.

אין דער זעלבער צייט וואָס דער עולם אין דעם זאַל פון האָטעל סט. טהאָמאַס האָט פאַרענדיגט די חתונה, זיינען די צוויי יונגע, שפּאָגעל־בייע מאַן און ווייב, עדווין ניימאַן און אסתר, שוין די „געוועזענע״ מיס שיינקין, געשטאַנען אויפ׳ן דעק פון דער „על מונדאָ״. די „על מונדאָ״, די האָני־מון שיף, האָט זיך אַ באַלויכטענע, ווי אַ גאָלדענע שטייג, גע־

גליטשט אויפ׳ן ניו יאָרק בעי, אויפ׳ן וועג צום ים — אַהין אין די ראָ־מאַנטישע וואַסערן, צו די אינזלען פון „האַני־מונערס״.

ס׳איז געווען אַ וואַרימע דזשון־נאַכט. אין דעם טאַנץ־זאַל פון דער „על מונדאָ״ און אין דעם בופעט איז דאָס צוהוליעט לעבן אָנגעגאַנגען מיט׳ן גאַנצן אימפּעט.

עדווין און אסתר האָבן געטאַנצט, דערנאָך זיינען זיי צופלאַמטע און צושיינטע אַרויף אויפ׳ן דעק, וואו ס׳איז געווען אַן ערקוויקענדער ים־ווינטעלע. עדווין האָט איהר אַרויפגעפיהרט צום דעק, צוגעהאַלטען איהר פּאָרביידע עלענבויגענס מיט אַזוי פיל ציטעריגער באַזאָרגטקייט, ווי ער וואָלט אַ שוואַך, ערשט געבאָרענע ציפּליאַנקעלע געהאַלטען אין זיינע הענט.

— ביזטו גליקליך, טייערינקע? — האָט ער איהר געפרעגט.

דער הימעל איבער׳ן שיף איז געווען אַ ליכטיג בלויער; אַ פולע לבנה אין דער הויך איז מיטגעשוואומען מיט די „האַני מונערס״. פייער־לאַך אין די טויזענטער, ווי שטערען ביים ראַנד פון הימעל, האָבן גע־לויכטען פון די זומערדיגע אַמיוזמענט פּלעצער ביי די ברעגען פון ים.

זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. זי האָט דייטליך געזעהן די אויפבאַלויכטענע פרייד אין עדווינ׳ס אויגען. מעהר ווי אַלע מאָל האָט זי היינט געפיהלט ווי ער איז גליקליך מיט איהר.

זי האָט מיט אַ ראָמאַנטישער פעסטקייט אין איהר טאָן געענטפערט:

— יעס, עדווין.

דער ים האָט זיך אויסגעשפּרייט נאָך „סענדי הוק״, געוואָרען ברייטער, ווייטער, און אַ בלוי־זילבערנער ברייטער וועג האָט געשיינט איבער׳ן וואַסער, אַנטקעגען דער לבנה.

אין זיין ברייטען מאַנטעל האָט עדווין געהאַלטען זייך יונג ווייבעלע, צוגעטוליעט צו זיין בוזים; און זי, אסתר, מיט׳ן פּנים צום ים, מיט אירע האָר, ווי דער פלאַם פון אַ פאַקעל, געפּאַטעלט פון דעם ווינט, האָט געקוקט אין דער ווייטקייט. זי האָט זיך אַלץ מעהר איינגענורעט אין עדוויג׳ען. זי האָט זיך געפיהלט באַשיצט און באַשירעמט.

דער האָנימון איז באַשטאַנען אין באַזוכען אַלערליי פּלעצער; דאַן האָבן זיך אָנגעהויבען די האָוועגישען וועגען איינאָרדענען אַן אַפּאַרט־מענט. דאָס יונגע פּאָרעל האָט געוואוינט דערווייל אַביסעל ביי איהרע עלטערען, דאַן אין אַ פוירנישד רום. זי איז געווען פאַרביזיוועט און צעשוואומען איבער ניו יאָרק, און ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז די האָוועגישען

און טומלעניש׳ען, פון איינקויפען מעבעל און אַלע אַנדערע צעהנדליגע חפצים, וועלען זיך קיינמאָל ניט ענדיגען.

דאַן האָט מען זיך פאַרקליבען אין אַן אַפּאַרטמענט; עס האָבען זיך אַנגעהויבען די צוזאַמענקונפטען, דאָס איינלאַדען די משפחות אין דעם פּרעכ־טיג אויפגעפּיקסטען אַפּאַרטמענט, די זיסע כבודים און טאַנץ־אווענטען פאַר די חבר׳טעס, די אַלערליי נייע יונגע פּאָרלאַך, וואָס האָבען דעם יאָהר חתונה געהאַט. אַזוי זיינען אַריבער היבשע עטליכע מאָנאַטען אין אַ געשפּאַנטקייט, אַז אסתר האָט קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטען און באַ־טראַכטען זיך אַליין.

און אַט, אין אַ רוהיגען, אַ זוניגען ווינטערדיגען מאָנטאָג פריהמאָרגען, איז אסתר איינע אַליין אין איהר אויפגעפּוצטען אַפּאַרטמענט, אין וועלכען זי איז פאַרליבט, ווי אַ קינסטלער אין זיין אייגענעם ערשט פאַרטיג גע־וואָרענעם ווערק.

ס׳איז שטיל אין די צימערען. זי טראַכט מיט זיך אַליין, רעדט צו זיך אַליין. עס בויערט איהר אין מח אַ פראַגע, וואָס מיט ווערטער וואָלט זי עס ניט געקענט אויסדריקען.

די דאָזיגע פראַגע האָט שוין אסתר לאַנג דערפיהלט ערגעץ וויט אין זיך. זי איז אָבער געווען צופיל פאַרנומען. עס זיינען געווען אַזוי פיל פאַרטיס, אַזוי פרעהליך, אַז מען האָט איהר ניט געלאָזען זי זאָל זיך צוהערען צו איהרע קשיות וועגען ליבע, וועגען גליק, וועגען דעם צי זי איז גליקליך. אַז זי איז ניט אומגליקליך, דאָס ווייסט זי, אסתר. אָבער זי וויל וויסען, צי זי איז גליקליך; צי זי איז אַט אַזוי אומענדליך גליקליך, צו וואָס זי האָט אַלעמאָל געשטרעבט.

נעכטען איז געווען זונטאָג; ביינאַכט איז דאָ געווען אַ צוזאַמענקונפט— די לעצטע גרויסע פאַרטי פאַר איהרע פריינד, יונגע פּאָרלאַך, וואָס האָבען „סעלעברעיטעד״ (געפייערט) דעם ניי־אויפגעצירטען אַפּאַרטמענט, דעם נעסט פון אַ נייער „ער און זי״.

אסתר איז אַרומגעגאַנגען אין איהר שעהנסטער „קימאָנאָ״ (זי האָט ליב פאַר זיך אַליין אַנצוטאָן איהרע שעהנסטע זאַכען און קוקען אין שפּיגעל אויף די זאַכען און אויף זיך). זי האָט אויפגעקליבען אַ זילבערנע פּאַפּירעל פון שאָקאָלאַד, אַן אַפּגעברענטע שוועבעלע און אַ האַלבען סיגאַרעטעל, וואָס האָבען זיך נאָך געוואַלגערט אין די ווינקלען פון דער ליווינג רום. זי האָט געקליבען די ברעקלאַך פון דעם קאַרפּעט און געטראַכט.

ביז איצט האָבען אַלע פאַרטיס, וואָס זיינען געווען צוליב דער חתונה, אָוועקגעשטויסען דעם אמת׳ן זין פון איהר חתונה האָבען. זי האָט זיך

געקומען דערמאָנען אָן אַלערליי פּאַסירונגען און אין דער הויפּט פּאַסירונג. זי האָט ערשט איצט געקומען פאַרשטעהן, אַז זי איז אַוועקגעפּאָהרען פון אַ פּלאַץ, וואָס איז איהר פּלוצלונג געוואָרען זעהר טייער, און זי וועט זיך צוריק מעהר אַהין ניט אומקערען. איז איצט האָט איהר געקומען עגבערען אין מח: וואָס איז טאַקע דאָס הייראַטס־גליק, די ליבע, וועגען וואָס אַלע רעדען און וועגען וואָס זי האָט פאַנטאַזירט זינט זי איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר?

זי ווייסט ניט אַקוראַט, אסתר, זי ווייסט ניט, און זי זוכט אַן ענטפער.

זי לייגט צוזאַמען די קליידער וואָס זי און עדווין האָבען געכטען געטראָגען. זי באַטראַכט איהרע שוואַרצע לאַנדזשינג פּאַזדשאַמעס, מיט דעם באָרדאָ־רויטען דזשעקעט, וואָס זי האָט געטראָגען ביים אויפנעמען און אונטערהאַלטען די געסט. זי ווייסט אַז די שוואַרצע פּאַדזשאַמעס און דער באָרדאָ־רויטער דזשעקעט פּאַסען צו איהר קאָמפּלעקשאָן פון ליכטיגען פּנים און לייכט־בלאָנדע האָר.

ביי דער נעכטיגער פּאַרטי איז געווען דזשאָרדזש, דער לוסטיגער, דער גראַטענער, דער זינגער, דער טענצער און גרויסער קענער פון אַלץ אין דער וועלט. ער איז געווען מיט זיין פרוי, אָבער דעם גאַנצען אָוועגט האָט ער אסתר'ן געשושקעט אין אויער, אַז זיין חתונה איז געווען אַ זעלבסטמאָרד, אַ להכעיס, למאי זי, אסתר, האָט איהם פאַרטריבען פון זיך.

— דו האָסט מיך אומגליקליך געמאַכט, — האָט ער צו איהר אַ זאָג געטאָן, ווען זיי האָבעןביידע געטאַנצט.

— הער אויף! — האָט זי אויף איהם ביז אַ געשריי געטאָן. זי האָט דזשאָרדזש'ען אימער באַהאַנדעלט „ראַף", אָבער זי האָט ליב געהאַט מיט איהם צו פאַרברענגען פאַר זיין ראָמאַנטישער און קאַפּריזנער נאַטור. ווען ס'איז געקומען צום חתונה האָבען, האָט זי וועגען איהם אפילו ניט אַ טראַכט געטאָן. איצט, ווען זי הערט זיינע שושקענישען אין איהר אויער, איז כאָטש ס'איז איהר אנגענעהם, טראַכט זי מיט מיטלייד וועגען ווערא'ן, די סימפּאַטישע שטילע ווייבעלע זיינע.

— חתונה־זעלבסטמאָרד, — האָט דזשאָרדזש ווידעראַמאָל ווידער־האָלט מיט גרויס מיטלייד זיין אינטעליגענטישע פּראַזע.

זי האָט איהם דאָן געוואָלט זאָגען, אַז עס פּרעהט איהר זעהר וואָס זי איז ניט זיין פרוי; אָבער זי האָט איהם ניט געוואָלט אַזוי שאַרף באַ־ליידיגען אין איהר שטוב, און זי האָט געזאָגט האַלב שטיפעריש, האַלב ערנסט:

— ווען איך בין אויף ווערא'ס פּלאַץ, וואָלט איך דיך פאַרלאָזען.

— „אַי וויש שי וואוד" (איך ווינש, זי זאָל עס טאָן), — האָט דזשאָרדזש געזאָגט, מיינענדיג דערמיט אויסצודריקען זיין אומבאַגרעניצטע בענקשאַפט נאָך אסתר'ן. אָבער דאָס האָט אויף אסתר'ן שרעקליך געווירקט, און זי איז מעהר דעם אָוונט ניט געשטאַנען צו נאָהענט צו איהם.

אסתר'ן האָבען זיך אָט די אַלע פּאַסירונגען געוויקעלט אין מח דעם דאָזיגען מאָנטאָג פריהמאָרגען, און זי האָט געהאַט גרויס הנאה אי פון דזשאָרדזש'עס קאָמפּלימענטען, אי טאַקע פון דעם וואָס זי האָט מיט איהם ניט חתונה געהאַט. איצט, מעהר ווי אַלעמאָל, איז זי געווען איבערצייגט, אַז מיט אַזאַ ווי דזשאָרדזש, וואָלט זי געווען אומגליקליך. זי איז צופרידען וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט עדווין שיינקין, זי וואָלט אָבער וועלען וויסען און פיהלען אָט יענעם גליק, וואָס זי האָט אַמאָל זיך פאָרגעשטעלט וועגען ליבע און וועגען חתונה האָבען.

אסתר האָט זיך פאַרבענקט אַהיים, פאַרבענקט נאָך דער מאַמען. זי האָט שוין פילע מאָל דערפיהלט דאָ אין אַפּאַרטמענט אַ מאָדנעקייט, וואָס זי דרעהט זיך דאָ אַרום אייגע אַליין אַ גאַנצען טאָג; און דאָרטען אין דער היים שטעהט נאָך איהר צימער אָן אויפגעפּוצטער — דערזעלבער לאָמפּ אויפ'ן טיש, דיזעלבע פאָרהאַנגען, וואָס זי האָט געמאַכט און אויפגעהאַנגען.

זי האָט אָפּגערופען דער מאַמען אויפ'ן טעלעפאָן.

— העלאָו מאַ! האָסט שוין געטאָן דעם שאָפּינג? (שוין אַלעס איינגעקויפט?) יעס? האָסט פאַר מיר היינט צייט? כאַ־כאַ־כאַ; גוט וואָס דו פאַרשטעהסט. ניין, מאַ, שוין וואָכען אַז איך האָב מיין קאָפּ ניט געוואַשען. איך קום, מאַמאַ. איך קום, און דו וועסט מיר אויסוואַשען דעם קאָפּ.

די מאַמע האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו וואַשען אסתר'ן דעם קאָפּ. די מאַמע וואַשט איהר אייגענעם קאָפּ אַליין. ביי דער מאַמען איז, ערשטענס, די האָר שוין ניט אַזוי געדיכט; צווייטענס, מוז די מאַמע זיך אַליין וואַשען דעם קאָפּ, ווייל זי האָט שוין קיין מאַמען ניט. אסתר האָט אַ קאָפּ מיט זעהר געדיכטע און לאַנגע האָר און זי קען זיך אין זיי ניט פאַנאַנדערקלייבען.

אסתר'ס מאַמע, גוירטי שיינקין, איז אַליין נאָך אַ יונגער מענש. פרויען אין איהר עלטער, מיט איהר לייכטער פיגור און בליהענדען אויסזעהן, זעהט מען אין די נאַכט־קלאָבּס, אויף די טאַנץ־פלאָרס און פאַרהאַוועט

אין אַלערליי הוליאַנקעס און ליבעס. אָבער גוירטי איז אַ שטוביגע פרוי, אַ גרויסע באַלעבאָסטע, און אַן איבערגעבענע מאַמע, וואָס האָט נאָך קינדער אין סקול. זי „געהט־אויס" מיט איהר מאַן און מיט פריינט. זי איז אַ פרוי, וועמען מענער מאַכען נאָך קאָמפּלימענטען פאַר איהר אויסזעהן און קליידען זיך.

אין וואָס גוירטי שיינקין איז לעצטענס ספּעציעל פאַרהאַוועט, איז אין איהר עלטסטען קינד אסתר, וועלכע האָט דעם יאָהר חתונה געהאַט. ביי דער מוטער איז די חתונה אַ גרעסערע געשעהעניש אין לעבען, ווי ביי דער טאָכטער; אַזוי דוכט זיך גוירטי'ן, דער מוטער. חתונה מאַכען אַ קינד, אַ טאָכטער הויפּטזעכליך, איז די גרעסטע סענסאַציע אין לעבען, האָט געפיהלט די מאַמע, און זי איז געווען פאַרקאָכט אין דעם מיט לייב און לעבען.

זינט אסתר האָט גענומען קומען צו איהר מאַמען יעדע עטליכע וואָכען וואַשען איהר קאָפּ, איז יענער טאָג שוין ביי ביידען, ביי דער מאַמען און ביי דער שפּאָגעל־נייער ווייבעל, אסתר, געווען אַ מין ווייבער־שער פּיקניק. ביי טאָג איז אין הויז קיינער ניטאָ, און די צוויי „פאַרהיי־ראַטע ווייבער" ריידען און פרעגען אויס איינע די אַנדערע אַזוי, אַז אָפט, אין זייער ווייבערשער נייגעריגקייט, פאַרגעסען זיי זייער אָנגעהעריגקייט אַלס מוטער און קינד. זיי צולאַכען זיך שטיפעריש און „פאַרדעכטיגט", ווי צוויי מיידלאַך לאַכען אָפּ פון אַ יונגעמאַן, וועלכען זיי האָבען אַמאָל געזעהן אין אַ מאָמענט פון פאַרלאָרענקייט.

פאַר דער חתונה האָט זיך אסתר ניט געלאָזען צופיל אַריינצוזיהען אין דער מאַמע'ס אויספרעגענישען, אויספּילצעווען וועגען איהרע „באָיעס".

— „הי איז נאַיס" (ער איז פיין), „באַט אַי דאָנט קער פאַר הים" (אָבער ער אינטערעסירט מיך ניט) — פלעגט געוועהנליך זיין אסתר'ס ענטפער וועגען אַ צו־קאָמפּליצירטען „אַפּעיר", וואָס זי האָט דער מאַמען ניט געקענט פון אַלעס אויסדערצעהלען.

איצטער איז אסתר גאָר נאָהענט מיט דער מאַמען, אַזוי נאָהענט, אַז ווען די מאַמע פרעגט אַ צו־נאָהענטע קשיא, ווי געוועהנליך שוין לאַנג פאַרהייראַטע פרויען קענען אַ פרעג טאָן, שעמט זיך ניט די טאָכטער אויסצורופען צו איהר אין אַ לייכטען טאָן פון מוסר זאָגען איהרער אַ חבר'טע:

— אָ, מאַמע, סטאָפּ איט! — און זי ווערט רויטליך.

דאָס מאָל איז אסתר געקומען צו דער מאַמען וואַשען איהרע האָר, מיטברענגענדיג איהר אַ שפּאָגעל־נייע פראַגע וואָס עס האָט זיך איהר

געגומען באַמבלען אין קאָפּ — אַ פראַגע וואָס אסתר האָט זיך פריהער ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט.

ווען די מאַמע איהרע האָט חתונה געהאַט אַמאָל, אין דעם קליינעם אייראָפּעאישען שטעטעל, איז עס געווען אַ סענסאַציאָנעלע, כמעט אַ סקאַנ־דאַליעזע „עלאָופּמענט” (אַנטלויפען און חתונה האָבען אין געהיים). וועגען אַלע איינצעלהייטען פון דער דאָזיגער „היסטאָרישער ליבע” פון איהר מוטער און פאָטער האָט זיך אסתר אַנגעהערט אין שטוב, צווישען דער משפחה און צווישען די לאַנדסלייט ביי די יובילעי־בעלער פון דער לאַנדס־מאַנשאַפט סאָסייעטי. די מוטער, גוירטי, איז געווען אַ מיידעל פון אַ רייך הויז, אַ שעהנע און אַ געלערנטע, און זי האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָרימען שיק־איינגעל פון איהר פאָטער'ס געשעפט, אַ חבר פון איהר אָר־גאַניזאַציע, וואָס האָט געקעמפט פאַר פרייהייט און גלייכהייט.

אַלע מאָל, ווען די מוטער פלעגט רעדען וועגען יענער צייט איהרער, האָט אסתר געזעהן ווי זי, איהר מוטער, שיינט מיט עפּעס אַ טיפקייט, מיט אַ הערליכען ליכט.

ווען אסתר האָט געהאַלטען איהר קאָפּ איינגעבויגען צו דעם באַסיין פון וואַש־סטענד און די מאַמע האָט זיך אַרום איהר גע'עסק'ט, האָט זי, די טאָכטער, פון צווישען די אַרונטערגעהאַנגענע נאַסע לאָקען איבער איהר פּנים, געזאָגט:

— דו ווייסט אויף וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, מאַמע?

— אויף וואָס?

— אויף דיין אַמאָליגער „עלאָופּמענט”.

גוירטי האָט דערביי געשמייכעלט ווי אַ דערוואַקסען קינד, וועמען מען דערמאָנט אָן אַן אַמאָליגער בעיבי־חכמה. גלייך האָט זי אַ זיפץ־געטאָן אויף אַן אַמאָליגען פאַרפלויגענעם חלום און זי האָט געפרעגט:

— וואָס עפּעס האָסטו זיך איצט דערמאָנט?

— אַזוי, — האָט די טאָכטער געזאָגט, און איהר שטימע האָט אָנגעגע־נומען אַ טיפען ערענסטען קלאַנג, וואָס האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז זי וויל עפּעס ריידען, נאָר זי זוכט די נויטיגע ווערטער דערצו. מיט די נאַסע אַרונטערגעהאַנגענע האָר איבער איהר פּנים איז איהר באַקוועמער געווען אַריינצוגעהן אין אַ שמועס.

די מוטער האָט געוואַרט, און אסתר האָט באַלד געפרעגט:

— מאַמע, זאָג, אַז מען „עלאָופּט” איז מען גליקליך?

גוירטי האָט אַרויפגעוואָרפען אויף אסתר'ס נאַסען קאָפּ אַ ברייטען טערקישען האַנטוך, און שפּאַסיג געפרעגט:

— וואָס עפּעס פֿאַלען דיר איצט איין אַזעלכע פֿראַגען?

און זי האָט מורא געהאַט, די מאַמע, אַז איהר טאָכטער, וועלכע האָט געטאָן אַזאַ גוטען שידוך, פֿיהלט זיך ניט גליקליך.

און מאָדנע, גלייך ווי אסתר האָט אַרויסגערעדט איהר געדאַנק, אַז ווען מען „עלאָופּט" איז מען מסתמא זעהר גליקליך, איז איר, אסתר׳ן, אַליין עפּעס קלאָר געוואָרען. פֿון איהרע אייגענע ווערטער האָט זי זיך צו עפּעס דערטראַכט, און זי האָט געענטפֿערט דער מוטער:

— מיר האָט זיך אַלע מאָל געדוכט, אַז ווען מען „עלאָופּט" איז מען זעהר גליקליך.

זי האָט אַרונטערגענומען דעם האַנטוך פֿון קאָפּ, אָפּגעדעקט איהר פּנים און קינדעריש מיט אַ זיפֿץ אויסגערופֿען:

— „אַי דאָנ׳ט נאָו" (כ׳ווייס ניט)!

— אַז מען „עלאָופּט", — האָט גוירטי גענומען פֿילאָזאָפֿירען, — איז דאָך דאָס אַ סימן, אַז מען האָט צרות, אַז עמיצער שטערט. דו ביסט געוועזען אַ גליקליכע כלה; דיר האָט מען ניט געשטערט; דו האָסט גענומען וועמען דו האָסט געגליכען.

— ס׳איז אפשר גוט, אַז מען האָט פֿריהער צרות, — האָט אסתר אַרויס־גערעדט פֿאַרטראַכט.

— אַי, קינדערלאַך, דאָ אין אַמעריקע איז אייך צו־גוט, — האָט גוירטי גענומען אַרויפֿוואַרפֿען דעם טראָבעל אויף אַמעריקע. ווייל עס איז איהר אַליין אויך ניט געוועזען אַזוי קלאָר דער תוך פֿון אָט דער דאָזיגער פֿראַגע וועגען גליק און זי האָט ניט געוואָלט אַריינגייען צופֿיל אין דעם, האָט זי אויסגערופֿען צו דער טאָכטער:

— וואָרום שטעלסטו עפּעס אַזעלכע פֿראַגען? דיר לעבט זיך גוט, איז לעב און האָב הנאה.

— „אַי טהינק, אַי מיסד דהי טריל", — האָט אסתר געזאָגט מיט שפּאַס.

— די אמתע טרילס, מיין קינד, דאַרפֿען ערשט קומען, — האָט די מאַמע געזאָגט אויך שפּאַסיג און מיט אַ וויבערשען ניגון דערצו.

— ווען?

— ווען דו׳סט האָבען אַ בעיבי און עס וועלען קומען די שלאָפֿלאָזע נעכט.

— ניט דאָס מיין איך, מאַמע, — האָט אסתר אַרויסגעזאָגט זעהר ערנסט, — איך מיין ליבע. וואָס און ווען איז די אמת׳ע ליבע?

די מאַמע האָט זיך געסטאַרעט עפּעס צו זאָגען, עפּעס צו ערקלערען

מיט באַשטימטקייט, און נאָך פילע רייד וועגען דעם און אַרום דעם, איז אסתר געפאָרען אַהיים צו זיך אין אַפּאַרטמענט, און איהר האָט אַלץ ניט געלאָזען רוהען די פראַגע: „וואָס איז אמת'ע ליבע?"

די מוטער, וועלכע איז נאָך אסתר'ס אַוועקגעהן אַליין געבליבען מיט אַ צודולטען קאָפּ וועגען די דאָזיגע פראַגען, וואָס ביי איהר אין האַרצען האָבען זיי זיך נאָך אויך קיינמאָל ניט איינגעשטילט, האָט זיך דערמאָנט אויף דעם ריכטיגען תירוץ. עס האָט איהר פאַרדראָסען וואָס דאָס איז איהר פריהער ניט איינגעפאַלען, און דאָס איז, אַז דער סימן פון גליק איז ווען דער מאַן ווייזט אַרויס דער פרוי זיין שטאַרקע ליבע מיט זיין טיפער איבער־געבענהייט און איידעלקייט. זי איז אויף דעם מאָמענט געווען איבערצייגט, גווירטי, אַז דאָס איז דער ריכטיגער ענטפער אויף דער רעטעניש. אָבער שפּעטער, נאָכדעם ווי זי האָט זיך דערמאָנט אָן געוויסע פריינדינעס אירע, וואָס האָבען זייער ווייניג גליק מיט זייערע איידעלע און איבערגעבענע מענער, איז איהר פילאָזאָפיע אויסגערונען געוואָרען.

און אסתר, אַ צופרידענע מיט זיך אַליין, מיט איהרע שעהנע קליידער, אין איהר געשמאַקפול־מעבלירטען אַפּאַרטמענט, איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטע און אַלץ זיך געפרעגט:

— בין איך גליקליך? וואָס איז אמת'ע ליבע? „אַי דאָנ'ט נאָו"...

מאַרטאַ'ס געהיימניס

1.

שוין איי־ניגע וואָכען, אַז מאַרטאַ וואָלפסאָן לעבט דורך אומרוהיגע טעג. עפּעס גראָד ניט לאַנג האָט איהר אַמאָליגע געהיימניס אויפגעוואַכט אין איהר האַרצען מיט אַ מאָדנעם שטורעם, וואָס לאָזט איהר ניט רוהען. יעדען טאָג באַשליסט זי, אַז אין אָוועגט וועט זי דערצעהלען איהר מאַן און אַ סוף אַן עק. זאָל פּאַסירען וואָס עס דאַרף פּאַסירען. אָבער אין אָוועגט, ווען אַלבערט, איהר מאַן, קומט, און ער איז אַזוי ליב און צערטליך צו איהר, האָט זי מורא פאַר די רעזולטאַטען. זי באַשליסט ניט איינצושטעלען איהר גוטען לעבען פאַר אַלבערט'ן, און זי לאָזט עס געהן. זי דערשטיקט אין זיך איהר געהיימניס אויף דערווייל, איבער דעם אָוועגט. און אין דער פריה, ווען זי שטעהט אויף, ווען זי איז איינע אַליין אין שטוב, איז ווידער דאָס זעל־בע: עס לאָזט איהר ניט רוהען.

ענדליך איז דער טאָג געקומען, דער טאָג ווען זי האָט פעסט באַשלאָ־סען, אַז זי מוז מאַכען אַ סוף און אַלץ אויסזאָגען אַלבערט'ן, איהר יונגען בעל־הבית'ל, מיט וועמען זי איז פאַרהייראַט אַ קאַרגען יאָהר. זי וועט איהם דערצעהלען, און זאָל פּאַסירען וואָס עס וועט פּאַסירען.

די פיר־און־צוואַנציג יאָהריגע מאַרטאַ האָט זיך מיט איהר געהיימ־ניס אין האַרצען אַרומגעטראָגען עלף יאָהר. פּלוצלונג האָט זי זיך דער־וואוסט, אַז זי איז ניט ווי אַלע קינדער אויף דער וועלט.

דאָס איז געווען אין אַ זונטאָג נאָכמיטאָג אין דער הויז פון איהרע על־טערען, ווען זי, די דרייצעהן יאָהריגע מאַרטאַ, איז געזעסען ביים טיש צוזאַמען מיט איהר שוועסטער בלענטשע, וועלכע איז מיט איהר כמעט אין איין עלטער, און ביידע האָבען געמאַכט זייערע סקול־לעסאָנס.

זיי האָבען זיך עפּעס צעווערטעלט, די שוועסטער. איינע האָט דער צווייטער עפּעס אויפגעוואָרפען פאַר אַ ניט פיינער באַנעמונג, און די ווער־טלעך, וואָס מען האָט צוגעוואָרפען איינע די אַנדערער, זיינען געוואָרען אַלץ שאַרפערע.

ס'איז געווען בלענטש, וועלכע האָט געהאָט אַ שאַרפען צונג — „פעד און שוועבעל", האָט מען איהר גערופען אין שטוב. מאַרטאַ, וועלכע האָט

ניט אַזוי פלינק געכאַפּט אַ וואָרט, מיט וועלכען וועה צו טאָן בלענטש׳ן, האָט אָפּגעענטפערט:

— געה, שטעה ווידער לעבען קענדי סטאָר. לואי וואַרט אויף דיר.

לואי, איינער פון די סקול באָיס, איז נאָכגעלאָפען בלענטש׳ן. בלענטש האָט זיין נאָכלויפען, זיין כאַפּען איהר פאַר די האָר, ערמוטיגט, און די מאַמע האָט איהר שוין דערפאַר איינמאָל אָנגעפאַטשט.

מאַרטאַ האָט דאָ אָנגעריהרט אַ דעליקאַטען אָרט אין בלענטש׳עס יונגען הערצעלע, און זי, בלענטש, האָט אָפּגעענטפערט מיט גרויס פאַרביסענקייט:

— אָבער קיין ממזר, ווי דו, בין איך ניט.

— וואָס מיינסטו? — האָט איהר מאַרטאַ געפרעגט מיט יענער לייכטקייט און צופרידענקייט, ווי בשעת מען זעהט ווי אַ געגנער הויבט אָן צו באַלבען, וויל ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפערען.

— איך מיין וואָס איך מיין — האָט בלענטש געזאָגט שוין מיט אַ שטיקעל גיפט — דו ביזט געבוירען געוואָרען אַן אומגעזעצליך קינד.

— איך וויל ניט הערען דיינע משוגענע רייד — האָט מאַרטאַ געענטפערט, און אַ וואָרף געטאָן אויף בלענטש׳ן אַ בוק.

— איך בין ניט משוגע — האָט בלענטש זיך גערייצט — איך האָב דאָס דיר ניט געוואָלט זאָגען, אָבער אַז דו ביזט צו מיר אַזוי געמיין, „קער" איך ניט פאַר דיר, און איך זאָג דיר, אַז מיין מאַמע איז ניט דיין מאַמע, און מיין פאַפּאַ איז ניט דיין פאַפּאַ.

מאַרטאַ האָט אַלץ געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון בלענטש׳עס אומערהערטע „פעד און שוועבעל" מעטאָדען צו באַליידיגען און ערגערען אַ געגנער, און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איהר.

זיי האָבען זיך איינגעשטשעמעט איינע אין דער אַנדערער׳ס האָר און צופּאַטשט זיך.

זיי זיינען ביידע געבליבען שטעהן מיט צושויבערטע האָר, מיט פאַרווילדעוועטע אויגען און זייערע בלוזעס זיינען געווען אויפגעהויבען און אָנגעבלאָזען אין קנייטשען ווי די פעדערען אַרום די העלזלעך פון צוויי ענדלעך, וואָס האָבען זיך נאָר וואָס צופּיקעט אין די קעפּלעך.

— וואָרט, וואָרט, דו פעד און שוועבעל — האָט מאַרטאַ געסטראַשעט בלענטש׳ן — דיין גליק איז וואָס פאַפּאַ און מאַמאַ זיינען איצט ניטאָ אין דער היים.

— אידיאָטקע! — האָט בלענטש אויסגערופען מיט דעם אימפּעט פון קאָמפּסלוסטיגקייט — ווי אַזוי קענען מיר זיין שוועסטער, אַז איך בין

פון דיר עלטער מיט אַ סך ווייניגער ווי אַ יאָהר, און קיין צווילינג זיינען מיר ניט? האָסטו וועגען דעם קיינמאָל ניט געטראַכט, דו „דאָופּ״, וואָס דו ביזט?

— עס איז אַ ליגען! — האָט מאַרטאַ אויסגעשריען היסטעריש און זי איז גלייך פאַרשטומט געוואָרען. אין דעם מאָמענט, וואָס זי האָט אויסגעשריען „ס׳איז אַ ליגען״, האָט זי דערזעהן אין בלענטש׳עס מאָדנע געהיימניספולע בליקען, אַז עס איז ניט קיין ליגען. דער חשד איז אין איהר אַריין, אַז עפּעס איז יאָ דאָ אַ באַהאַלטענער אומגליק אַרום איהר.

זי איז געשטאַנען אַ ווייל ווי אַ פאַרשטיינערטע, מאַרטאַ, געוואָלט עפּעס באַטראַכטען, אויסרעכענען וועגען איהר און בלענטש׳עס עלטער, אָבער דער קאָפּ האָט איהר ניט געדינט.

זי איז אַוועק אין שלאָף־צימער, וואָס זי און בלענטש פאַרנעמען, אַ וואָרף געטאָן זיך אין בעט און זיך צעוויינט. עס האָט איהר געקלעמט דאָס האַרץ פון בלענטש׳עס ביטערקייט צו איהר. זי האָט ניט געוואָלט וויסען וועגען אמת אָדער ניט־אמת פון דעם; זי האָט בלויז באַשולדיגט בלענטש׳ן. בלענטש איז איהר אַ שונא.

אין אַ האַלבער שטונדע אַרום איז בלענטש אַריין צו מאַרטאַ׳ן, וועלכע איז געלעגען אין „פּאַפּעראַק״ פון בעט, מיט׳ן פּנים אַראָפּ און מיט די פיס הענגענדיג אַרויס פון בעט.

— אי עם סאָרי, מאַרטאַ, — האָט בלענטש געזאָגט דראַמאַטיש אָבער אויפריכטיג, און זי האָט איהר אַ צאַרטען ריהר געטאָן מיט׳ן האַנט איבער די פּלייצע.

— געה אַוועק — האָט מאַרטאַ צו איהר געזאָגט און האָט איהר אַ שטופּ געטאָן מיט אַ פוס.

— קום, שטעה אויף, — האָט בלענטש זיך גענומען בעטען מיט אַ מילדען, געטרייען טאָן, וואָס איז גאָר ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר איהר, ווען זי צוקריגט זיך מיט אימיצען.

מאַרטאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט, אָנגעקוקט איהר שוועסטער, און זי, איהר שוועסטער בלענטש, האָט ווידער אַמאָל זיך פאַרענטפערט:

— אי עם ריעלי סאָרי, ס׳איז בלויז אַ שפּאַס געווען, איך האָב עס ניט באַדאַרפט זאָגען. קום, שטעה אויף.

וואָס מעהר בלענטש האָט זיך פאַרענטפערט, וואָס צערטליכער און פאַרזאָרגטער זי איז געוואָרען, אַלץ נערוועזער איז מאַרטאַ געוואָרען, ווייל אין דעם, אין בלענטש׳עס חרטה, איז אַלץ קלאָרער געוואָרען, אַז עס איז ניט קיין שפּאַס; אַז אַרום איהר, מאַרטאַ׳ן, איז פאַראַן אַ סוד, אַ טראַגעדיע.

יע, עס איז פאַראַן אַ טראַגעדיע אַרום איהר. אין דעם איז שוין ביי מאַרטאַ'ן מעהר קיין צווייפעל ניט געווען. זי האָט נאָר געוואָלט וויסען וואָס פאַר אַ טראַגעדיע, ווי גרויס עס איז די טראַגעדיע און פון וואַנען דאָס שטאַמט.

בלענטש, אַליין אַ דערשראָקענע, האָט חרטה געהאַט וואָס זי האָט אַרויסגעלאָזען דעם שרעקליכען סוד אין אַ מאָמענט פון קינדערשער נקמה געגען איהר שוועסטער. זי האָט געוואָלט צוריקציהען, אָבער עס איז שוין געווען אונמעגליך. מאַרטאַ איז אויף איהר אַרויפגעפאַלען, געוויינט, גע־בעטען זיך:

— דערצעהל מיר, בלענטש, איך בעט דיר.

— ס'איז געווען אַ שפּאַס, מאַרטאַ, — האָט בלענטש ווידער גע־פּרוואוט צו מאַכען עס צו גאָרניט.

— עס איז גוט, וואָס דו האָסט מיר אויסגעזאָגט — האָט מאַרטאַ גע־זאָגט, ווישענדיג איהרע אויגען מיט איהר קליין, בלוי טיכעלע, — איך בין שוין אַ גרויסע מיידעל, איך דאַרף וויסען דעם אמת, ווי שרעקליך דאָס זאָל ניט זיין.

בלענטש איז פון די ווערטער אַזוי גערירהרט געוואָרען דאָס מאַרטאַ איז איהר קיינמאָל ניט געווען אַזוי טייער ווי איצט. זי האָט אַרומגענומען מאַרטאַ'ן, איהר אומגליקליכע שוועסטער, און זי האָט אויך גענומען ווישען איהרע אויגען און געפרעגט:

— דו וועסט עס ניט אויסזאָגען דער מאַמען ?

— ניין.

— קיינמאָל ניט ?

— קיינמאָל ניט.

— שווער זיך.

— איך שווער.

— דיין מאַמע איז געווען מיין מאַמע'ס „קיד סיסטער" (אינגסטע שוועסטער). מיין מאַמע האָט איהר געבראַכט פון דהי אָלד קאַנטרי. אָבער עס איז עפּעס געווען אַ „לאַוו אַפער" (אַ ליבע), און מיין מאַמע האָט דיך צוגענומען אַלס איהר קינד.

— ווער ?

— שוין, דאָס איז אַלעס.

— פּליעז, בלענטש, — האָט מאַרטאַ אַנגענומען איהר פאַר די הענט און מיט פול־פאַרלאַפענע אויגען זיך געבעטען — דערצעהל מיר אַלעס.

— דיין מאַמע האָט געהייסען סאָפיע. זי האָט דיך געבוירען אַלס

אומגעזעצליכע קינד, און ער, דער „באַי פרענד" איז אַוועק און קיינמאָל ניט געקומען צוריק. דיין מאַמע האָט אפילו קיינעם ניט אויסגעזאָגט זיין נאָמען. ווען דו ביזט געבאָרען געוואָרען, האָט מיין מאַמע דיך גלייך צוגע־נומען אַלס איהר קינד.

— און וואו איז מיין מאַמע סאָפיע ? — האָט מאַרטאַ געפרעגט.

— זי האָט חתונה געהאַט אין וואַנקואווער, קענעדע. זי האָט געוואָלט זיין אַוועק זעהר וויט פון דער פאַמיליע, ווייל מען האָט איהר פאַר־פאָלגט, פאַרהאַסט. דער מאַן, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט, האָט ניט געוואוסט פון קיין זאַך. דיין מאַמע סאָפיע האָט דאָרטען געהאַט צוויי קינדער און דאַן איז זי געשטאָרבען.

עס איז געווען אַ שרעקליכער מאָמענט פון שטילשווייגען, און דאַן האָט זיך פון מאַרטאַ'ן אַרויסגעריסען אַ מין וועה־געשריי :

— בלענטש, פון וואַנען ווייסטו עס אַלץ ?

בלענטש איז צוטומעלט געוואָרען, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

— ווי לאַנג ווייסטו דאָס ? — האָט שוין מאַרטאַ גערעדט מיט פאַ־דערונג.

— ערשט ניט לאַנג.

— ווען ?

— פליעז, מאַרטאַ, פרעג מיך מעהר ניט.

— בלענטש, — האָט מאַרטאַ געזאָגט — איך האָב דיר געשוואוי־רען, אַז איך וועל קיינעם ניט דערצעהלען.

— איך האָב זיך דאָס דערוואוסט מיט אַ וואָך צוריק — האָט בלענטש געענטפערט ווי פאַרשולדיגט.

— פון וועמען ?

— פון טאַנטע מיני. דו געדענקסט ? פאַראַכטאָגען זונטאָג איז זי דאָ געווען.

— ווען טאַנטע מיני קומט מוז זי עפּעס איבערלאָזען טראָבעל — האָט מאַרטאַ געזאָגט אַזוי ווי זי וואָלט געגלויבט, אַז ווען ניט טאַנטע מיני, וואָלט אַלעס געווען גוט.

אין דעם דאָזיגען ערשטען מאָמענט האָט נאָך די 13־יאָהריגע מאַרטאַ ניט געהאַט פאַרדייעט אין זיך די טראַגעדיע אין איהר אמת'ער גרויס. האָט זי זיך געטרייסט מיט טשעפּען זיך צו טאַנטע מיני.

— טאַנטע מיני איז דאָ גאָרניט שולדיג, מאַרטאַ, דו הערסט ? און דו זאָלסט איהר גאָר ניט זאָגען וועגען דעם — האָט בלענטש געענטפערט,

מורא האָבענדיג, אַז מיט דער טאַנטע מיני וועט דער פּלאָנטער נאָך ווערען גרעסער, און זי, בלענטש, וועט זיין די שולדיגע פוןביידע זייטען.

— אַי נעוועער לאַיקד האַר סקאַרנפול לוק — (איך האָב קיינמאָל ניט געגליכען איהר גיפטיגען קוק) — האָט מאַרטאַ אַלץ מעהר געזוכט די מומע מיני אַריינצוציהען אין דער צרה.

מיט וואָס די טאַנטע איז שולדיג האָט טאַקע מאַרטאַ ניט געקענט ערקלערען, אָבער די טאַנטע מיני איז געוועזן אַ פרוי מיט אַ זויערען בליק, און אָפט טאַקע אויף מאַרטאַ'ן.

מאַרטאַ האָט די טאַנטע מיני ניט געגליכען, און די מאַמע פלעגט זיך שטענדיג בעטען ביי איהר, ביי מאַרטאַ'ן, זי זאָל כאָטש באַגריסען דער טאַנטע.

זי איז געוועזן שוין אַן עלטערע אידענע, די מומע מיני, און געוועזן איז זי בלויז אַ מומע צו בלענטש'ן, וואָרים זי איז געוועזן אַ שוועסטער פון דעם פאָטער. אַמאָל, אין דעם פאַמיליע־סקאַנדאַל, האָט די טאַנטע מיני געשפּילט אַ שטיקעל אינטריגאַנטען־ראָלע. אין דעם סקאַנדאַל האָט זי זיך געקאָכט אַ סך שטאַרקער ווי איהר שוועגעריך, בלענטש'עס מוטער, וואָרים זי איז געוועזן רעליגיעזער און אָבערגלויביגער פאַר איהר; און קיין שוועסטער צו דער אומגליקליכער סאָפיע איז זי דאָך ניט געוועזן. האָט איהר געברענט וואָס איהר ברודער לאָזט זיך אַריינגאַרען אין זאַק צו ווערען אַ פאָטער צו אַ פרעמדען ממזר. עס האָט איהר געברענט און זי האָט געהעצט.

די מומע מיני איז שטענדיג געוועזן געגען נייע אויפטואונגען און גע־געגען מוחל זיין אימיצען אַן עבירה. זי איז שטענדיג געוועזן דער פּראָקוראָר — אָנצוקלאָגען, באַשולדיגען. און וואָס עלטער מיני איז געוואָרען, וואָס דער רומאַטיזם האָט מעהר געדרעהט און געמוטשעט איהרע הענט, איז זי אַלץ בייזער געוואָרען.

— ריעלי, איטס נאָטינג (ווירקליך, ס'איז גאָרניט) — האָט בלענטש פלוצלונג געוואָלט טרייסטען איהר שוועסטער — לאָז צופרידען דער טאַנ־טע מיני.

— פּליעז, בלענטש, דערצעהל מיר אַלעס, איך בעט דיך.

בלענטש האָט אויך ניט פיל געהאַלטען פון דער טאַנטע מיני, וועלכע איז געוועזן דער מאַמע'ס אַ שוועגעריך, און זי, די מאַמע, האָט איהר אַמאָל אַ נאָמען געגעבען „שוויגער". אָבער אַז בלענטש האָט שוין מאַרטאַ'ן אַלץ דערצעהלט, האָט זי גערן דערצעהלט וועגען דער טאַנטע.

— פאַראַכטאָגען זונטאָג — האָט בלענטש גערעדט — ווען טאַנטע מיני איז אַריינגעקומען אין „ליווינג־רום" און די מאַמע איז געוועזן דאָר־

טען אין קיך, איז זי פאַרבייגעגאַנגען אונז ביידען און זי האָט זיך אין דיר איינגעקוקט. אפשר האָסטו דאָס באַמערקט?

— אַי דאַן נאַו — האָט מאַרטאַ אַרויסגערעדט — אַלע מאָל קוקט זי מיר אין די אויגען אַריין.

— דו האָסט זיך פון איהר אָוועקגעדרעהט.

— איך אַנטלויף פון איהר אַלע מאָל, פון דער „אָלד גראַוטש" (די בייזע אַלטע).

— האָט זי צו מיר געזאָגט — האָט בלענטש געגומען רעדען געהיימ־ניספול — זי וועט זיין אַזאַ לייט ווי איהר מאַמע די וועמפּיכע.

— דאָס האָט זי געמיינט מיך — האָט מאַרטאַ אַרויסגעמורמעלט.

— אָווקאָרס, דיך. האָב איך איהר געפרעגט, „ענטי, וואָס מיינסטו?" האָט זי מיר געזאָגט „איך ווייס וואָס איך מיין". זאָג איך צו איהר, אַז עס איז „נאַטינג ראָנג" (קיין זאַך דער מעהר) מיט מיין מאַמען. ענטפערט מיר טאַנטע מיני, „איך מיין ניט דיין מאַמע, איך מיין איהר מאַמע". דו רעדסט עפּעס „פאַני" (קאָמיש), זאָג איך. זאָגט זי צו מיר „איך ווייס וואָס איך רייד", און זי איז אַרויס פון שטוב און זיך געזעצט אין פראַנט אויפ'ן באַנק. בין איך צו איהר אַרויס און צוגעשטאַנען צו איהר זי זאָל מיר זאָגען וואָס זי מיינט, האָט זי מיר ניט געוואָלט זאָגען. איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך וועל געהן פרעגען דער מאַמען. האָט זי מיר צוגעהאַלטען, און נאָכדעם ווי איך האָב איהר צוגעזאָגט, אַז איך וועל איהר ניט אַריינמישען אין טראָבעל, האָט זי מיר דאָס אַלץ דערצעהלט און זי האָט געזאָגט, אַז פון דיין מאַמען האָט מען שטענדיג געהאַט צרות.

בלענטש האָט פאַרענדיגט מיט אַרויפלעגען אַ פינגער אויפ'ן מויל — שאַ, קיינער טאָר ניט וויסען.

.2

אַ פּאָר טעג איז דאַן מאַרטאַ אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע, כמעט אַ קראַנקע. זי האָט געפיהלט, אַז די וועלט איהרע ענדיגט זיך. די מאַמע האָט איהר עטליכע מאָל געפרעגט וואָס מיט איהר איז דער מעהר, אַריינ־געקוקט איהר אין די אויגען, אָבער מאַרטאַ האָט זיך ניט געלאָזען רעדען.

איינמאָל האָט מאַרטאַ דערהיט אַ צייט, ווען די מאַמע איז געווען אַליין אין הויז, איז זי צו איהר צוגעגאַנגען, אַרומגענומען איהר, געגומען איהר קושען, זיך צעוויינט און אַרויסגעכליפּעט:

— מאַמאַ, זיי מיין מאַמאַ.

— מאַרטאַ — האָט די מוטער אויסגערופען, און זי האָט אַנגענומען

איהר, מאַרטאַ׳ס קאָפּ, וועלכער איז געווען איינגעגורעט אין איהר בוזים. זי האָט געוואָלט איהר אָנקוקען. זי האָט זיך אָבער ניט געלאָזען, מאַרטאַ. זי האָט זיך קאָנוואולסיוו געגראָבען מיט איהר פּנים אין דער מוטער און געכליפּעט.

— וואָס איז דער מעהר מיט דיר, מיין קינד, — האָט די מאַמע איהר געגלעט איבער׳ן קאָפּ — באַרוהיג זיך קינד, — און עס האָט אויסגעזעהן, אַז די מוטער האָט שוין דאָ צוגעגעבען דאָס מאַרטאַ איז אַ טראַגעדיע. דאַן האָט די מוטער זיך אָנגענומען מיט כחות צו ווערען זיך, און קיין זאַך ניט צוצוגעבען. זי האָט אויף דאָס ניי געפרעגט: — וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר, קינד? וואָס איז מיט דיר פּלוצלונג געוואָרען? קום, קום צום טיש. איך האָב גוטע, פרישע „קוקיס". קום, איך וועל דיר דאָס געבען מיט אַ גלאָז מילך.

— מאַ, — האָט מאַרטאַ זיך גענומען נערוועזער איינקלעפּען אין דער מוטער — איך וויס אַלעס.

עס איז אַ ווילדע געווען שטיל. מאַרטאַ האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען. זי האָט דערזעהן, אָהן קיין שום צווייפעל, אַז בלענטש האָט איהר, מאַרטאַ׳ן, אַלץ ריכטיג דערצעהלט.

— מאַמאַ, — האָט מאַרטאַ מיט אַ נייעם ציטער אויסגערופען, ווי זי וואָלט ערשט איצט זיך דערוואוסט די אמת׳ע געשיכטע — דו ביזט מיין טאַנטע!

— ווער האָט דיר דערצעהלט? — האָט די מאַמע געפרעגט פאַר־צווייפעלט — די סקאַנדאַליסטקע, בלענטש? איך וועל איהר ממית׳ן. פון וואַנען האָט זי זיך עס דערוואוסט, וועה איז מיר!

— בלענטש איז ניט שולדיג, מאַ.

— איך וועל איהר אויסרייסען די האָר פון קאָפּ! — האָט זיך די מוטער געקאָכט.

— אָבער בלענטש איז דאָך ניט שולדיג — האָט זיך מאַרטאַ געבעטען.

דאַן זיינען מוטער און טאָכטער געזעסען לאַנג, זעהר לאַנג. זיי האָבען גערעדט און געוויינט, געוויינט און גערעדט און געהאַלזט זיך און געקושט זיך. און נאָכדעם ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דאָס זיי זיינען בײדע בלויז טאַנטע און פּלימעניצע, האָבען זיי זיך ביידע צוזאַמענגעשלאָסען אין די אָרימס, און נאָך קיינמאָל האָבען זיי ביידע ניט געפיהלט אַזאַ שטאַר־קען צובונד פון מוטער און טאָכטער ווי אין דעם דאָזיגען מאָמענט.

און די מוטער האָט פאַרענדיגט, גלעטענדיג מאַרטאַ׳ן מיט איהרע ביידע הענט איבער׳ן קאָפּ:

— טראַכט מעהר ניט וועגען דעם, מיין טאָכטער, זאָל דיר דאָס ניט אַרגען. איך בין דאָך דיין מאַמע און דער פאָטער איז דאָך דיין פאַפאַ. וואָס איז דער אונטערשייד ?

.3

עס איז ווירקליך ניט געווען קיין אונטערשייד ביי מאַרטאַ׳ן און איהרע געפיהלען צו איהר מוטער און פאָטער, וועלכע זיינען אין דער אמת׳ן גע־ווען צו איהר אַ טאַנטע און אַן אָנקעל. אָבער עס איז יע געווען אַן אונטער־שייד, אַ טיפער אונטערשייד אין איהר אייגענעם גאַנצען וועזען.

ביי אַ געפעהרליכען שטאַפּעל פון עלטער האָט זיך מאַרטאַ דערוואוסט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איהר גאַנצע גליקליכע קינדהייט אַרויסגעריסען מיט דעם פונדאַמענט צוזאַמען. ביי די ערשטע טעג פון איהר יוגענטליכער עלטער, צווישען דרייצעהנטען און פערצעהנטען יאָהר, האָט זי זיך דער־וואוסט, אַז זי איז אַ מיידעל מיט אַ חסרון. דאָס איז די עלטער, הויפּטזעכ־ליך ביי אַ מיידעל, ווען זי נעמט שוין געהערען צו דער וועלט, מעהר ווי צו איהר טאַטע־מאַמע, און ערשט דאַן וויל זי זיך שטאַרקער אָנהאַלטען אַן איהר היים, איהר מאַמע, איהר טאַטע.

דאָס האָט פּאַסירט דאַן, ווען מאַרטאַ האָט דערפיהלט ווי איהר אייגע־נער לעבענס־יאָך האָט זיך גענומען אָנטאָן אויף איהר. גאַנץ היבשע יונגע־לייטלעך האָבען שוין פון לאַנג גענומען פייפען צו איהר ווען זי געהט דורך די גאַס, און זי האָט שוין אויפגעהערט אַפּצוזידלען זיי, אויפגעהערט אָפּצו־קערען זיך.

מאַרטאַ האָט שוין געהאַט גענומען עקזאַמענירען זיך יעדען טאָג, יע־דען מאָל ביים אַרויסגעהן, צי איז זי ווי עס באַדאַרף צו זיין. און אָט איז עס געקומען — זי איז אַ מיידעל מיט אַ חסרון. עפּעס האָט איהר שוין לאַנג דאָס האַרץ געזאָגט, אַז זי האָט אַדער זי וועט עפּעס קריגען אַ חסרון, און אָט איז עס. און ווי דער שטייגער אין אַזאַ עלטער, ווען מען איז אַ צו אַלטע קינד און אַ צו יונגער מענש, איז דער דאָזיגער חסרון ביי מאַרטאַ׳ן יעדען טאָג פילפאַך פאַרגרעסערט געוואָרען. זי איז געבאָרען געוואָרען אַן אומ־געזעצליך קינד; דאָס האָט איהר פּלוצלונג געענדערט ביז טיף אין איהר נשמה, און זי האָט זיך ניט געלאָזען טרייסטען — ניט פון דער מאַמען, ניט פון זיך אַליין.

מאַנאַטען און מאַנאַטען איז מאַרטאַ אַרומגעגאַנגען אַ קראַנקע, אַ מידע, אַ צעוועהטאָגטע אין אַלע איהרע גלידער, אַן אויפגעשטורעמטע אין איהר נשמה, אין אַלע איהרע נערוועז.

דאַן האָט זי באַשלאָסען ביי זיך, אַז ווען זי וועט ווען באַגעגענען איהר באַשערטען, וועט זי קיין זאַך פאַר איהם ניט באַהאַלטען. זי וועט איהם אַלעס דערצעהלען וועגען זיך, און זאָל פאַסירען דאַן מיט איהר, וואָס עס דאַרף פאַסירען.

זי האָט דעם דאָזיגען באַשלוס געפאַסט מיט אַן אמת׳ער, מיט אַ טיפער פרומקייט אין איהר האַרצען, ווי עס קען אַזאַ יונג צורודערטע מיידעל, וואָס איז נאָך קיין פערצעהן יאָהר ניט אַלט. דער באַשלוס איהרער האָט אָנגענומען די פאָרמע פון אַ שבועה, אַ הייליגע שבועה. זי איז דערפאַר מיט זיך אַליין צופרידען געווען און דאָס האָט איהר באַרוהיגט.

מאַרטאַ׳ס יוגענט־טעג זיינען געפלאָסען; זי האָט זיך פיזיש צובליהט. די וועלט — איהר יוגענטליכע וועלט, האָט אויף איהר גענומען קוקען; אויגען האָבען איהר באַגערט. זי האָט עס אַלעס דערפיהלט אין זיך, מאַרטאַ, און איהר גייסט איז געשטאַרקט געוואָרען אין איהר פון טאָג צו טאָג. טיף, ווייט אין איהר האַרצען, האָט זי געהאַלטען וואָך איהר טראַגעדיע און איהר שבועה, און דאָס איז כסדר באַדעקט געוואָרען מיט דער יוגענט־פרייד, וואָס איז צו איהר געקומען פון איהר אינעווייניגסטען באַגעהר צו גליק און לעבען און פון דעם דרויסענדיגען פאַרלאַנג נאָך איהר פון אַלץ נייע און נייע יונגעלייטלעך.

4

דעם ערשטען יונגענמאַן, וואָס האָט זיך איהר ערקלערט אין ליבע, ווען זי איז נאָך קיין פולע זיבעצעהן יאָהר אַלט געווען, האָט זי אָנגענומען אַלס איהר באַשערטען. אָבער ביז זי האָט זיך צוגעקליבען צו פאַרטרויען זיך פאַר איהם, איז צווישען זיי פאַרגעקומען אַ קריגעריי, אַ ברוגז, אַ דער־ווייטערונג. אַנדערע אינגלעך זיינען געקומען, גע׳סוד׳עט די זיסע רייד אין די אויערען. און כאָטש זי האָט אַלע יונגעלייטלעך און זייער שושקע־ניש גענומען זעהר ערנסט, איז איהר מעהר ניט אַרויפגעקומען אויפ׳ן זינען, אַז זי דאַרף זיי גלייך דערצעהלען איהר געהיימניס פון איהר טיפען האַרצען.

ווען זי איז געוואָרען אַכצעהן, ניינצעהן, צוואַנציג און איין־און־צוואַנ־ציג, האָט דער קראַוד אַרום איהר זיך געביטען. גאָר אַ נייעם סאָרט „קלאַ־יענטעל״ פון יונגעלייט האָט מאַרטאַ אַרום זיך געהאַט. אַלע זיינען געווען זעהר פיינע יונגעלייט און זיי האָבען איהר פאַרעהרט, און זיי זיינען געקו־מען אָפט, נאָך אָפטער אָפּגערופען, אָבער קיינער פון זיי איז ניט געווען פאַרטיג צום חתונה האָבען. יעדער האָט עפּעס געהאַט זיין באַזונדערען אָפּ־

האַלט, וואָס האָט איהם ניט געגעבען די מעגליכקייט אונטערצונעהמען זיך פּאַר הייראַט. דאָס זיינען אַלץ געווען יונגעלייט צווישען צוואַנציג און פינף־און־צוואַנציג, וואָס האָבען בלויז געקענט פאַרברענגען מיט איהר. און די, וואָס זיינען איהר אַמשטאַרקסטען געפעלען געווען, האָבען אפילו ניט גע־האַט די מעגליכקייט „אויסצונעמען" איהר. די מעהרסטע ראָמאַנטישע אָווענטען זיינען געפּראָוועט געוואָרען אין חכמה׳נען זיך און אין ניט דער־רעדען דאָס ערנסטע דורכ׳ן טעלעפאָן.

דער אמת׳ער באַשערטער איז דוקא געקומען אומגעריכט, און עפּעס ווי פון אַן אַנדער וועלט. און דאָס איז געווען אַלבערט וואָלפסאָן, אַן עלטע־רער פון איהר און ניט פון איהר „קראָוד".

עס האָט זיך אין דעם געגענט געגרינדעט אַ „יאָנג פּיפּעלס אָקזילערי", צו זאַמלען אַ פאָנד פאַר דער „דעי נוירסערי", אין וועלכער די מאַמעס פון דעם בלאָק זיינען געווען פאַרהאַוועט. מאַרטאַ, אַזוי גוט ווי איהר שוועסטער בלענטש, און זייער גאַנצער „באַנטש", זיינען אַריין אין דער „יאָנג פּיפּעלס אָקזילערי" און זיי האָבען זיך דאָרטען אַלע געטומעלט און אָרגאַנזשירט טאַנץ־אָווענטען.

אַלבערט וואָלפסאָן, אַ האַי־סקול לערער, אַ יונגערמאַן וועמען עס איז שוין געוואָרען דרייסיג יאָהר, וואָס אַזעלכע האָבען דוקא יע באַלאַנגט אין דער „יאָנג פּיפּעלס אָקזילערי", איז גאָר געווען טעטיג צווישען די עלטערען. ער איז, ניט אַזוי אין יאָהרען ווי מיט זיין גאַנצען האַלטען זיך און שטאַנד, ניט געווען קיין גלייכען מיט די „דזשעז־בייביס", ווי ער האָט גערופען די אינגלעך מיט די מיידלעך.

זיין מוטער, וועלכע איז געווען די פּרעזידענטקע און גרעסטעביישטיי־ערקע צו דער „דעי נוירסערי", האָט איהם אַריינגעשלעפּט אין דער דאָזיגער כלל־אַרבייט. אַלבערט פלעגט עס דיקטירען די ענגלישע בריף אין דעם נאָמען פון דער פּרעזידענטין. ער פלעגט די דאָזיגע אַרבייט טאָן אין די זונטאָגס, אין דעם אָפיס פון דער נוירסערי, און מאַרטאַ האָט וואָלונטירט צו זיין עטליכע זונטאָגס אַלבערט׳ס טאַיפּראַיטערקע פאַר דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענץ.

און אַזוי האָט עס פּאַסירט, דאָס כאָטש מאַרטאַ האָט „גאָרניט באַ־מערקט" ווי אַזוי ער קוקט אויף איהר, ווייל ער איז גאָר געווען אַ שעמעוו־דיגער, האָט ער „געבעטען איהר האַנט" און איהר ערקלערט, אַז ער איז שוין לאַנג פאַרליבט אין איהר.

— ווי לאַנג? — האָט מאַרטאַ געפרעגט קינדעריש פאַרשעמט.

— זעהר לאַנג — האָט דער בכבוד־אויסזעהענדער אַלבערט וואָלפּ־סאָן געענטפערט מיט אַ יונג־אינגלישען געלעכטער.
— פון וועלכען זונטאָג אָן? — האָט מאַרטאַ זעהר געוואָלט וויסען.
— נאָך פון פאַר די זונטאָגס — האָט אַלבערט געענטפערט.
— פאַר די זונטאָגס? — האָט מאַרטאַ געקוויטשעט — עס קען ניט זיין.
— פאַרוואָס קען ניט זיין?
— איהר האָט דאָך מיך גאָר ניט געקענט.
— איך האָב דאָך אייך געזעהן.
— אָ, אָ! — האָט זיך פון מאַרטאַ'ן אַרויסגעריסען, און איהרע אוי־גען האָבען אויפגעבליצט מיט יענער ליכטיגקייט, וואָס קומט פון אַן איבער־ראַשענדער פרייד, וועלכע מען מוז האַלטען אונטער דעם קאָנטראָל פון אַ שטאַרק־שלאָגענדער האַרץ.
— איהר האָט גאָר קיינמאָל ניט באַמערקט ווי איך קוק אויף אייך?
— האָט ער איהר געפרעגט, שוין זייענדיג דרייסט מיט איהר.
— איך האָב גאָר קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז איהר קוקט אויף מיר.
אַט דער דאָזיגער ערשטער געשפּרעך פון זייער אָנגעהעריגקייט איי־נער צום צווייטען האַלט זיך נאָך ביז איצט אין איין ווידערהאָלען ווען זיי־ער ליבעס „אַפּער" ווערט דערצעהלט פאַר לייטען, ווען זיי אַליין ווילען איבערלעבען יענעם „היסטאָרישען" מאָמענט זייערען. מאַרטאַ'ס ווערטעל: „אַז איך האָב גאָר קיינמאָל ניט באַמערקט ווי אַזוי דו האָסט געקוקט אויף מיר", כאָטש דאָס איז ניט געווען אין גאַנצען אמת, איז געוואָרען דער אויס־דרוק פון זייער אמת'ער ליבע און גליקליכער הייראַט.
דאָס איז ווירקליך געווען אַ גליקליכע הייראַט, אַ סענסאַציאָנעל גו־טער שידוך פאַר מאַרטאַ'ן. די מאַמע, ווען זי האָט געפיהרט מאַרטאַ'ן צו דער חופּה, האָט שטיל אין האַרצען געמורמעלט צו זיך אַליין, אַז דאָס האָט גאָט אָפּגעגעבען איהר פיל לײדענדען קינד, אויפגעריכט מאַרטאַ'ן פאַר דער פיל־געפּלאָגטער מוטער איהרער, סאָפיע, וועלכע איז יונג אַוועק פון דער וועלט.
אַלבערט וואָלפּסאָן איז געווען אַ צו ערנסטער מענש, ווירדיג אין זיין אויסזעהן און אין זיין גאַנצען פאַרנעם. כאָטש ער איז געווען אַ צימליך יונגער בחור אויפ'ן דרייסיגסטען יאָהר, האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַן עלטערען. ער איז גייסטיג געווען עלטער ווי אַנדערע אין זיינע יאָהרען, ווייל ער איז געווען אַן ערנסטער, אַ געלאַסענער.
מאַרטאַ האָט צופיל אָפּשאַי געהאַט פאַר איהם. זי האָט מורא געהאַט

צו אַנטדעקען פאַר איהם דעם סוד. זי האָט חתונה געהאַט, ניט דורכפיהרענ־דיג איהר באַשלוס, איהר שבועה — אויסצוזאָגען איהם איהר סוד. און וואָס אַ טאָג, אַ וואָך, אַ מאָנאַט עס איז אַריבער נאָך איהר חתונה, האָט עס מעהר געפּרעסט איהר נאַאיווע פאַרוואונדעטע נשמה, ניט געגעבען איהר קיין רוה.

5.

אָט יענע בילד, ווען מאַרטאַ האָט אַריינגעקוקט און געפאָרשט אין בלענטש'עס אויגען, וועלכע זיינען געווען צושראָקען פון חרטה, וואָס זי האָט אויסגעזאָגט, זעהט מאַרטאַ אין דער גאַנצער אָטעם־פאַרכאַפּענדער שווידערליכקייט איצט, ווען זי איז אַ פאַרהייראַטע פרוי, פאַרהייראַט גליק־ליך צו אַלבערט וואַלפּסאָן, דעם האַי־סקול טיטשער.

מאַרטאַ האָט זיך ניט געדאַרפט דערמאָנען אָן דעם. די גאַנצע דראַמאַ־טישע בילד, פון וועלכער זי האָט באַקומען דעם ערשטען שרעקליכען קלאַפּ, וואָס זי האָט ווען עס איז געקראָגען איבער איהר קאָפּ, איז כסדר געווען דייטליך, קיינמאָל ניט פאַרשוואונדען פון איהר פאַרשטעלונגס־קראַפט דורך די גאַנצע עלף יאָהר. אַזוי איז עס געווען ביז דעם איצטיגען מאָמענט, ווען זי שטרענגט אָן אַלע איהרע קרעפטען צו אַנטפּלעקען איהר סוד פאַר אַלבערט'ן.

אָט היינט דוקא האָט זי פּלוצלונג דערפיהלט, אַז עס איז איהר צו שווער צו טראָגען עס אַליין אין זיך, אונמעגליך איינצוהאַלטען אין איהר האַרצען.

6.

עס איז געווען אָוונט. אַלבערט וואַלפּסאָן איז געזעסען אין דער לי־ווינג־רום פון דעם דריי רומיגען ניי־מעבלירטען אַפּאַרטמענט. אַ צענומע־נע צייטונג און אַ פּאָר מאָגאַטליכע זשורנאַלען זיינען געווען צעוואָרפען אַרום איהם אויף דער זאָפע, אויף וועלכער ער איז געזעסען.

מאַרטאַ איז צוגעקומען צו איהם, צוגעזעצט זיך אויף אַ נידעריגען ווייכען בענקעלע לעבען דער זאָפע, אָנגעשפּאַרט אָן זיינער אַ קני, און ער האָט איהר גענומען פאַר'ן האַנט.

— אַלבערט, — האָט מאַרטאַ געזאָגט און איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— יעס, טייערע, — האָט ער געענטפערט, ניט אָפּקערענדיג זיך פון דער צייטונג, נאָר אַ דריק טוענדיג איהר האַנט אין זיינער.

— אַלבערט, — האָט זי ווידער אויסגערופען.

— יע־עס, מיין טייערע, — האָט ער שוין שטאַרקער באַטאָנט, און האָט אויפגעהויבען זיינע בליקען צו איהר.

זי האָט איינגעגראָבען איהר פּנים אין איהם און שטיל געוויינט.

ער האָט מיטביידע הענט אויפגעהויבען איהר קאָפּ, אריינגעקוקט אין איהר פאַרוויינטען פּנים און צוגעמאַכטע אויגען און געפרעגט פּאַטערליך:

— וואָס האָט פּאַסירט? זאָג מיר.

מאַרטאַ, בלייבענדיג זיצען אויף איהר אָרט, האָט זיך אויסגעגליכען, צוגעטאָן איהר טיכעלע צו די אויגען, אויסגעטונקט די טרערען, און ווי פּאַר אַ טיטשער אָנגעהויבען איהר „האַרד לאַק סטאָרי", דערצעהלען וועגען דעם שלים־מזל, וואָס איהר האָט געטראָפען.

— איך האָב דיר צו דערצעהלען עפּעס.

— אָ, איך וועל זיך צוהערען מיט פאַרגעניגען! — האָט אַלבערט מונטער אויסגערופען און איהר אַרומגענומען.

זי האָט פאַרזיכטיג אַרונטערגענומען זיינע הענט פון זיך. איהר פּנים און איהר גאַנצער האַלטען זיך איז געווען שטייף.

— אַזוי ערנסט איז דאָס? — האָט דער מאַן געזאָגט האַלב אין שפּאַס און האַלב צושראָקען.

— עס איז ערנסט, אַלבערט, — האָט מאַרטאַ געענטפערט. און אַרונ־טערלאָזענדיג די אויגען האָט זי פאָרטגעזעצט — איך האָב עס דיר שוין לאַנג געדאַרפט דערצעהלען. איך האָב עס דיר געוואָלט דערצעהלען איידער מיר האָבען חתונה געהאַט.

זי האָט ביי דעם מאָמענט דערפיהלט ווי אַלבערט׳ס קערפּער לעבען איהר האָט אַ ציטער געטאָן, און זי האָט צו דער זעלבער צייט דערפיהלט, אַז זי האָט שלעכט אָנגעפאַנגען. אַז זי האָט צוגעפיהרט צו עפּעס אַ געפעהר־ליכער מיספאַרשטענדניש. זי האָט אין דעם אויגענבליק אַ קוק געטאָן אויף אַלבערט׳ן און זי האָט שנעל געזאָגט:

— מיין פאָטער און מוטער זיינען ניט מיינע אמת׳ע עלטערען. — די מוטער מיינע איז מיין טאַנטע קלאַראַ, מיין אמת׳ער מוטער׳ס אַ שוועסטער. איך האָב עס ניט געוואוסט ביז —

— וועל, — האָט אַלבערט מוטיג איהר איבערגעשלאָגען — איז וואָס איז דאָ די טראַגעדיע וועגען דעם?

פון זיין באַרוהיגען זיך האָט זי זיך אַביסעל באַרוהיגט און זי האָט גע־קענט צוזאַמענעמען איהרע קרעפטען און זאָגען:

— דאָס איז ניט אַלץ, אַלבערט. ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָהר, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך בין געבאָרען געוואָרען אַלס אַן

אומגעזעצליך קינד, און מיין טאַנטע, מיין איצטיגע מאַמע, האָט מיך צוגע־נומען אַלס איהר קינד.

— וואָרט אַ ווײַלע, וואָרט אַ ווײַלע — האָט אַלבערט געזוכט צו פאַר־שטעהן וואָס זי האָט איהם דאָ געזאָגט. אָבער אין מאַרטאַ'ן, וועלכע האָט זיך פאַרנומען דערצעהלען אַ לאַנגע דראַמאַטישע געשיכטע, האָט אויפגע־לעבט די היסטעריקע פון פאַר דרייצעהן יאָהרען. זי האָט ווידערהאָלט יענע סצענע מיט בלענטש'ען, און זי האָט האַרצרייסענד געכליפּעט.

אין דעם הייסען מאָמענט האָט מאַרטאַ'ן שוין ניט געאַרט וואָס אַלבערט וועט זאָגען, ווי אַזוי די נייעס וועט ווירקען אויף איהם. זי האָט געוויינט אויף איהר אייגענער טראַגעדיע, אויף איהר צובראָכענעם געמיט, וואָס עס קען שוין ניט גאַנץ ווערען, ווי פיין איהר מאַן זאָל ניט האַנדלען. נאָר זי אַליין האָט איהר אינטערעסירט, זיך אַליין האָט זי באַקלאָגט, וואָס זי איז ניט ווי אַלע, וואָס זי איז עפּעס אַן אָראָפּגעריסענער צווייג אָהן אַ בוים, אָהן אַ שטאַם.

— אַ, באַרוהיג זיך, — האָט אַלבערט זיך געבעטען, האַלטענדיג איהר אין זיינע אָרעמס. — מאַך ניט אַזאַ גרויסע דראַמע פון דעם.

— עס איז אַ דראַמע — איז מאַרטאַ באַשטאַנען — ס'איז אַ גרויסע טראַגעדיע.

— וועל, — האָט אַלבערט גענומען רעדען געלאַסען נאָכדעם ווי ער האָט די זאַך שוין אַביסעל פאַרשטאַנען — עס איז אַ טראַגעדיע, ווען מען האַלט עס פאַר אַ טראַגעדיע, אָבער אַז מען באַטראַכט עס ניט אויף אַ שמאָל־זיניגען שטייגער, איז עס גאָר ניט קיין טראַגעדיע.

— דו פאַרשטעהסט גאָר ניט וואָס איך פיהל ? — האָט זי שוין ווי גענומען טשעפּען זיך צו איהם.

— יע, דאָס פאַרשטעה איך, — האָט ער איהר געענטפערט מיט פיל מיטלייד — אָבער די טראַגעדיע איז געווען אַמאָל, ניט איצט.

ער האָט איהר צוגעקלאַפּט מיט זיין האַנט איבער איהר פּלייצע, ווי זי איז געלעגען אָנגעשפּאַרט אויף איהם, און זי האָט זיך מעהר איינגענורעט אין איהם און גאָרניט געזאָגט. זי האָט מעהר גאָהניט געוואָלט רעדען. דאָס שווערסטע איז זי איבערגעקומען.

פאַר מאַרטאַ'ן, וועלכע איז געווען צו יונג און אָהן ברייטע, נייע האָרי־זאָנטען אין לעבען, עס הייסט, אָרטאָדאָקסיש אין ערציהונג און ערפאַהרונג, איז ניט אין גאַנצען קלאָר געווען פאַרוואָס אַלבערט נעמט עס אַזוי לייכט. עס אַרט איהם ניט. יאָ, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער נעמט עס לייכט, ווייל

ער האָט איהר ליב. אָבער זי האָט געטראַכט, אַז שפּעטער, דורך דעם פאַר־הייראַטען לעבען, וועט ער עס איהר אויפוואַרפען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זי געווישט די אויגען, געקלעפּט זיך און געטוליעט זיך צו אַלבערט׳ן ווי אַ צושראָקענע קינד, און ער צו איהר איז געווען אויסערגעוועהנליך צערטליך, געפרעגט איהר יעדע ווילע צי זי פיהלט שוין בעסער.

אויף מאָרגען אין דער פריה, אַזוי ווי זיי זיינען ביידע געווען גוט געשטימט, האָט זי ביים ברעקפעסט איהם גענומען דערצעהלען איניגע צוזאַמענהאַנגען פון איהר געשיכטע, וואָס זי האָט געהאַלטען פאַר וויכטיג ער זאָל וויסען און דאַן וועט זי, הייסט עס, מעהר ניט רעדען, „שליסען די קעיס".

— דאַרלינג, — האָט ער אויסגערופען — לאָז עס געהן. וואָס דאַרפען מיר ביידע זיך פאַרנעמען מיט אַ טראָבעל, וואָס באַלאַנגט ניט צו אונז און אין וועלכען מיר ביידע זיינען ניט שולדיג?

ווען זי האָט איהם אויסגעשליפט דעם „בעקטאַי", פאַר זיין אַוועקגעהן, האָט זי מיט שטילע ווערטער כמעט שפּאַסיג געפרעגט:

— וואָס וואָלט געווען ווען איך דערצעהל דיר דאָס אַלעס איידער מיר האָבען חתונה געהאַט? — און זי האָט דערביי זיך אַ הויב געטאָן צו איהם אויף איהרע ציפקעס.

ער האָט געלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געענטפערט:

— ווען דו ביזט מיר געפעלען געוואָרען, האָב איך ניט געזוכט דעם „טרעיד לעיבעל" פון דיין אַנגענעמען געשטאַלט.

זי איז געווען זעהר גליקליך.

ווען ער איז געשטאַנען שוין ביים טיר צו געהן צו זיינע פליכטען אין דער האַי־סקול, האָט ער צו איהר געזאָגט אין ערנסט און שפּאַס:

— עס איז אָבער זעהר גוט וואָס דו האָסט וועגען דעם ניט גערעדט פאַר דער חתונה, ווייל איך וואָלט געהאַט אַ סך טראָבעל מיט מיין מאַמען. זיי זיינען „אָלד פעשאָנד, דהי אָלד פיפּעל" (אַלטמאָדיש, די עלטערן). רייד מעהר ניט, דערצעהל קיינעם ניט, פאַרגעס וועגען דעם.

***

אַ גאַנצען טאָג האָט אַלבערט וואַלפּסאָן געטראַכט וועגען זיין פרוי און איהר געהיימניס. אויף אַ מאָמענט איז איהם עפּעס אומעטיג געוואָרען אויפ׳ן האַרצען, און אַט האָט ער דערזעהן ליכט, דערפיהלט אַ טרייסט. אָבער פון דעם טראַכטען איז איהם קלערער געוואָרען איהר טראַגעדיע. וואָס קלערער

איהם איז געוואָרען איהר טראַגעדיע, אַלץ מעהר צוטרויען האָט ער געקראָגען צו איהר, אַלץ מעהר מיטליד האָט ער דערפיהלט צו איהר. ער האָט געקראָגען אַ פאַרלאַנג איהר צו העלפען. ער האָט זיך דערטראַכט, אַז אויסטשוכען איהר פון דעם איז אונמעגליך, ווייל דאָס מוז איהר פרעסען דעם גאַנצען לעבען. דער איינציגער מיטעל, האָט ער באַשטימט, איז גאָרניט צו דערמאָנען און ניט לאָזען איהר רעדען וועגען דעם.

אָבער ווען וואָלפסאָן איז געווען אויפ׳ן וועג אַהיים, איז איהם פלוצלונג עפּעס אַזוינס קלאָר געוואָרען וועגען מאַרטאַ׳ן און וועגען איהר דראַמע, וואָס האָט איהם באַוועגט דוקא צו דערמאָנען איהר, צו רעדען מיט איהר, און טאַקע היינט.

***

נאָך סאַפּער האָט מאַרטאַ געוואָלט געהן אין די מואווים. זי האָט שוין פון אין דער פריה אָן, נאָך דעם זעהר אַנגענעמען פריהמאָרגען, באַשטימט צו „סעלעברעיטען" מיט זעהן אַ מואווי אין דעם שעהנעם נעיבאָרהוד טעאַטערעל.

אַלבערט האָט איהר אָפּגעהאַלטען און געזאָגט:

— קום אַהער, מאַרטאַ, זיץ. מיר וועלען געהן אַ ווײַלע שפּעטער זעהן די מואווי.

מאַרטאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג שטול, אויף אַ ווײַלע, אָבער אַלבערט האָט איהר אָנגענומען פאַר ביידע אַקסלען, צוגעפיהרט צו דער זאָפע און געזאָגט:

— אָט דאָ, מאַרטאַ, אָט דו זיץ, פונקט ווי נעכטען.

זי האָט איהם מאָדנע אָנגעקוקט, ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען. אָבער געזעהן האָט זי אַז אַלבערט איז אין זעהר אַ רוהיגען און צופרידענעם געמיט.

— לוק היר, מאַרטאַ, — האָט ער אָנגעפאַנגען אין אַ טאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו זיין קלאַס אין האַי־סקול — איך האָב אַ גאַנצען טאָג געטראַכט וועגען דעם וואָס דו האָסט מיר נעכטען געזאָגט.

— דיד יו? — האָט מאַרטאַ אונטערגעכאַפּט.

— יע, איך האָב געטראַכט וועגען דיין „האַרד לאַק סטאָרי". איך האָב עס פאַרדייעט אין מיין מוח און איך האָב דיר עפּעס וויכטיגעס צו זאָגען וועגען דעם.

— ווירקליך? — האָט מאַרטאַ אַרויסגערעדט מיט גרויס צופריעדענהייט. זי האָט דערפיהלט, אַז אַ געטרייער ברודער דאַרף איהר דאָ עפּעס

זאָגען, און דער פאַקט, אַז דער געטרייער ברודער איז אַלבערט, האָט איהר אַנגעפילט מיט גליק.

— עס איז ניטאָ קיין צווייפעל אין דעם, אַז דו ליידסט, אַז דו פיהלסט דאָס דו ביזט אַ טראַגעדיע — האָט אַלבערט אַנגעפאַנגען — אָבער דאָס איז נאָר דערפאַר וואָס דו ביזט וועגען דעם זעהר עגאָאיסטיש, שרעקליך עגאָ־איסטיש.

— איך? — האָט איהם מאַרטאַ איבערגעשלאָגען.

ניט ענטפערענדיג איהר דירעקט אויף איהר פראַגע, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דו וויינסט, באַקלאָגסט זיך. דו פאָדערסט רחמנות, אָבער דו ביזט ניט דער אמת׳ער קרבן פון דער טראַגעדיע. אַן אַנדער פרוי איז דער קרבן און דו טראַכסט נאָר וועגען זיך.

— וועלכע פרוי איז דער קרבן? — האָט מאַרטאַ געפרעגט, און גלייך איז זי געוואָרען אַביסעל צוטומעלט און זי האָט אויסגעשטעלט אַ פאָר גרויסע אויגען אויף אַלבערט׳ן.

— יעס, — האָט אַלבערט אַנגעוויזען מיט זיין פינגער מאַרטאַ׳ן אין פנים אַריין — דיין מוטער, דיין אַמאָליגע מוטער, וואָס האָט דיך געבאָרען. איך בין צופרידען וואָס דו האָסט גלייך פאַרשטאַנען וועמען איך מיין.

מאַרטאַ האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ, אַנגעהאַלטען זיך אָן אַל־בערט׳ן און ער האָט פאַרטגעזעצט שוין געלאַסען, לאַנגזאַם, באַטאָנענדיג יעדען וואָרט ווי ביים געבען אַ לעסאָן:

— אין דער גאַנצער „אַפער״ האָסטו גאָר ניט געליטען. דו האָסט געהאַט אַ גוטע היים, אַ טאַטען און אַ מאַמע, וואָס האָבען איבער דיר גע־ציטערט, דיר געגעבען אַן ערציהונג, חתונה געמאַכט דיר. ווער עס איז שרעקליך באַשטראָפט און פאַרפאָלגט געוואָרען איז יענע פרוי, דיין מאַמע. ווען זי איז געווען אַזוי יונג ווי דו, האָט די גאַנצע געזעלשאַפט איהר פאַר־פאָלגט דערפאַר, ווייל אַ מאַן האָט איהר אָפּגענאַרט. זי איז וואַרשיינליך דערפאַר אַזוי יונג געשטאָרבען. זי האָט ניט געהאַט קיין גליק אין לעבען ווי דו. איז פאַרוואָס נעמסטו זיך דעם קרעדיט פון די אַלע ליידען איהרע? וואָס איז מיט דיר דאָ דער רחמנות?

מאַרטאַ איז געזעסען אַ צונומענע. זי האָט ווירקליך ערשט איצט גע־נומען טראַכטען וועגען יענער פרוי, וואָס איז געווען איהר מאַמע. און ווען זי האָט איהר פאַרגליכען מיט זיך איצט אַלס אַ יונגע ווייבעל, האָט איהר דאָס האַרץ גענומען אויסגעהן פאַר יענער.

— איך זעה איצט גאָר אַן אַנדער בילד — האָט מאַרטאַ געזאָגט, ארומכאַפּענדיג אַלבערט׳ס האַלז מיט איהרעביידע הענט.

— נו, קום אין די מואוויס — האָט אַלבערט געזאָגט.

— ניין, — האָט זי געזאָגט מיט געבעט — לאָמיר דאָ זיצען. רייד צו מיר.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט מיט אַ באַפעהל :

— קום, מאַרטאַ, איצט דאַרפען מיר געהן אין די מואוויס. מיר וועלען נאָך רעדען.

אויפ׳ן וועג צום מואווי טעאַטערעל, האָט מאַרטאַ געוואָלט פאַרענט־פערען זיך, ערקלערען פאַרוואָס זי האָט געהאָט בלויז זיך אַליין אין זינען. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, ווי אַזוי צו שילדערען איהרע שרע־קען אַלס דרייצעהן יאָהריגע קינד דאַן, ווען זי האָט פון איהר געשיכטע זיך דערוואוסט.

— יעס, איך בין געווען עגאָאיסטיש, אָבער דאָס איז צוליב דיר — האָט זי געזאָגט.

— צוליב מיר ?

— איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט עס אַנדערש פאַרשטעהן.

— האָסטו מיר געהאַלטען פאַר אַזאַ טעמפּען מענשען ?

— נאַטירליך ניט, — האָט מאַרטאַ אויסגערופען.

— זאָג נאָר, מאַרטאַ, — האָט אַלבערט זיך אָפּגערופען אָפּגעהענדיג עטליכע טריט — דו צינדסט אָן אַ יאָהרצייט ליכט אין דעם טאָג ווען דיין מאַמע איז געשטאָרבען ?

מאַרטאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך געכאַפּט ביים האַרצען, און האָט פאַרשולדיגט געענטפערט :

— איך האָב גאָרניט געוואוסט, ניט געטראַכט קיינמאָל וועגען דעם.

— דו האָסט דאָך זיך ערצויגען אין אַן אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע. אַזוי שנעל ווי דו האָסט זיך דערוואוסט, האָסטו מיט עפּעס געדאַרפט דער־מאָנען דיין מוטער.

— איך דענק, אַז דו ביזט גערעכט. איך וועל עס טאָן.

— דו ווייסט דעם מעמאָריעל טאָג פון דיין מוטער ?

— איך וועל פרעגען מאַמען — האָט מאַרטאַ געענטפערט.

— טו דאָס, מאַרטאַ, — האָט אַלבערט, אַליין פאַרטיפענדיג זיך אין דער דראַמע, גענומען רעדען ווי אַ גייסטליכער — דו דאַרפסט טראַכטען וועגען דיין מוטער, וועסטו זיך פיהלען בעסער, דו וועסט וויסען ווי אויס־צונוצען דאָס וואָס דו לעבסט אין אַ מעהר פריינדליכער וועלט.

אַזוי איז עס געווען. מאַרטאַ האָט אויסגעפונען דעם יאָהרצייט פון איהר מוטער. דעם אַכצעהנטען אין חודש ניסן, וואָס קומט אויס פסח, ווי עס איז געווען פאַרשריבען ביים אַלטען אָנקעל אַייק ראַבינאָוויץ אויף אַ ספר, האָט זי אָנגעצונדען אַ יאָהרצייט גלאָז. שפּעט ביינאַכט, ווען די עלעקטריק איז געווען אויסגעלאָשען צום שלאָפען געהן, האָט דער שוואַכער פלעמעל מיט זיין צאַנקענדען שיין באַלויכטען מיט אַן אומעט דעם גאַנצען אַפּאַרטמענט. דער פלעמעל האָט געטוקט איבער די ווענט און געצופּט מאַרטאַ׳ס האַרץ פאַר יענער דאָרט, פאַר ווענען די געהיימניספולע ליכט ברענט.

מאַרטאַ האָט דאַן דייטליך געזעהן און געפיהלט יענע שוין לאַנג־אויסגעגאַנגענע נשמה. זי האָט זיך געפיהלט אַזוי נאָהענט, אַזוי נאָהענט צו יענער פרוי, וואָס האָט איהר געבאָרען.

אין אַ פאָר יאָהר אַרום האָט מאַרטאַ געבאָרען אַ מיידעלע. מען האָט דער מיידעלע אַ נאָמען געגעבען סאָפיע.

און די וועלט ביי דער יונגער וואָלפסאָן פאַמיליע איז אַוועק איהר אַייביגען גאַנג.

זי איז געבליבען אַן אלמנה

חיים יאַעלסאָן איז טאַקע געשטאָרבען. ער איז קראַנק געווען איבער אַ יאָהר צייט און איז אַוועק פון דער וועלט, איבערלאָזענדיג זיין פרוי שרה־אסתר מיט דריי קינדער.

די שכנים פון דעם גאַנצען בלאָק האָבען געוויינט און געקלאָגט אויף דעם אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיסטער יאַעלסאָן, און אויף דער טראַגעדיע פון מיסעס יאַעלסאָן, וואָס זי איז געבליבען אַן אַלמנה. סטייטש, סטייטש, ס'איז דאָך ביי זיי געווען אַזאַ געטרייער לעבען. זי וועט עס ניט אויסהאַלטען, די אַלמנה, נעבעך. היינט וואָס וועט זי עס איצט טאָן? יעדען סענט, וואָס די יאַעלסאָנ'ס האָבען געהאַט, האָט מען פאַרקרענקט. פון וואַנען וועט זי און די קינדער מאַכען אַ לעבען? דאָס עלטסטע קינד, אַ אינגעל, איז נאָך קיין זעכצעהן יאָהר ניט אַלט. די אַנדערע צוויי זיינען נאָך קליינע קינדער. דאָס אינגסטע קינד איז ערשט צוויי יאָהר אַלט, און די אַלמנה וועט אַפילו ניט קענען געהן אַרבייטען.

אַלע שכנים זיינען געווען אויסער זיך פון רחמנות, פון האַרצוועהטאָג. אַלע אין גאַס, איבערהויפּט די אַלטע שכנים, האָבען גוט געקענט די יאַעלסאָנ'ס, ווייל די פאַמיליע האָט אָפּגעוואוינט אין דעם זעלבען בלאָק, טאַקע אין די זעלבע רומס, איבער צוועלף יאָהר. יעדען איז באַקאַנט געווען דער געטרייער און שטילער לעבען פון מיסטער און מיסעס יאַעלסאָן, און יעדערער האָט געגוי געוואוסט וועגען דער שרעקליכער לאַגע אין וועלכער די אַלמנה און די יתומים זיינען פאַרבליבען. און די שכנים האָבען פונקט אַזוי פיל טרערען פאַרגאָסען און אַזוי פיל געטרויערט נאָך מיסטער יאַעלסאָן, ווי די אַלמנה אַליין.

און פון בלאָק איז גלייך געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל עפּעס טאָן פאַר דער אַלמנה מיט די יתומים. צוערשט האָט מען צוזאַמענגעטראָגען אין הויז פון אַלדאָס גוטס פון עסענוואַרג. מען האָט צוזאַמענגעמאַכט אויף רענט, אַריינגעטראָגען דאָס רענט שטילערהייט צום לענדלאָרד, און געהייסען איהם מאַכען אַ שוויג. זי זאָל כאָטש ניט וויסען, די אַלמנה, אַז מען האָט פאַר איהר געקליבען נדבות. זי וועט עס ניט אויסהאַלטען; זי איז דאָך געוואוינט געווען צו אַזאַ פיינעם און אַנשטענדיגען לעבען.

דאָן האָט מען געקראָגען אַ דזשאָב פאַר דעם עלטסטען קינד, פאַר סידני׳ן, — אַ דזשאָב פאַר צעהן דאָלאַר אַ וואָך.

די שכנ׳טעס זיינען שטענדיג געווען ביי דער אַלמנה אין הויז, געטרייסט איהר, ניט געלאָזען איהר צופיל טרויערען. און זי, די אַלמנה, שרה־אסתר יאָעלסאָן, האָט אַלעמען געדאַנקט פאַר זייער גוטסקייט, פאַר זייער מיטגעפיהל, און דערביי פאַרגאָסען טייכען טרערען.

די ערשטע פאַר טעג פון שבעה האָט זי באַשלאָסען, אַז זי מופט גלייך אַרויס פון די רומס. זי האָט געפיהלט, אַז אין דער דירה, וואו יעדער ווינקעלע דערמאָנט אָן איהר מאַן, וועט זי ניט קענען פאַרבלייבען. איהר שוועסטער האָט שוין טאַקע אָנגעקוקט רומס פאַר איהר. אָבער אַז אַלע שכנים האָבען אַרויסגעוויזען אַזוי פיל איבערגעבענהייט פאַר איהר, געזאָרגט זיך פאַר איהר און פאַר די קינדער, היינט וואו־זשע וועט זי אַוועקמופען צווישען פרעמדע מענשען? איז זי פאַרבליבען אין דער זעלבער דירה.

אָבער עס איז ניט אַוועק קיין יאָהר, און שרה־אסתר יאָעלסאָן האָט איינגעזעהן, אַז זי מוז טאַקע אַוועקמופען ניט נאָר פון די רומס, נאָר טאַקע פון דעם גאַנצען געגענד.

דער באַשלוס אַוועקצומופען איז געקומען שוין ניט צוליב דעם, וואָס יאָעלסאָן איז דאָ געשטאָרבען, נאָר צוליב דעם, וואָס די געטרייע, מיטפיהלענדע שכנים רינגלען איהר אַרום מיט אַזוי פיל וואַרימקייט.

די נעקסטדאָריגעס האָבען כסדר אָנגעהאַלטען דעם טיפען רחמנות׳דיגען מיטגעפיהל צו דער אַלמנה, האָבען כסדר איהר באַגעגענט מיט פּנים׳ער פול מיט צער, און זי, שרה־אסתר, האָט דאָך געמוזט אָנהאַלטען דעם וועהטאָגדיגען אויסזעהן. ווי פאַסט עס, אַז זי זאָל אַמאָל אַ שמייכעל טאָן, אין דער צייט ווען אַלע האָבען אויף איהר רחמנות און ערוואַרטען צו זעהן איהר אין אַ טרויעריגען געמיט?

שרה־אסתר יאָעלסאָן האָט אָבער געוואָלט צושטרייען זיך, געוואָלט געהן אין אַ מואווי, געוואָלט אַמאָל איינלאַדען געסט צו זיך, הערען אַ פרעהליכען וואָרט. זי האָט געוואָלט הויך אַ לאַך טאָן פון אַ חכמה׳לע פון איהר דריי־יאָהריגער בעיבעלע און פון איהר אַכט־יאָהריגער סקול־מיידעלע. זי האָט געוואָלט אַמאָל צוזינגען זיך ביים פאַרוויגען די בעיבי. זי איז דאָך אַ לעבעדיגער מענש. זי האָט עס אָבער ניט געקענט. די שכנים, די געטרייע נעקסטדאָריגעס, וועלכע האָבען געוואוסט איהר טרויעריגע לאַגע, איהר אַמאָליגען גוטען לעבען מיט׳ן מאַן, עליו השלום, האָבען ערוואַרטעט פון איהר זי זאָל זיין ווי אַ באַגראָבענע. זיי האָבען כסדר געוואָלט רחמנות האָ־

בען אויף איהר, און זי האָט געמוזט דאַנקבאַר זיין דערמיט וואָס זי האָט זיך געדאַרפט סטאַרען צו פאַרדינען דעם רחמנות.

און מיסעס יאַעלסאָן האָט זיך אַרויסגעקליבען פון איהר אַלטער דירה, אַוועק אין אַ וויטען געגענד, צווישען נייע מענשען. דאָרטען, אין דעם נייעם געגענד, האָט זי איהרע וואונדען געהאַלטען טיף באַהאַלטען אין האַרצען און אויסערליך איז זי געווען פריי צו זיין ווי אַלע לעבעדיגע מענשען.

אין דעם נייעם געגענד האָט זיך אָבער איהר לאַגע צו ראַשיג געביטען. דאָרטען, אויף דעם בלאָק פון די אַלטע רומס, האָט איהר נאָמען, די אַלמנה, אַרויסגערופען טרויער, וועהטאָג, רחמנות. אין דעם נייעם געגענד, וואו זי איז געקומען שוין אַ פאַרטיגע אַלמנה, האָט איהר טיטול אַרויסגערופען חשד, אייפערזוכט און הומאָר. שרה־אסתר יאַעלסאָן האָט פלוצלונג דער־פיהלט עפּעס אַ נייעם סאָרט ראָלע פון אַן אַלמנה. אַלערליי חכמות און ווי־צען האָבען די נייע שכנים גענומען זאָגען וועגען איהר, און וועגען יעדען מאַן וואָס האָט צו איהר גערעדט. פרויען האָבען גענומען היטען זייערע מענער, ווי דאָ וואָלט אַריינגעמופט עפּעס אַ באַריהמטע סוברעטין.

פון אָנפאַנג האָט מיסעס יאַעלסאָן ניט פאַרשטאַנען, אַז זי איז די אורזאַך וואָס מיסעס קאַפּלאַן קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער און רופט איהר מאַן אין שטוב אַריין. זי האָט אויך אויף גאָרניט פאַרקלערט, ווען די נעקסטדאָריגע מיסעס שולמאַן האָט איינמאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר און געפרעגט צי זי האָט ניט געזעהן מיסטער שולמאַנ'ען.

— ניין, — האָט די אַלמנה נאַאיוו געענטפערט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל — איך האָב מיסטער שולמאַנ'ען ניט געזעהן.

אַ צווייטען מאָל האָט די נעקסטדאָריקע אָנגעקלאַפּט אין טיר און גע־פרעגט:

— איהר האָט ניט געזעהן דאָ מיין מאַן? — און זי האָט עפּעס פאַר־דעכטיג געקוקט מיט שפּירענדע אויגען.

— אייער מאַן? — האָט מיסעס יאַעלסאָן געפרעגט צושראָקען.

— מיר האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז ער איז אַריין צו אייך.

— צו מיר?

און די נעקסטדאָריגע איז אַוועק אָהן אַן ענטפער.

דאַן האָט שוין מיסעס יאַעלסאָן חושד געווען, אַז איהר נעקסטדאָריגע איז אַ מאָדנע פרוי, עפּעס אַ נערוועזע.

איינמאָל איז אַריינגעקומען צו איהר אַן אומבאַקאַנטע פרוי און גע־פרעגט מיסעס יאַעלסאָן צי זי האָט עס נעכטען איהר אינגעלע געגעבען אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער.

— יע, — האָט געענטפערט מיסעס יאָעלסאָן — נעכטען איז דאָ גע־
ווען דער לאָונדרי־מאַן און ער האָט מיט איהם אויפ׳ן וואָגען געהאַט זיין
אינגעלע. דער אינגעלע איז געווען הונגעריג, האָט דער לאָונדרי־מאַן גע־
בעטען אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער פאַר איהם.

— נו, איצטער ווייס איך שוין, — האָט די פרוי געזאָגט, פאַרדרע־
הענדיג איהר נאָז.

— וואָס ווייסט איהר?

— גאָרניט, — האָט געענטפערט די פרוי בייז — איך בעט אייך ניט
געבען מיין קינד עסען און האָט ווייניגער געשעפטען מיט מיין מאַן.

— איך פאַרשטעה ניט וואָס איהר ווילט פון מיר, — האָט מיסעס
יאָעלסאָן גענומען טענה׳ן.

די פרוי איז אַוועק, און אין האַל האָט זי הויך געשריען:

— אָט דאָס איז די אַלמנה, פון וועלכער ער דערצעהלט עס מיר אַלע
מאָל! איצטער ווייס איך.

מיסעס יאָעלסאָן האָט אַזוי אַרום גענומען באַמערקען און פאַרשטעהן
וואָס אַרום איהר טוט זיך. זי האָט פאַרשטאַנען די שפּאַסיגע זייט פון צו
פאַרבלייבען אַן אַלמנה. זי האָט שוין קלאָר דערזעהן, אַז אַלע שכנ׳טעס
היטען זיך פאַר איהר, אַז זיי זיינען אין שרעק, וואָס אַן אַלמנה האָט אַריינ־
געמופט צווישען זיי.

אַן אַלמנה איז זי — אַ פרוי, וואָס האָט ניט קיין „פּאַליסמאַן” וואָס
גיט אויף איהר אַכטונג; אַ בריאה, וואָס איז צו קיינעם ניט צוגעשמידט.

ווי ביטער דער מיסעס יאָעלסאָן איז ניט געווען אויפ׳ן הארצען פון
איהר טראַגי־קאָמישער לאַגע, האָט זיך איהר דאָך געוואָלט לאַכען. עפּעס
אַ לוסטיגער געלעכטער האָט געשלאָגען פון די טיפענישען פון איהר פאַר־
יאָמערטער האַרץ.

עס האָט איהר פאַרדראָסען, און עס האָט איהר הנאה געטאָן. עס האָט
איהר מעהר הנאה געטאָן ווי פאַרדראָסען. נאָך די אַלע טרויעריגע טעג,
נאָך אַלע שרעקליכע איבערלעבונגען פון בלייבען אַן אַלמנה, פון דערזעהן
איהר אייגענעם סוף אין סאַמע מיטען פון איהר לעבען, האָבען אָט די
בלבולים, אָט די פאַרדאַכטען פון די ווייבער, איהר אויפגעמונטערט, ער־
וועקט אין איהר האָפענונג און גלויבען אין זיך אַליין.

— אוי, אַ געלעכטער, — האָט זי מיט זיך אַליין געשמועסט, און פון
ערגעץ טיף פון איהר פאַריאָמערטער האַרץ האָט אַ מאָדנע אַלט־באַקאַנטע
לעבענסלוסט געשפּראַצט. איהר איז אַליין גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען
צו טראַכטען פון אַזוינע זאַכען.

איינמאָל, אַ זונטאָג, האָט טאַקע דער נעקסטדאָריגער, מיסטער שול־מאַן, אָנגעקלאַפּט ביי מיסעס יאָעלסאָן אין טיר.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף אייך עפּעס זאָגען.

מיסעס יאָעלסאָן איז געבליבען שטעהן אַ צושראָקענע, און אינווענינג האָט זי דערפיהלט עפּעס אַ היץ, אַ פלאַמיגקייט.

— מיין פרוי איז אַודאי געווען ביי אייך, — האָט שולמאַן גערעדט.

— זי האָט געוויס גערעדט זאַכען וואָס מען דאַרף ניט. נעמט איהר ניט ערנסט. אַזאַ פרוי איז זי. איהר פאַרשטעהט?

ביידע, מיסעס יאָעלסאָן און מיסטער שולמאַן האָבען זיך אָנגעקוקט און זיך צולאַכט.

— ווערמען אַרט עס, — האָט מיסעס יאָעלסאָן געזאָגט און געלאַכט מיט פינקלענדע אויגען. דער נעקסטדאָריגער מיסטער שולמאַן האָט גע־ענטפערט מיט אַ געלעכטער און מיט אַ וואַרימען שמייכעל.

עס האָט זיך דערהערט טריט אונטען אין קאָרידאָר. שולמאַן האָט זיך שנעל אַריינגעכאַפּט צוריק צו זיך אין אַפּאַרטמענט. מיסעס יאָעלסאָן האָט אָנגעשפּיצט איהרע אויערען צום קאָרידאָר, געהערט מיסעס שולמאַנ׳ס טריט. זי האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר פון איהר דירה, געפיהלט אַן איב־טערעסאַנטע זודיגקייט אין איהרע גלידער און עס האָט זיך איהר אָפּגע־דוכט, אַז די נעקסטדאָריגע האָט איהר טאַקע נאָר־וואָס געכאַפּט ביי דער זינד, אין וועלכער זי איז איהר כסדר חושד.

זיין שטראָף

אַמאָל, גאָר אַמאָל, האָט מאָריס קעילין געהאַט אַ ליבע. ער איז דאַן געווען אַ יונגער בחור׳ל, כמעט נאָך אַ אינגעל, און יענע ערשטע ליבע האָט אויסגעבליכט און איז פאַרגאַנגען אין פאַרגעסענהייט ווי אַלע זיינע אינגלישע שפּילערייען, אויף וועלכע ער דערמאָנט זיך מיט שפּאַס.

איצט איז מאָריס קעילין אַלט פינף־און־פופציג יאָהר, און הינטער די עטליכע און דרייסיג פון זיינע רייפע יאָהרען ליגען אַלע פאַרגעסענע אויסגעבליכטע שפּאַסען פון זיין קינדהייט.

ער איז פאַרבליבען אַן אַלטער בחור, מיסטער קעילין. און פאַרבליבען אַן אַלטער בחור איז ער ניט צוליב אַן ענטוישונג, ניט צוליב קאַרגשאַפט און אויך ניט צוליב געוויסע אידעאַלען, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען דורכצופיהרען אין לעבען. סתם, זיינע טעג און יאָהרען זיינען איהם געגאַנגען אינטערעסאַנט און פול מיט פרייד אָהן חתונה צו האָבען, פונקט ווי דאָס קינדערשע שפּיל אין קנעפּלאַך איז פאַרנומען געוואָרען אין שפּילען אין קאָרטען; ווי דאָס אינגעלשע שפּיל אין סאָלדאַטלעך האָט פאַרנומען די שפּיל פון ביזנעס, ווי אַנשטאָט דער „חדר־געים״ — „שליסעלעך האָמער־לעך״, האָט ער געגומען שפּילען אין „פאָנדען״ (קיסינג געימס), אַזוי איז די חתן־כלה ליבע פון אַמאָל מיט מאָשקען פאַרנומען געוואָרען מיט פיל פאַרביגע תאוה׳דיגע ראָמאַנען מיט יונגע פרויען, וועלכע האָבען גערן געזוכט זיין פריינדשאַפט.

מאָריס קעילין איז געווען אַ שעהנער מאַן, פול מיט לעבענס־לוסט, וויציג, אַמוזירענד; ער האָט פאַרדינט אַ סך געלט, און ס׳איז איהם געגאַנגען גוט און וואויל.

אין די קרייזען, וואו קעילין האָט זיך געפונען, האָט ער געהאַט אַ נאָמען פון אַ לעבע־יונג, פון אַ ליבהאָבער, פון אַן ערפאָלגרייכען מאַן צווישען פרויען.

ער האָט ווירקליך געהאַט ערפאָלג אין ליבעס, און זיינע געליבטע זיינען געווען, נאַטירליך, פאַרהייראַטע, יונגע פרויען. וויל אין שידוכים איז ער קיינמאָל ניט געשטאַנען, און וועגען חתונה האָבען האָט ער ניט געטראַכט.

אין אַלע וועגען פון לעבען איז מיסטער קעילין געווען אַ העכסט מאָ־

ראַלישער מענש. זיין שותף אין ביזנעס איז איינער בלויז געווען אַלע יאָה־רען, און ס׳איז געווען צווישען זיי דער פולשטענדיקסטער צוטרויען און איבערגעבענהייט. צו זיינע אָרימע קרובים איז ער געווען ווי אַ געטרייער ברודער, ווי אַ הייסער פאָטער. געשטיצט יעדען מיט דער פולער האַנט. נאָר אין די וועגען פון ליבע איז קעילין געווען אַנדערש. ווי אַ ים־רויבער, וואָס האָט ניט קיין אייגענע שיף און כאַפּט זיך אַרויף אויף יעדער פרעמ־דער שיף, וואָס ס׳איז מעגליך צו באַרויבען, אַזוי האָט ער, פריי פון אַ פאַ־מיליע, זיך אַריינגעכאַפּט אין יעדענ׳ס פאַרהייראַטען לעבען, וואו ס׳האָט זיך געלאָזען צו פאַרפיהרען אַ ראָמאַן מיט אַ יונגער פרוי.

די יאָהרען זיינען געגאַנגען, געליבטע זיינען אַלט געוואָרען אין דעם שפּאַן פון זייערע פאַמיליען־לעבענס, און מאָריס קעילין האָט זיך צו נייע יונגע פאַמיליעס צוגעטוליעט, נייע יונגע פרויען פאַר געליבטע געהאַט.

דאָס איז געווען קעילינ׳ס לעבען פאַר אַ סך יאָהרען. אין די דאָזיגע יאָהרען פון תאוה׳דיגע גנבות פון לעבענס־פרייד איז איהם קיינמאָל ניט אַרויפגעקומען אויפ׳ן זינען, אַז די שפּיל וועט זיך ווען עס איז ענדיגען.

ער האָט ניט געקענט זעהן דעם סוף, ווייל נייע און נייע יונגע פרויען זיינען געקומען אויף דער סצענע פון זיין לעבען. גרוי און וואַכעדיג איז דאָס לעבען פון אַ סך פאַרהייראַטע יונגע פרויען און זיי זיינען גערן געווען צו געניסען פון קעילינ׳ס לוסטיגקייט, קעילינ׳ס אַטאָמאָביל, טעאַטער און טענץ.

יעדע פאַר יאָהר, ווען אַ געליבטע איז אַראָפּ פון דער סצענע — פון זאָרג, פון עלטער און פון פעטקייט, זיינען געקומען נייע ליכטיגע פיגורלעך, וועלכע האָבען צוגעטאַנצט צו איהם, צום אַמוזאַנטען אומפאַרהייראַטען מאָריס קעילין.

אַז ער אַליין וועט עלטער ווערען — וועגען דעם האָט ער ניט געטראַכט. און ניט אַזוי דאָס עלטער ווערען, נאָר אַז עפּעס אַ הילפלאָזיגקייט וועט קו־מען — דעם געדאַנק האָט ער ניט צוגעלאָזען צו זיך.

יע, זיין לייכטקייט, זיין בליצענדער בליק האָט גענומען אַרונטערזינ־קען אין אַ באַזאָרגטקייט. ווען ער איז אַריבער דעם עלטער פון פופציג יאָהר, האָט ער זיך גענומען צוריקציהען אין זיין אייגענעם ווינקעל. און זיין איי־גענער ווינקעל איז איהם געוואָרען אומעטיג. זיין בעטשלאָר אַפּאַרטמענט האָט שוין ניט געהאַט קיין ערוואַרטונגען, ווייל ערוואַרטונגען האָבען שוין קעילינען ניט גערייצט.

ער האָט זיך צוריקגעצויגען, גענומען צוהערען זיך צו זיין אומעט

וואָס האָט געוועיעט פון זיין האַרצן. און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער אַמאָליגער מאַשקען.

ער האָט זיך גענויטיגט אין איינער, אין איינער אַזאַ וואָס זאָל זיין בלויז זיינע, וואָס זאָל זיין בלויז מיט איהם, שטענדיג מיט איהם.

ער האָט געטראַכט וועגען דער אַמאָליגער מאַשקען, אָבער ניט אין דער מאַשקען פון פאַר דרייסיג יאָהרען האָט ער זיך גענויטיגט. דאָס וואָס מאַשקע האָט אין איהם אַמאָל, אַמאָל, אָנגעצונדען, האָבען שוין די אַלע ראָמאַנטישע יאָהרען פאַרברענט, פאַרצערט. איצט האָט ער געדאַרפט אַ דינסט און אַ פרוי, וואָס זאָל איהם ניט לאָזען צאַנקען און פאַרגעהן.

און מאָריס קעילין האָט זיך געשטעלט אין שידוכים.

ער איז געוועזן פאַרמעגליך. אויסערליך האָט ער נאָך אויסגעזעהן מונ־טער, לעבעדיג, און ער האָט חתונה געהאַט.

קעילין האָט ניט געוואָלט זיין קיין נאַר, און ער האָט ניט חתונה גע־האָט מיט קיין צו יונגער. ער האָט גענומען פלאָרא שיינבערג, אַ דרייסיג יאָהריגע אַלמנה אָהן קינדער.

פלאָרא שיינבערג איז געווען אַ חבר׳טע פון קעילינס לעצטער געליב־טע. איהם איז אָפט אויסגעקומען צו פאַרברענגען אין פלאָרא׳ס געזעלשאַפט ווען איהר מאַן האָט נאָך געלעבט. קעילין האָט דאַן אָנגעווענדעט אַלע זיינע מיטלען, אַלע זיינע קאַוואַליערסקע חנ׳דלעך צו פאַרפיהרען אַ ליבע מיט איהר, און זי האָט זיך ניט געלאָזען. איהם האָט זיך געהאַט אויסגעדוכט אַז פלאָרא באַזיצט אַלע סמנים פון אַריינלאָזען זיך אין אַ ליבע. ער האָט שוין געהאַט זיינע סמנים וועלכע פרוי עס וואַרט אויף זיין נאָהענטקייט, אָבער דוקא אין פלאָרא׳ן האָט ער אַ טעות געהאַט. זי האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזען אַריינצוציהען אין אַ ליבע מיט איהם.

— איהר וועט זעהן, — האָט ער צו איהר איינמאָל געזאָגט אין שפּאַס — איהר וועט זיך נאָך אין מיר פאַרליבען.

זי האָט זיך שטיפעריש צולאַכט, אַרויסגעשטעלט איהרע וואונדער־ליכע ווייסע צייהן און געזאָגט :

— קיין מאָל אין לעבען ניט, מיסטער קעילין.

איהר מאַן איז געשטאָרבען ; קעילינ׳ס ראָמאַנטישער יאַריד איז גע־שטאָרבען, און ער האָט קיין סך ניט געדאַרפט בעטען זיך ביי איהר חתונה צו האָבען מיט איהם. פלאָרא האָט איהם שוין פון לאַנג ליב געהאַט, ווען איהר מאַן האָט נאָך געלעבט. זי איז אָבער געווען אַן עהרליכע און איבער־געבענע צו שיינבערג׳ן, איהר מאַן. קעילינ׳ס הולטאַיסקער ערפּאָלג ביי פרויען האָט איהר געקרייצט, געצויגען איהר צו איהם, ניט דוקא דערפאַר

וואָס זי איז געווען אַן ערליכע, ניט קיין ערפּאַרענע, ווי זי האָט וועגן זיך אַליין געדענקט. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוט צו ווערן אויס ערליכע פרוי.

ווען זי האָט אין דער חתונה־נאַכט איהם אַריינגעשושקעט אין אויער:

— איך האָב דיך שוין פון לאַנג ליב געהאַט — איז ער געווען אין הימעלשען גליק.

* * *

ס'איז ניט אַריבער קיין יאָהר נאָך זייער חתונה און זיי האָבען ביידע גענומען אַרונטערנידערען פון אַלע זיבען הימלען פון גליק.

אין זייער צוקומען איינע צו די אַנדערע אַלס אַ פאַרהייראַטע פּאָר פּאָלק, האָבען זיי זיך ניט צוזאַמענגערעדט ווי עס באַדאַרף צו זיין. זיי האָבען זיך מיספאַרשטאַנען.

פלאָראַ האָט פריהער אָפּגעלעבט אייניגע יאָהר מיט שיינבערג'ן, מיט אַ שטילען מאַן, און אין איהר חתונה האָבען מיט דעם באַרימטען קאַוואַליער מאָריס קעילין האָט זי געזעהן די האָפענונג פון אַ שטורמישען נייעם לעבען, נאָך וועלכען איהר ערליכע האַרץ האָט שטילערהייט געבענקט. אַז עס האָט זיך איהר אַזוי געמאַכט אויף אַ כשר'ן אופן, האָט זי טאַקע ערוואַרטעט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, עפּעס אַזוינס, וואָס יונגע מיידלעך שמעלען זיך פאָר אין זייער פאַנטאַזיע.

קעילין, פאַרקערט, האָט געמיינט אויפצוגעבען זיין קאַוואַלערסקען לעבען, וואָס איז איהם שוין שווער געווען אַנצוהאַלטען. מיט זיינע לעצטע קרעפטען האָט ער די לעצטע פּאָר יאָהר זיך געסטאַרעט אַנצוהאַלטען דעם פאַסאָן פון אַ לעבע־יונג, און ווי ער האָט נאָר חתונה געהאַט, האָט ער רעזיגנירט. זיין אויסערליכער פאַסאָן האָט גלייך צוזאַמענגעבראָכען און ער האָט זיך צוריקגעצויגען ווי אַ רוהיגער בעל־הבית'ל אין דער דירה מיט זיין שעהנער, גוטער און ערליכער ווייבעל.

זי האָט זיך דערפיהלט ענטוישט. ווידער דער זעלבער איינדערוואָכען מיט אַ שטילען דערשלאָגענעם מאַן אין אַ דירה, אין אַ קיך; לאַנגע נודנע אָווענטען אָהן פריינד, אָהן די ערוואַרטעטע הוליאַנקעס.

קעילין האָט פיינט געקראָגען געזעלשאַפט; ער האָט ניט געדאַרפט קיין געזעלשאַפט, קיין פאַרטיס.

אין פלאָראַ'ס בענקען נאָך פרעהליכקייט, נאָך פאַרברענגען מיט פריינד האָט קעילין געזעהן אומערליכקייט. ער האָט געקענט די פרויען; ער האָט געוואוסט ווי אומערליך זיי זיינען. זיינע אייגענע ליבעס האָבען

איהם אָנגעהויבען צו פֿאַרפֿאַלגען, ווייל ער איז דאָך אַן אַנדער מענש גע־וואָרען. דעם גאַנצען לעבען האָט ער זיך געדרעהט אין היימען וועלכע ער האָט „באַראַבעוועט". איצטער האָט ער אַ היים — זיין היים. און מיט אַ מאָד־נער קראַנקהאַפטער מורא האָט ער זיך גענומען שרעקען פֿאַר די „רויבער" וואָס לויערען אויף זיין היים, אויף זיין ווייב.

די שרעק האָט איהם גענומען פֿאַרצערען. וואָס מעהר ער האָט זיך געשראָקען, אַלץ טייערער איז איהם זיין פֿלאָראַ געוואָרען; און וואָס טיי־ערער זי איז איהם געוואָרען, אַלץ מעהר האָט ער איהר געפּייניגט מיט איפּערזוכט, מיט פֿאַרדאַכטען. מיט די ערגסטע ווערטער האָט ער איהר אויסגערופען, ווען איהם האָט זיך אָפּגעדוכט אַז זי קוקט זיך איבער מיט אימיצען, אַז זי קוקט אויפ'ן גראָסערי־באָי, אויף דעם סקאַנדינאַווישען מילך־מאַן, אַז זי מאַכט מיט זיי אַפּוינטמענטס ווען ער איז ניטאָ אין הויז.

— וואָס ווילסטו פֿון מיר, — האָט זי געוויינט; — דו מיינסט אַז איך בין ווי דיינע אַמאָליגע ליובאָוניצעס, וואָס האָבען פֿאַרראַטען זייערע מענער?

— יע, יע! — האָט ער געדונערט — דו ביזט אַ פֿאַלשע. דו ביזט דיין פֿריהערדיגען מאַן אויך פֿאַלש געוועזען.

— איך? — האָט זי היסטעריש אויסגעשריען — דו ווייסט דאָך בע־סער ווי אַלע, ווי עהרליך איך בין געוועזען.

— יע! — האָט ער אויסגעשריען — איך ווייס דו האָסט גענאַרט דעם שטילען שיינבערג, דעם לעמעשקע, אָבער מיר וועסטו ניט נאַרען.

— איך? — האָט זי אַלץ פֿאַרוואונדערט געשריען — איך?

— דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט אַז דו האָסט מיך ליב געהאָט ווען דיין מאַן האָט נאָך געלעבט. איך ווייס ווי פֿאַלש דו ביזט.

אַט די סקאַנדאַלען זיינען פֿאַרגעקומען דעם ערשטען יאָהר נאָך זייער חתונה. די עהרליכע פֿלאָראַ האָט זיך מיט איהם אָפּגעפּלאָגט צוויי יאָהר און מעהר האָט זי שוין ניט געקענט אויסהאַלטען. וואָס מעהר זי האָט איהם געדולדעט, אַלץ מעהר איז ער אויפגעפּרעסען געוואָרען פֿון איפּערזוכט; וואָס מעהר זי האָט איהם געענטפֿערט אַנטקעגען, אַלץ דייטליכער האָט ער געזעהן אַז זי נאַרט איהם, אַלץ ווילדער איז ער געוואָרען, אַלץ בלאַסער און קרענקליכער איז ער געוואָרען. ס'איז געוואָרען אַ מורא צו זיין מיט איהם אַליין אין הויז, און זי האָט איהם פֿאַרלאָזען.

מאָריס קעילין איז געבליבען איינער אַליין, און דאַן האָט ער שוין ווירקליך פֿאַרשטאַנען אַז זי איז איהם פֿאַלש געווען, אַז זי איז אַוועק ווייל זי האָט איהם גליין אין די אויגען ניט געקענט קוקען.

דער אומוויכטיגסטער

מאַרטאַ האָוזמאַן, אַ יונגע ווייבעלע, ערשט אַ יאָהר נאָך דער חתונה, האַלט נאָך אָן איהר דזשאָב אַלס סטענאָגראַפיסטקע אין דער נאַציאָנאַל באַנק.

פונקט ווי די פאָר יאָהר פאַר דער חתונה, קומט מאַרטאַ יעדען ביין אַזייגער פריהמאָרגען אין באַנק אויף איהר אַלטען דזשאָב, אויף דעם זעלבען אָרט, און קלאַפּט אויף דער זעלבער טאַיפּראַיטער־מאַשין בריף, פּאַמפּלע־טען, אַלץ ווי געווען, לויט דעם אַלטען נוסח.

זי זעהט אויס, די זשוואָווע מאַרטאַ, ווי פאַר דער חתונה; זי געפינט זיך יעדען טאָג ביי דער אַרבייט, צווישען די זעלבע מענשען, די זעלבע יונגעלייט און די זעלבע מיטעל־יאָהריגע מענער, די זעלבע מיידלעך און די זעלבע פאַרהייראַטע פרויען, וואָס ביזעווען אין באַנק.

אַלעס איז ווי געווען; אָבער דאָס איז בלויז אויסערליך, ווי זי זעהט אויס פאַר איהרע אַלטע באַקאַנטע אין דער באַנק; אינערליך, אין איהר האַרץ און אין מוח, איז מאַרטאַ ניט די זעלבע. זי פיהלט זיך גאָר אַן אַנדער מאַרטאַ, און זי ווערט פאַר זיך אַן אַנדערע אַלץ מעהר און מעהר מיט יע־דער וואָך, מיט יעדען מאָנאַט.

זי איז אַ פאַרהייראַטע פרוי. יעדען פריהמאָרגען וואָס זי קומט צו דער אַרבייט פיהלט זי זיך אַלץ אַנדערש און אַנדערש.

באַלד נאָך איהר האָנימון, אַ צעהן טעג נאָך דער חתונה, ווען זי איז אַריינגעקומען צו דער אַרבייט אויף איהר אַלטען דזשאָב, איז זי איבער־ראַשט געוואָרען פון זיך אַליין, וואָס זי האָט זיך דאַן געפיהלט אַלס די זעל־בע מאַרטאַ. מיט אַ צעהן טעג פריהער האָט זי געמיינט, אַז די חתונה־צער־מאָניע און דער האָנימון וועלען פון איהר מאַכען גאָר אַן אַנדער מענש; אָבער מאָדנע איז עס פאַר איהר געווען, וואָס זי האָט זיך ניט געפיהלט געענדערט. ווען אַלע קלוירקס, בוכהאַלטערס, טאַיפּראַיטערקעס האָבען איהר באַגריסט ווי אַן אַנדערער, גערופען איהר מרס. האָוזמאַן, אַנשטאָט מאַרטאַ, אַנשטאָט מיסס, געוואָלט אויף איהר אַרויפציהען די אַנדערשקייט, האָט זי געשפּאָסט און ניט געלאָזען זיך רופען מיסעס.

מיט דער צייט, ווען די מעהרסטע מיטאַרבייטער פון דער באַנק האָ־

בען פאַרגעסען וואָס זי איז אַ פאַרהייראַטע פרוי, האָבען פשוט ניט געקענט גלויבען, אַז די זשוואַווע מאַרטאַ איז אַ ווייבעל, האָט זי, מאַרטאַ, גענומען פיהלען איהר אַנדערשקייט. די איבערקערעניש אין איהר לעבען האָט זיך פאַרשטאַרקט אַלץ מעהר, אַלץ ווירקזאַמער. זי קומט יעדען טאָג צו דער אַרבייט פון אַן אַנדער היים, פאָהרט יעדען אין דער פריה און פאַרנאַכט מיט אַן אַנדער סאַבוועי־ליניע, אַ סאַבוועי וואָס איז איהר דעם גאַנצען לעבען געווען פרעמד ; און די סאַבוועי פיהרט איהר צו אַ היים, וואָס ווערט טאָג־איין טאָג־אויס דער אינהאַלט פון איהר לעבען.

און דאָ אין דער באַנק, ווען זי קלאַפּט אויף איהר טאַיפּראַיטער־מאַשין, וויברירט אין איהר געדאַנק און אין איהרע געפיהלען דער גאַר־נאָהענטער „אמאָל” איהרער, דער טומעלדיגער מיידעל־בחור יאַריד.

עפּיס מאָדנע אומגלויבליך האָט זיך דער יאַריד איהרער פּלוצלונג אָפּגעהאַקט, פּלוצלינג געוואָרען אַ ווייטע פאַרגאַנגענהייט.

איז דאָס ווירקליך שוין אַ פאַרגאַנגענהייט ? — טראַכט זיך ביי איהר. — ווער טאַקע דאָס פריהערדיגע, וואָס האָט איהר גאַנץ לעבען פאַרנומען, מעהר קיינמאָל ניט צוריק־קומען ? שוין אָפּגעהאַקט אַלע איהרע אינטערע־סאַנטע האַוועגישען ?

זי איז געווען אַן ערפאָלגרייכע מיידעל, מאַרטאַ. עס איז געווען אַ בעני, אַ וואָלטער, אַ דזשעק, אַ מעני, אַ סעם, אַ היימי. און פריהער נאָך, אין דעם ערשטען קינדערשען יאַריד, פון פופצעהן ביז ניינצעהן, איז געווען אַ דזשאָהני, אַ דזשוליוס, אַן עמיל, און נאָך און נאָך אינגלעך, קלוגע און נאַ־רישע, שעהנע און מיאוסע, איידעלע און „ראָפנעקס” (חוצפה׳ניקעס).

און עס איז געקומען דער צווייטער, דער אמת׳ער יאַריד, מיט די בעניס, די וואָלטערס, די דזשעקס ; און מאַרטאַ האָט בייטאָג, זיצענדיג ביי איהר טאַיפּראַיטער, געטראַכט וועגען די אַפּאַינטמענטס, און ווי אַזוי אַרויסצו־דרעהען זיך פון איין אַפּאַינטמענט צוליב אַ צווייטען, אַן אַנגענעמערען. און אָט איז פון אַלעס געוואָרען אַ סוף, אַ ווייטע פאַרגאַנגענהייט. עס איז געקומען גאַר אַן אַנדערער, אַ שפּאָגעל־נייער ; עס איז געקומען סימאָור, וועלכער איז איהר געווען מעהר צום האַרצען, און ער איז איצט איהר מאַן. ער איז איהר מאַן, און צוליב איהם איז איהר אינטערעסאַנטער יאַריד אָפּ־געווישט געוואָרען. אַלע טעלעפאָן־קאָלס, אַלע האַרץ־קלאַפּענישען זיינען מעהר ניטאָ. מיט יעדען טאָג ווערט דאָס דאָזיגע „געוועזענע” אַלץ מעהר אויסגעבלייכט, אַזש די פאַרשטעלונגען איהרע וועגען אַלעמען פאַרשווינדען, און מיט אַלעס און אַלעמע וואָס האַלטען אין פאַרשווינדען, פאַרשווינדט זי אַליין פון זיך. אָט יענע מאַרטאַ איז מעהר ניטאָ. דאָ, לעבען דער טאַיפּ־

ראַיטינג־מאַשין, זיצט די פּרוי פון סימאָור האָוזמאַן. זי האָט ליב סימאָור׳ן, סימאָור איז איהר טייער; אָבער יענע מאַרטאַ, די ערפאָלגרייכע מיידעל מאַרטאַ, איז איהר איצט זעהר און זעהר טייער. זי בענקט נאָך יענער מאַר־טאַ, אַזש עס געהט איהר אויס דאָס חיות.

אָט אַזוי לויפען זעהונגען יעדען טאָג אין מאַרטאַ׳ס מוח; אָט אַזוי צוקט מאַרטאַ׳ס האַרץ, שטענדיג, אונאויפהערליך, ביז עס ענדיגט זיך דער אַרבייטס־טאָג.

אַז זי ענדיגט איהר טאָג אַרבייט, פאַרשווינדען אַלע איהרע זעהונגען; עס הערען אויף אַלע איהרע רעיונות. זי איילט אַהיים, צו איהר נייער איינ־ציגער היים, צו איהר מאַן, סימאָור האָוזמאַן.

דאָרטען, אין איהר פאַרהייראַטער היים, זיינען ניטאָ קיין קשיות. אַהין קומט איהר יונגער בעל־הבית׳ל, סימאָור האָוזמאַן, אין וועמען עס איז פּערזאָניפיצירט דער רעזולטאַט פון איהר ניט לאַנג פאַרגאַנגענעם יאַריד.

איין מאָל, נאָך אַ טאָג פון אַזעלכע וויברירונגען, נאָך אַזעלכע מיראַ־זשען פון איהר „אַמאָל״, ווען מאַרטאַ האָט זיך געקליבען צו געהן אַהיים, האָט דער טעלעפאָן לעבען איהר דעסק געקלונגען, און עס איז טאַקע געווען צו איהר פּערזענליך אַ „טעלעפאָן־קאָל״.

אָפּגערופען האָט איהר דזשעראַם. דזשעראַם? וועלכער דזשעראַם? עפּעס גאָר אַ וויטער, גאָר אַן אומוויכטיגער, דער אומוויכטיגסטער פון איהרע אַמאָליגע קאַוואַלערען; ער איז געווען אַזאַ וויטער און אַזאַ אומ־וויכטיגער קאַוואַליער, וועלכען זי האָט אַזש ניט געדענקט, און ער האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז זי איז שוין פאַרהייראַט.

— דזשעראַם? דזשעראַם? איך געדענק ניט. דזשעראַם גאָלדשטיין? עס טוט מיר לייד; איך קען זיך ניט דערמאָנען. אָ, אָ, ווען איך בין געווען מיט וואָלטער פיין ביים פּראַם? יאָ, יאָ. וואָס מאַכט איהר? וואָס? אין אָוועט? היינט? איך בין פאַרהייראַט. כאַ־כאַ. יאָ, דזשעראַם, איך בין פאַר־הייראַט. כע־כע. געוויס, געוויס בין איך גליקליך. האַ? יאָ, מען קען פאַר־בלייבען פריינד; אָבער איך בין אַ פאַרהייראַטע פרוי. כאַ־כאַ, ווער איז שול־דיג, אַז איהר האָט ניט געוואוסט אַז איך האָב געהייראַט? אָ, צו־שפּעט? געוויס האָט איהר אָפּגערופען צו־שפּעט; אָבער פון וואַנען ווייסט איהר, אַז פריהער וואָלט איהר געווען ערפאָלגרייך? כאַ־כאַ, איך שפּאַס. עס טוט מיר לייד. ניין, מאָרגען אויך ניט. וואָס? איהר מוזט מיך זעהן? וועל, אונ־מעגליך. יאָ, אַזוי איז עס; אַזוי איז דאָס לעבען. גוד באַי.

אויפ׳ן וועג אַהיים, צו איהר פאַרהייראַטער היים, האָט איהר גענאָגט

אַ פּאַרדרוס און אַ בענקשאַפט אין האַרצען. עס האָט זיך איהר געוואָלט זעהן זיך, זעהן זיך איין מאָל נאָר מיט דעם דזשעראָם גאָלדשטיין, אָט מיט דעם, וועמענס טעלעפאָנירען עס האָט פאַרשפּרייט אַ וואַרימקייט אין איהר האַרץ: אַ מענש האָט געטראַכט וועגען איהר גאַנצע פיער יאָהר. אפשר האָט זי געדאַרפט זיך זעהן מיט איהם? ער, אָט דער וויטער און אומוויכ־טיגער דזשעראָם, געהט איהר גאָר ניט אָן. מיט פיער יאָהר צוריק, ווען ער האָט איהר אוכאַזשעוועט ביים פּראָם, האָט ער אויף איהר קיין איינדרוק ניט געמאַכט, ער געהט איהר גאָר ניט אָן. אָבער זי אַליין געהט זיך אָן. נאָך זיך אַליין איז זי פאַרבענקט. זי איז פאַרבענקט נאָך איהר ערפאָלגרייכען מיידעלשען „אַמאָל". אָט דערפאַר האָט זי איהם געוואָלט זעהן. ריכטיגער געזאָגט, אָט דערפאַר האָט זי געוואָלט אַז ער זאָל איהר זעהן.

יאָ, זי האָט געדאַרפט איהם לאָזען זעהן איהר. געדאַרפט זיך זעהן מיט איהם, געדאַרפט איהם איינלאַדען צו זיך אַהיים. זאָל איהם סימאָור זעהן.

אַזוי האָט זי געטראַכט און איז געוועזן צושטורעמט אויפ'ן וועג אַהיים.

ווען זי איז צוגעקומען צו דער טיר פון איהר אַפּאַרטמענט, האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט: בעסער — ניין. מיין סימאָור וואָלט עס קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטעהן.

די, מיט וועלכער ער האָט ניט חתונה געהאַט

— איהר דערקענט מיך ניט, האַ? — מיט די ווערטער איז צו מיר אַריינגעקומען אַ איד, וועלכער האָט אויסגעזעהן אַ זעכציג יאָהר אַלט.

זיין פּנים איז געווען פאַרברענט פון דער זון און אַ צושפּאַלטענע הויט פון ווינטיגע וועטערען; גערעדט האָט ער מיט אַ הייזעריגען קול. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ לעדערנער קורטקע און פון אונטער דער קורטקע האָבען זיך געשלעפּט שמאַטעס, פון וועלכע עס זיינען אַרויסגעהאַנגען זיינע ברייטע, שמאַטעדיגע, צולאַטעטע הויזען.

זיינע באַקען און ברייטע מאָרדע זיינען געווען באַוואַקסען מיט גרויע, שטעכיגע האָר. ס'איז געווען אַזאַ סאָרט באַוואַקסענקייט, וואָס מען האָט ניט געקענט באַשטימען צי איז עס אַ באָרד אַזאַ, אָדער פאַרנאַכלעסיגט צו ראַזירען זיך.

מיט רויטליכע אויגען, וואָס האָבען אויף זיך קיין ברעמען ניט געהאַט, האָט ער פאַרשעמט געקוקט אויף מיר, געוואַרט, אַז איך זאָל איהם דערקענען.

ס'איז מיר איינגעפאַלען, אַז ער איז אַ פּעדלער פון גרינס אָדער פון פרוכט.

— איהר זייט דער פרוכט־פּעדלער — האָב איך איהם געזאָגט, און געבעטען איהם זיצען.

— איהר האָט געטראָפען — האָט ער געזאָגט מיט צופרידענהייט. — איהר האָט אַ גוטען זכרון; איהר געדענקט.

איך האָב זיך פאַר איהם מודה געווען, אַז ניט איך קען איהם, און ניט איך האָב איהם דערקענט; נאָר נאָך זיין אויסזעהן און נאָך זיין אָפּגעקראָכענעם קול, פון אויסשרייען די סחורות זיינע אין מאַרק, קען מען דערקענען, אַז ער איז אַ פושקאַרט־פּעדלער פאַר לאַנגע יאָהרען.

— ס'איז ריכטיג, ס'איז ריכטיג — האָט דער איד געזאָגט מיט אַ הסכמה'דיגען סענטימענטאַלען קרעכץ, ווי מען וואָלט איהם דאָ צוגעטראָפען זיינע אַן אַלטע קרענק; — איצט זעה איך טאַקע — האָט ער מיר קאָמפּלימענטירט — אַז אייער פריינד איז גערעכט. ער האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז איהר פאַרשטעהט אַ מענשען.

— וועלכער פריינד?

— אייער פריינד מארגאליס, סעם מארגאליס. ער האט עס מיר געראַ־טען איך זאל זיך מיט אייך דורכריידען.

— מארגאליס, ווי קומט איהר צו מארגאליס'ן?

— אט צוליב איהם קען איך דאך אייך. מיסטער מארגאליס וואוינט ביי מיר אין הויז, אין אן אפארטמענט, און איך זעה אייך אפט אריינקומען צו איהם.

— אזוי, אזוי, — האב איך איהם ערשט גוט באטראכט אין זיין שמאַ־טעדיגען אויסזעהן, — זייט איהר הייסט עס, מארגאליס'עס לענדלארד?

— שייך, לענדלארד, — האט ער זיך גענומען פארענטפערען פאר דעם טיטול לענדלארד, — היינטיגע צייטען איז דער וואס צאלט רענט האט די געלט, און דער וואס האט די הויז האט די צרות.

ער האט הפנים פארשטאנען, אז דורך מיין פריינד סעם מארגאליס וויס איך שוין וואס פאר א קלאג־מוטער ער, אט דער גאסט מיינער, איז, און וואס פאר א קארגער ער איז.

געקענט האב איך איהם טאקע ניט, אבער געוואוסט וועגען איהם האב איך א סך שלעכטע זאכען. שטענדיג האט ער אויסגעקוקט ווי אן ארימאן, און אנגעשטאפט איז ער מיט געלט. ער קלאגט און זאמעלט געלט; ער פארגינט זיך ניט דאס לעבען און דער ווייב מיט די קינדער פארגינט ער ניט דאס לעבען. ער באלאנגט ניט צו קיין שוהל און ניט צו קיין קלאב. אט אזוי פארשווארצט ווערענדיג אין שמאטעס דעם גאנצען לעבען ביי דער פושקארט, קלייבט ער א דאלאר צו א דאלאר, לעבט אליין ניט און לאזט יענעם ניט לעבען.

אזוי האט מען וועגען דעם אידען גערעדט אין דעם געגענט, וואו ער וואוינט, וואו ער האט זיין אפארטמענט הויז, און דאס האב איך זיך שטענדיג אנגעהערט ביי מארגאליס'ן אין הויז.

— א מענש אהן א גאט אין הארצען, — אזוי רופט איהם מיין פריינד מארגאליס.

ווען איך וואלט פון דעם אידען גאר ניט געוואוסט, וואלט איך געמיינט, אז דאס איז צו מיר אריינגעקומען ניט נאר אן ארימער, נעבעכדיגער מענש, נאר אויך א סענטימענטאלער, א הארציגער מענש. ער איז געווען אזוי ווייך, אזא צוזומענקייט איז געלעגען אויסגעגאסען אויף זיין פנים, אויף זיין גאַנ־צער „פאסטאטשע", און אויף זיין ציטעריג באשיידענער באנעמונג.

אבער דאס וואס איך האב זיך וועגען איהם אנגעהערט האט פארמירט א קאלטע וואנט צווישען מיר און איהם, און איך האב געשעפטסמעסיג געפרעגט:

— וועגען וואָס ווילט איהר מיט מיר רעדען?

— אָ, ס'איז אַ סך צו רעדען, — האָט ער געזאָגט, — עס האָבען זיך אָנגעקליבען ווייטאָגען פון אַ סך יאָהרען, איז וועט איהר ניט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך וועל מוזען אָנהויבען פון אָנפאַנג אָן.

— פון ווי לאַנג פון אָנפאַנג? — פרעג איך צושראָקען, און וויל זיין העפליך צו איהם צוליב מאַרגאַליס'ן, וועלכער האָט איהם צוגעשיקט צו מיר.

— אָ, דאָס איז פון מיין חתונה אָן; ע, ס'הייסט, אַ יאָהר פאַר מיין חתונה. נאָך פון דאָרטען, פון רעטשעשניקע, פון רוסלאַנד.

— קענט איהר עס ניט אָנפאַנגען פון איצט, וואָס דער טראָבעל איז איצט? — פרעג איך איהם.

— אַז ס'וועט זיין פון אַ מיטען, און איך וועל ניט קענען אַרויסגעבען אַלעס וואָס עס האָט זיך אָט־דאָ אָנגעקליבען, — ווייזט ער אָן צו זיין האַרץ.

— נו, דערצעהלט.

ער שפּילעט פאַרנאַנדער די קורטקע זייגע, און עס קריכט אַרויס אַ שווערער, קאָלירלאָזער שאַליק פון זיין אָהן קנעפּעלדיגער, פאַרשמאָלצע־נער וואַטאָווע קאַמאַזעלקע, און ער זאָגט:

— מיין נאָמען איז סעם פּיאַלקאָוויץ, אָבער מיין ריכטיגער נאָמען, דער היימישער נאָמען איז יששכר. קומען קום איך פון רעטשעטשניקע, רוסלאַנד, וואָס איז איצט ביים פּוילישען גרענעץ. איז דאָרטען, ווען איך בין געקומען פון סלוזשבע, ס'הייסט פון אָפּדינען דעם קיסר, און געוועזען בין איך שוין דאַן אַ בחור פון כמעט אכט און צוואַנציג יאָהר, וויל איך האב זיך געשטעלט צום פּריזיוו מיט אַ דריי יאָהר עלטער ווי איין און צוואַנציג יאָהר, איז —

דאָ האָט ער אַרונטערגענומען פון זיך דעם מאָדנעם לאַנגען שאַליק, און איך האָב זיך ביי איהם גענומען בעטען:

— הערט, מיסטער פּיאַלקאָוויץ, הויבט בעסער אָן פון איצט.

— אַז די געשיכטע פאַנגט זיך דאָך אָן פון דאַן, פון אַמאָל, — אַמפערט ער זיך.

— פאָלגט מיר, פאַנגט אָן פון איצט, און וועגען דעם וואָס עס איז געוועזען אַמאָל, וועט מען שוין אַליין פאַרשטעהן.

— ווי אַזוי וועט מען פאַרשטעהן? — באַשטעהט ער אַלץ אויף זיין אָנפאַנג, — דאכט זיך, אַז אַ מעשה פאַנגט זיך פון אַמאָל.

— אַז איהר וועט אָנפאַנגען פון איצט, וועל איך בעסער פאַר־שטעהן, — ערקלער איך איהם.

— אַז די גאַנצע געשיכטע איז דאָך געווען אַמאָל, ניט איצט, — אַרגומענטירט ער.

— ניין, — זאָג איך איהם, — דער אַמאָל איז דאָך שוין ניטאָ; איהר ליידעט דאָך פון עפּעס איצט; אַ־יאָ, אייך טוט עפּעס איצט וועה?

— אַי, אַי, אַי, טוט וועה.

— איז מיט וואָס, דענקט איהר, קען מען אייך אויסהיילען דעם וועה־טאָג?

— אָ, אָט דאָס איז די ריכטיגע פראַגע, — ווייזט ער אָן מיט זיין פינ־גער גלייך מיר אין פּנים אַריין.

— וואָס פעהלט אייך, מיסטער פיאַלקעוויץ?

— אַ מחילה, ווען איך קריג אַרויס די מחילה, בין איך אַ געראַטעווע־טער.

— פון וועמען אַ מחילה?

— פון איהר, זי דאַרף מיר געבען אַ מחילה.

— ווער איז די זי?

— מיין אַמאָליגע כלה.

— אייער אַמאָליגע כלה? ווען זייט איהר געווען פאַר איהר אַ חתן?

— ווען, ווען, ווען? יע, דאָס איז שוין אַ יאָהר פיער־און־דרייסיג, און אפשר אַ יאָהר אָדער צוויי מעהר.

— איהר האָט אָפּגעבראָכען דעם שידוך מיט איהר?

— איך האָב איהר זעהר מיאוס אָפּגעטאָן. אין דער וואָך וואָס עס האָט געדאַרפט זיין די חתונה, האָב איך איהר אָפּגעשיקט די תנאים, און אַוועקגע־פאָהרען און חתונה געהאַט מיט „דער".

— מיט וועמען מיט דער?

— מיט „דער", מיט מיין איצטיגע ווייב.

— האָט איהר זיך ערשט איצטער דערמאָנט וועגען אַ מחילה?

— איך וועל אייך דערצעהלען, פאַרוואָס עפּעס איצטער. עס איז יע איצט דערמאָנט זיך, און עס איז ניט איצט דערמאָנט זיך.

— דערצעהלט, מר. פיאַלקאָוויץ; איצט דערצעהלט.

— איהר פאַרשטעהט, אַז מען איז יונג, קען מען אַלץ אָפּטאָן; מען האָט קיין מורא ניט פאַר קיינעם, ניט פאַר יענער וועלט און ניט פאַר דער וועלט. פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, שוין פאַראָן אין דעם אַ זעקס־זיבען יאָהר, האָב איך אָנגעהויבען קרענקען און טאַקע גוט קרענקען. דאָקטוירים, פרעגט זיי בחרם, ווייסען ניט וואָס מיר איז. איך ווייס דאָך אָבער יע וואָס מיט מיר איז דער מער. איך ווייס, אַז דאָס וואָס איך האָב איהר אָפּגעטאָן,

קען ניט פאַרשוויגען ווערען. איך האָב אויסגעפונען, אַז זי איז געבליבען זיצען לאַנג; דאַן האָט זי חתונה געהאַט מיט אַן אַלטען אידען, און עס איז איהר געווען שלעכט. שפּעטער אַביסעל איז זי געבליבען אַן אלמנה, און אַזוי מוטשעט זי זיך דאָס גאַנצע לעבען. מוחל געווען האָט זי מיר ניט. און מען קען דאָך פאַרשטעהן, אַז אַזאַ זאַך וועט מען מיר ניט פאַרשווייגען. און אַז איך נעם זיך באַטראַכטען און כ׳פאַרגלייך זי, „יענע”, מיט אָט „דער” — מיין ווייב — זעה איך איין, אַז עס האָט זיך גאַרניט געלוינט דער גאַנצער בייט. איהר, יענער, נעבעך, האָב איך אַזוי מיאוס אָפּגעטאָן. מוחל געווען האָט זי מיר ניט; און „די” האָט דעם גאַנצען לעבען געריסען פון מיר געלט, באַהאַנדעלט מיך ווי אַ הונט, אַנגערעדט די קינדער געגען מיר; און בלויז געלט — מען האָט נאָר געריסען פון מיר געלט. איז צוליב וואָס האָב איך עס דאַן געדאַרפט אָפּטאָן אַזאַ מיאוסע זאַך? פאַרוואָס קומט עס איהר, נע־בעך. איך האָב דאָס די גאַנצע יאָהרען געוואוסט און געטראַכט; אָבער אַז מען איז יונג, באַשטעהט מען ניט אין קיינעם. איצטער פאַרשטעה איך עס זעהר ריכטיג. איז דען אַ וואונדער וואָס איך ווער קראַנק, וואָס איך פאַל יעדע ווילע אָוועק און איך זעה דעם טויט פאַר די אויגען? איך וויס, אַז איך מוז קריגען אַ מחילה פון איהר, אָבער זי וויל ניט מוחל זיין.

— איהר האָט שוין צו איהר געשריבען וועגען אַ מחילה?

— געשריבען, געשריבען דורך אַ רב.

— נו?

— אַוועקגעשיקט דורכ׳ן רב פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר אויך.

— נו?

— זי ענטפערט ניט.

— די פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר האָט זי צוגענומען?

— ווער ווייסט?

— וואָס הייסט, ווער ווייסט?

— אַז קיין מחילה האָט זי ניט געשיקט, האָט אפשר אימיצער אַנדערש צוגענומען די פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר.

— מעהר ווי פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר וואָלט איהר ניט געגעבען פאַר דער מחילה?

— איך וואָלט איהר געגעבען נאָך צעהן דאָלאַר; איך וואָלט איהר געגעבען נאָך פופצעהן דאָלאַר.

איך האָב אַ שמייכעל געטאָן, און ער האָט צו מיר געזאָגט סודות׳דיג און נערוועז:

— איך וואָלט איהר געגעבען הונדערט דאָלאַר אויך, צוויי הונדערט

דאָלאַר. איך וויל פאָהרען אַהין, זיך דורכרעדען מיט איהר; איז וועגען דעם בין איך געקומען מיישב זיין זיך מיט אייך.

— אויב איהר פאַרמאָגט צו מאַכען אַ רייזע אַהין, — האָב איך געזאָגט, — און ווי איך זעה, וועט איהר ניט פטור ווערען פון אייער שרעק, וואו איהר וועט ניט קריגען אַ מחילה פון איהר — דאַרפט איהר פאָהרען.

— וועל איך טאַקע פאָהרען, — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט, — אַי, זיי שרייען, וועל איך זיי הערען פאַר אַ דרייער.

— ווער זיי?

— „די", די ווייב מיינע, מיט די קינדער; זיי רופען מיך משוגענער, וואָס איך וויל פאָהרען נאָך דער מחילה. איך פייף אויף זיי; זיי האָבען פון מיר געזונג געלט אַרויסגעצאַפּט.

— הערט, — זאָג איך צו איהם, — פאָהרען אַהין דאַרפט איהר, אָבער זייט כאָטש איצט גוט צו אייער ווייב און קינדער. יענע איז דאָך שוין אַן אַמאָליגע צרה; מאַכט כאָטש איצטער ניט אָן קיין נייע צרות, בייע ליידען פאַר אייער איצטיגער פאַמיליע.

— „דער"? — האָט ער געזאָגט מיט חוזק, — דער וועט דער שוואַרץ־יאָהר ניט נעמען. הלואי וואָלט איך דאָן ניט אָפּגעטאָן די נאַרישקייט און ניט קענען אָט „דער", וואָס האָט געמאַכט די קינדער פאַר שונאים געגען מיר.

ער איז געזעסען אַ ווײַלע שטיל, און איך האָב איהם באַטראַכט אין זיין גאַנצער צעוועהטאָגטער לאַגע, אין זיין גאַנצער טראַגעדיע.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרשפיליעט די וואַטאָווע קאַמאַזעלקע, אָנגעטאָן די קורטקע מיט דעם שאַליק, און געמורמעלט:

— איך מוז קריגען איהר מחילה, ווען ניט, וועט מיר זיין שלעכט. אָט דאָ, אָט דאָ אין האַרצען איז אַ גרויסער וועהטאָג.

ער האָט איבערגעפרעגט:

— איז הייסט איהר מיר פאָהרען?

— יע, פאָהרט אַריבער אַהין.

— און איהר דענקט, אַז מיין פאָהרען וועט ניט זיין אומזיסט?

איך האָב צו איהם אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעל און מיט אַ היבש ביסעל גיפט:

— הערט, ווי וואָלט געווען, אַז ווען איהר וואָלט דאָן, מיט פינף־און־דרייסיג יאָהר צוריק, יע חתונה געהאַט מיט יענער, און זי וואָלט איצט געווען אייער ווייב, וואָלט איהר אויך געשריען, אַז זי איז אייך אַ שונא און צאַפּט פון אייך געלט?

— וואָס רעדט איהר, — האָט ער זיך אָפּגערופען אַ באַליידיגטער — ווי קענט איהר גאָר פאַרגלייכען איהר צו דער?

ער האָט שוין געהאַלטען אָפען די טיר צום אַרויסגעהן, האָב איך אויסגערופען:

— מיסטער ישׂשכר פיאַלקאָוויץ! — פאַרוואָס האָט איהר אַזאַ אייז־דעלען געפיהל צו אייער פאַרגאַנגענהייט? פאַרוואָס האָט איהר אַזאַ מורא און אָפּשיי פאַר אייער צוקונפט, און פאַרוואָס פאַרשפּייט איהר אַזוי העסליך אייער געגענוואַרט, אייער איצט, אייער היינט?

— האַ? — האָט ער געפרעגט און מיך אָנגעקוקט מיט זיינע רויט־ליכע אויגען.

איך האָב עס איהם פאַרטייטשט:

— פאַרוואָס האָט איהר אַזאַ פיינעם געפיהל צו פאַרריכטען אייער אַמאָליגען טעות, וואָס קען ניט פאַרריכט ווערען, און איהר טוט ווידער אַן צרות אייערע איצטיגע נאָהענטע, און שפּעטער וועט איהר פון זיי דאַרפען בעטען אַ מחילה?

— פון וועמען אַ מחילה?

— פון אייער ווייב, פון אייערע קינדער.

— ווייס איך וואָס. „דער" וועט שוין דער שוואַרצער־יאָהר ניט נעמען.

איך האָב דעם מיסטער ישׂשכר פיאַלקאָוויץ אַרויסבאַגלייט פון הויז. איך האָב איהם נאָכגעקוקט ווי ער איז וואַקלענדיג אַוועק מיט דער לעדער־נער קורטקע אויף זיינע פּלייצעס, און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז עהנליכע ווי זיינע רייד הער איך דורך מיין גאַנצען לעבען פון אַלעמען, פון די בעס־טע מענשען.

מיר זיינען אַלע אַזוי. אונז איז טייער דאָס וואָס איז ניט מקוים געוואָ־רען, און מיר פאַרשילטען דאָס וואָס איז רעאַליזירט געוואָרען פאַר אונזערע אויגען.

מרס. גלעזערמאַנ׳ס קופערט

אין די אָוועגטען, ווען קיינער פון די קינדער קומט ניט אַריין, און איזידאָר, איהר מאַן, איז ווי געוועהנליך ביי אַ מיטינג ערגעץ, זיינען פאַר מיני גלעזערמאַן די שטונדען פון זיין אַליין אין דער שטיל געוואָרענער הויז איהרער זעהר לאַנגע שטונדען.

מיסעס גלעזערמאַן איז צו די צו־אַפטע שטילע איינזאַמע אָוועגטען נאָך ניט צוגעוואוינט. איהר יאַריד האָט זיך אָט ערשט געענדיגט. דאָ ניט לאַנג האָט זי געבענקט צו האָבען געגוג שטונדען אויסצושלאָפען זיך ווי עס באַדאַרף צו זיין.

און ווען דער יאַריד איהרער מיט די בייביס און דאַן מיט די סקול־קינדער איז אויף מיסעס גלעזערמאַן געלעגען ווי אַ שווערע פיזישע און גייסטיגע לאַסט, האָט זי דאַכט זיך ניט געזעהן קיין ערלייכטערונג. זי האָט געמיינט, אַז איביג וועט זי אַזוי געהן אין דעם שפּאַן אַלס מאַמע. די צייט פון האָרעוואַניע האָט זיך געצויגען אַזוי שווער, אַזוי לאַנגזאַם שווער.

איצט, אַז דער טומעל פון איהר לעבען איז שוין אַריבער, דוכט זיך איהר, אַז ס׳איז עפּעס צו פּלוצלונג פאַרשוואונדען און זי איז ענטוישט.

אודאי טוט איהר הנאה, וואָס די קינדער האָבען שוין חתונה געהאַט; און זי האָט פון זיי נחת. יע. פון די קינדער האָט זי נחת, אָבער פון זיך אַליין האָט זי ניט דעם נחת אויף וועלכען זי האָט זיך אַלץ געריכט.

ס׳איז איהר געוואָרען אומעטיג, דער מיסעס גלעזערמאַן; און ווען זי בלייבט אַליין אין הויז, נעמט זי זיך צוהערען צו אַלע איהרע גייסטיגע און פיזישע וועהטאָגען. אַלס אַ סגולה צו דעם נעמט זי זיך צו איהרע אַנ־טיקען פון אַמאָל, וועלכע ליגען ביי איהר באַהאַלטען שוין אַ סך יאָהרען.

זי וואַרפט קיין זאַך ניט אַרויס, מיני. אין די קלאָזעטס אין קיך קליי־בען זיך ביי איהר אַלערליי פּראַזאַאישע הויזיגע זאַכען, חפצים, שמאַטעס, פון יאָהר צו יאָהר. און אין אַ ווינקעל פון איהר שלאָף־צימער שטעהט איהר סענטימענטאַלער קופערט, דער אַרכיוו איהרער, וואו עס געפינען זיך אַלערליי ווערטפולע נשמה־זאַכען, וואָס האָבען זיך ביי איהר אָנגעזאַמעלט פון זינט זי האָט חתונה געהאַט, און אפילו אַזעלכע אוצרות, וואָס געהערען צו די צייטען פון פאַר איהר חתונה. פון דעם צוגאַנג צום קופערט אַליין

ווערט מיני גלעזערמאַן אויפגעמונטערט. וואָרים זי דערפיהלט, אַז זי איז ביי די טויערען פון איהר ליכטיגען און זיסען אַמאָל.

זי נעמט אַרונטער די קאַלירטע טוך מיט די פּרענזלאַך, מיט וועלכע דער קופערט איז צוגעדעקט. די דאָזיגע טוך האָט זי אַלס מיידעל נאָך גע־טראָגען זומער־צייט אויף איהר פּלייצע און אויף איהרע נאַקעטע אָרימס. יונגעלייט האָבען דאַן אַזוי פאַרכאַפּענד געקוקט אויף דעם טוך, אַז די טוך האָט זיך נערוועז באַוועגט הין און הער, אַרויף און אַראָפּ.

די טוך איז געמאַכט געוואָרען פון אַ מאָדנעם שטאַרקען מאַטעריאַל, וואָס וויל זיך בשום אופן ניט צורייסען. ס'איז אָבער זעהר און זעהר אַלט, אָפּגעבלאַקירט, און דאָס ליגט שוין אַ היבש ביסעל יאָהרען אויסגעשפּרייט אַלס צודעק איבער מיני גלעזערמאַנ'ס סענטימענטען.

אַז מיני נעמט אַרונטער די טוך, דערזעהט זי גלייך די צוויי אויסגע־שניצטע בוכשטאַבען M און A אויפ'ן דעק פון קופערט, וואָס באַדייטען מיני און איהר מיידעלשער נאָמען אַבראַמסקי.

דעם קופערט האָט איהר געמאַכט אַרקע, דער מעבעל־מאַכער, נאָך אין דער אַלטער היים, אין וויטעבסק.

אַרקע איז אין איהר געווען שטאַרק פאַרליבט. זי אָבער האָט איהם ניט ליב געהאַט, ניט געקענט איהם פאַרליידען.

ווען אַרקע האָט איהר געגעבען אַט דעם שעהן־געשניצטען קופערט מיט'ן נאָמען אויף דעם דעק, וואָס ער אַליין האָט אויסגעשניצט, האָט זי קיין חשק ניט געהאַט דאָס צו נעמען. זי האָט איהם ניט געוואָלט ערמוטיגען. ער האָט זיך אָבער ביי איהר געבעטען, אַרקע, זי זאָל נעמען די מתנה ביי איהם ביי איהר אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקע.

איצט טוט איהר הנאה, וואָס זי האָט עס גענומען. איצט איז איהר זעהר און זעהר אַנגענעם אַרקע'ס אַמאָליגע ניט ערפאָלגרייכע ליבע צו איהר; און נאָך מעהרער איז איהר אַנגענעם איהר ניט קענען פאַרטראָגען זיין נאָהענטקייט צו איהר.

דאַן גיט זי אַן עפען דעם קופערט, דעם קדשי קדשים פון איהרע יאָהרען. עס ליגען דאָרטען אין דער בעסטער אָרדנונג, פאַרבונדען אין פּעקלאַך מיט חנ'עוודיגע שנירלאַך, יעדער בינטעל יאָהרען באַזונדער. אַט זיינען אַלערליי טאַשמעס פון באַרימטע ערפאָלגרייכע קליידער איהרע, אַט אין דער שלייף, וואָס זי האָט געטראָגען אין איהרע האָר, ווי עס איז דאַן געווען אין דער מאָדע, אין דער צייט ווען זי איז אַ כלה געוואָרען פאַר איזידאָר גלעזערמאַן.

אַט האָט זי דערזעהן אַ פאַרבליבענע ציכעל פון איהרע אַמאָליגע קי־

שענס, פון די ערשטע בעטגעוואַנט, וואָס די מאַמע האָט איהר געגעבען ביים אָוועקפאָהרען פון דער היים.

אָט איז די ערשטע קליידעלע פון איהר ערשטער בייבעלע און די ערשטע שיכעלעך פון איהרעביידע קינדערלאַך.

זי האַלט איבער אין איהרע הענט אַלערליי בריף פון פריינד ; בריף פון איהר איזידאָר׳ן, וואָס ער האָט איהר געשריבען אַלע זומערען, ווען זי איז געווען אין קאַונטרי.

איניגע בריף כאַפּט זי לייענען. אָם בעסטען אַמוזירט זי זיך פון די בריף, אין וועלכע איזידאָר האָט זיך מיט איהר בייז געווערטעלט צוליב זיין אייפערזוכט.

דוקא ביי די גוטע בריף, ביי די געטרייע ווערטער פון איזידאָר׳ן, ווערט איהר אומעטיג, ווייל דאָס דערמאָנט איהר ווי פּראָזאַאיש ער איז איצט צו איהר. פון זיינע אַמאָליגע אייפערזוכט־טענות לאַכט זי אָבער האַרציג. דערביי דערמאָנט זי זיך אָן פאַרשידענע ליבעס־בריף פון איהרע אַמאָליגע פאַרעהרער — פאַרעהרער פון פאַר דער חתונה. עס פאַרדריסט איהר וואָס זי האָט זיי פאַרניכטעט, אָט יענע בריף.

און אָט דערזעהט זי איהר וואונדערליכסטען, דעם ליכטיגסטען גע־פיהל וועגען זיך אַליין. פון אַ לאַנגען קעסטעלע נעמט זי אַרויס איהר אַמאָ־ליגען שוואַרצען צאָפּ — איהרע אָפּגעשוירענע האָר.

ווען ס׳איז אַרויס די מאָדע, אַז פרויען זאָלען געהן געשאָרען די האָר, האָט מיני גלעזערמאַן אָפּגעשוירען איהרע לאַנגע, געדיכטע, פעך־שוואַרצע האָר. אַזוי ווי מיני וואַרפט קיין זאַך ניט אַרויס, האָט זי איהרע אָפּגעשאָרענע האָר אויסגעפלאָכטען אין אַ שעהנעם לאַנגען צאָפּ, באַצירט מיט אַריינגע־פלאָכטענע רויטע סטענגעלאַך און עס באַהאַלטען אין דעם קופערט — דער מוזעי פון איהר צויבערליכען אַמאָל.

דורך די פאַרהאַרעוועטע שווערע יאָהרען פון איהר פאַרהייראַטען לע־בען האָט זי ניט געהאַט קיין צייט צו פאַרברענגען מיט׳ן סענטימענטאַלען קופערט, און זי האָט זעלטען זיך דערמאָנט אָן איהר שוואַרצען צאָפּ, דער וויכטיגסטער לעבעדיגסטער עדות פון איהרע פריהלינגס טעג. איצטער אָבער, ווען זי דערזעהט דעם צאָפּ, ווערט זי אויפגעציטערט מיט מאָדנע געפיהלען. איהר קאָפּ האָר איז גרוי, שוין פילע יאָהרען גרוי ; דער צאָפּ איז ניט גרוי געוואָרען אין דעם קופערט ; ער איז פאַרבליבען מיט דער זעלבער גלאַנציגער וואונדערליכער שוואַרצקייט, מיט וועלכער מיני׳ס האָר — אַ קאָפּ מיט אַ וואַלד פוכקע כוואַליעס, האָט זיך אַלעמאָל אויסגעצייכענט.

איהרע צעפּ, איהרע שוואַרצע צעפּ, ווי איהרע שוואַרצע איינדרוקס־פולע אויגען, זיינען אַלעמאָל געווען מיני'ס גרעסטע קאַרט אין איהר „גיים" אַלס יונגע פרוי.

אַלס יונגע מיידעל זיינען איהרע צוויי שעהנע פאַרפלאָכטענע צעפּ געווען די סענסאַציע ביי די מיידלעך און אינגלעך אין שטעטעל. ווען מען האָט זיך אַרויסגעלאָזען שבת נאָך דעם וואַרמעס אויפ'ן שפּאַציר. אַלס אַ יונגע ווייבעל, ווען זי האָט אָפּגעשוירען די האָר, האָט איהר קאָפּ פאַרגע־שטעלט אַ שוואַרץ־בלויען פלאָם.

און אַט זעהט זי דעם שוואַרץ־בלויען פלאָם שטיל שלאָפען אין אַ קעסטעלע. איהרע איצטיגע האָר, זעהר שיטערע, האָבען דעם קאָליר פון זילבערנעם אַש. מיני איז זעהר יונג גרוי געוואָרען, און וואָס עלטער זי איז געוואָרען, אַלץ מערער האָט איהר געערגערט איהר גרוי ווערען; איז קוקט זי אויף איהר שוואַרצען צאָפּ מיט די רויטע שלייפלאַך און זי קען זיך קוים אָנזעטיגען מיט באַוואונדערונג, וואָס זי זעהט אַ טייל פון זיך אין דעם ווירק־ליכען געשטאַלט פון דעם טייערען אַמאָל.

אַזוי שטעהט מיני ביים קופערט. זי קען זיך ניט שיידען פון איהרע געטרייע עדות דאָ אין קופערט, וואָס רעדען צו איהר, וואָס דערצעהלען פון איהר גאָלדענער פאַרגאַנגענהייט.

אַ שוסטער פאַר אַ מאַן

ווען יעטע האַראָוויץ איז געבליבען אַן אַלמנה, איז זי געווען אין איהרע בליהענדע יאָהרען אַלס פרוי — צווישען דרייסיג און פערציג. און ערשט איצט, אין פּלוצעהן יאָהר אַרום, האָט זי זיך גענומען צוהערען צו אַ שידוך. יע, זי האָט באַשלאָסען חתונה צו האָבען, יעטע האַראָוויץ, און זי אַמפּערט זיך איצט מיט איהר „בעקסט-דאַריגע" מיסעס גוירטי ראָזין וועגען דעם שידוך וואָס זי, מיסעס ראָזין, רעדט איהר.

— ניין, טייערינקע, — האָט זיך יעטע געבעטען ביי איהר פריינדינע די שכנ'טע, — איידער ווידער אַזאַ שידוך, איז שוין בעסער גאָר ניט חתונה האָבען.

— מיסעס האַראָוויץ, — האָט מיסעס ראָזין איהר גענומען צורעדען — ער איז דאָך זעהר אַ פיינער מענש, אַ היינטוועלטיגער, און ער מאַכט אַ פיינעם לעבען, און קיין קינדער זיינען ניטאָ, וואָס נאָך ווילט איהר?

— פּליעז, רעדט צו מיר ניט וועגען דעם.

— איך זאָג אייך, מיסעס האַראָוויץ, איהר וועט ביי איהם האָבען אַ גוטען לעבען. מיט זיין ערשטער פרוי האָט ער אויך געלעבט זעהר שעהן.

— עס ציהט מיר ניט דאָס האַרץ צו איהם.

— איהר רעדט דאָך עפּעס ווי איהר וואָלט געווען אַ מיידעל פון צוואַנ־ציג יאָהר.

— מיסעס ראָזין, — האָט מיסעס האַראָוויץ אויסגערופען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. — דאָס האַרץ איז אַלעמאָל יונג, בפרט ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ יונגע אַלמנה; די יאָהרען זיינען אַוועק, און מען האָט נאָך גאָרניט געלעבט.

— הערט זיך איין מיסעס האַראָוויץ: יונגע מיידלעך קריגען אויך ניט פּונקט דעם וועמען זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט.

— אָבער איך האָב קינדער; איהר ווייסט דאָך קינדער מיט וועמען מען קען זיך איבערנעמען; איז קען איך ניט חתונה האָבען מיט אַבי וועמען.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט אייערע קינדער?

— איך ווייס וואָס איך האָב צו טאָן, מיסעס ראָזין, און לאָמיר מעהר ניט רעדען וועגען דעם, — האָט די אַלמנה געזאָגט אַזוי געערגערט, אַז די שדכנ'טע האָט דערפיהלט דאָס זי דאַרף איצט מעהר איהר ניט צורעדען צו דעם אידען, וועלכער הייסט מאַקס רובינשטיין, און וועלכער האָט איהר

געבעטען, אַז זי זאָל איהם רעדען דעם שידוך ווייל ער גלייכט זעהר מיסעס האָראָוויץ.

מיסעס ראָזין האָט בלויז פאַרענדיגט אַביסעלע שפּאָטיג:

— ער איז פאַרליבט אין אייך, מיסטער רובינשטיין.

אויף דעם האָט יעטע געענטפערט מיט זעהר אַן ערנסטען זיפץ.

זינט גוירטי ראָזין האָט גענומען אַגיטירען וועגען דעם אידען רובינשטיין, האָט זיך ביי יעטע'ן אויפגעוועקט אַ ווייטער וועהטאָג אין איהר פרויען הארץ, אַ וועהטאָג, אַזש פון די גאָר יונגע מיידעלשע יאָהרען. זי האָט ניט געקענט ליידען פאַרוואָס מיסעס ראָזין וואָגט גאָר צו רעדען איהר אַזאַ שידוך. אָבער זאָגען אָפען פאַרוואָס דאָס פאַרדריסט איהר אַזוי, האָט זי ניט געקענט. ביי זיך אין האַרצען האָט יעטע געוואוסט, אַז ניט זי און ניט איהרע „באַרימטע" קינדער האָבען פאַרדינט אַז מען זאָל גאָר וואָגען איהר צו רעדען אַזאַ שידוך.

ווען איהר מאַן לייבע איז געשטאָרבען, האָט ער איהר איבערגעלאָזען אין אָרימקייט און אין רעכטען מיטען פון אַ צרה'דיגען לעבען. פון איהרע דריי קינדער — צוויי זיהן און אַ טאָכטער — איז ניט געווען קיין איינער וואָס זאָל קענען אַריינברענגען אויף אַ לעבען צו מאַכען.

אַלע דריי קינדער איהרע זיינען נאָך געגאַנגען אין סקול. די אינגסטע קינד, עוועלין, איז נאָך אינגאַנצען אַלט געווען צעהן יאָהר. דער מיטעלסטער, סידני, איז געגאַנגען דעם לעצטען יאָהר פּאַבליק סקול, און דער עלטסטער, דער אַכצעהן יאָהריגער מילטאָן, איז שוין אַריינגעקומען אין קאָלעדזש, און ס'איז געווען דער מאַמע'ס לעבענס אַמביציע, אַז איהר מילטאָן זאָל זיין אַ קאָלעדזש מאַן, און טאַקע ווערען אַ דאָקטאָר.

מילטאָן, וועלכער האָט יע געהאַט אַ שטיקעל דזשאָב אין די אָווענטען פאַר אַכט דאָלאַר אַ וואָך, האָט געוואָלט אויפגעבען זיין לערנען און זוכען אַ גאַנצען דזשאָב, און אויסהאַלטען דער מאַמען מיט די אינגערע קינדער. אָבער די מאַמע האָט עס איהם ניט געלאָזען טאָן.

זייענדיג צונומען פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז אָנגעקומען אויף דער פאַמיליע מיט דעם פאָטער'ס פּלוצליכען טויט, האָט זיך מילטאָן געבעטען:

— מאַמע, מיר זיינען דאָך געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען; וועל איך זוכען אַ רעגעלען דזשאָב; אין אַ יאָהר אַרום וועט סידני שוין האָבען זיינע „וואָירקינג פּעיפּערס", און ער וועט קענען האָבען אַ דזשאָב, און מיר וועלען קענען לעבען.

— ניין, מיין קינד, — האָט יעטע איהם געענטפערט מיט איינגע־

שפּאַרטקייט, — דו מוזט געהן אין קאָלעדזש, און סידנעלע וועט מוזען געהן אין האַי־סקול.

— באַט, מאַמאַ! — האָט מילטאָן אויסגערופּען.

— דו פאָלג מיר, מיין זוהן, — האָט איהם די מאַמע געטרייסט, — וועט אַלעס זיין גוט.

יעטע האַראָוויץ האָט געמוזט אויסהאָדעווען געלערענטע זיהן, וואָס זאָלען זיין אַ צירונג פאַר לייט. זי האָט געמוזט; אַנדערש וואָלט איהר אַזוי אויך טרויעריגער לעבען קיין ווערט ניט געהאַט.

פון קינדווייז־אָן איז יעטע געווען אַזאַ מענש, וואָס האָט געשטרעבט צו עפּעס אַ העכערקייט אין לעבען, צו עפּעס אַ דערגרייכונג, און דאָס האָט זיך איהר קיינמאָל ניט איינגעגעבען. אַמאָל, אַמאָל, ביי איהרע עלטערען אין הויז, אין דעם סאַמע אָרימסטען עק פון דער אָרימער שטעטעל, אַ גע־זינד דורכאויס פון מוידען איינע אונטער די אַנדערע, האָט יעטע'ס נשמה רעוואָלטירט און געריסען זיך צו אַ שעהנערען און העכערען שטאַנד פון לעבען. אין דער דאָזיגער היים איהרער, אַ פאַרגעסענער אָרט פון דער רוי־שיגער וועלט, האָט זי באַשלאָסען ביי זיך ניט חתונה צו האָבען מיט אַזעל־כע מענער, ווי איהרע עלטערע צוויי שוועסטער — איינע מיט אַ שוסטער, און די צווייטע מיט אַ פוהרמאַן. זי איז געווען די איינציגע פון דער הויז־געזינד, וואָס האָט זיך פון זיך אַליין אויסגעלערענט לייענען און שרייבען; זי איז געווען די איינציגע פון איהרע שוועסטער, וועלכע האָט זיך אויסגע־לערענט צו זיין אַ נעיטערקע, אום ניט צו זיין קיין דינסט־מיידעל.

יעטע האָט געזוכט אַרויסצורייסען זיך פון דער אָרימער אומגעבונג, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען. צוליב דעם האָט זי אָנגעהויבען געהן אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, וואו אָרימע מיידלעך און געלערענטע יונגעלייט האָבען צוזאַמען פאַרבראַכט און געלערענט איינע די אַנדערע „וויסענשאַפט".

מיט די חברים און חבר'טעס דאָרטען, ביי די אידעאַליסטישע צו־זאַמענקונפטען, האָט זיך יעטע אויפגעהויבען גייסטיג, וואָס ביי איהר קליינ־שטעטעלדיגען באַגריף האָט עס געהייסען יחוס, אויפגעהויבען זיך צו אַ העכערען שטאַנד.

ביי די פאַרזאַמלונגען זיינען געווען יונגעלייט — שוסטער, שניידער, פוהרמאַנעס, סטאָליאַרעס און נאָך אַזעלכע פּשוט'ע מענשען, וואָס זיינען אויך געקומען צו דערהויבען זיך גייסטיג.

האָט זיך אין יעטע'ן פאַרליבט איינער פון די חברים, לייבע דער

שוסטער. זי האָט זעהר ניט געוואָלט חתונה האָבען מיט איהם. די קליינשטע־טעלדיגע גרינגשעצונג צו אַ שוסטער איז ביי איהר געלעגען איינגעוואָר־צעלט אין האַרצען, כאָטש זי אַליין איז אויך געווען פון אַ זעהר אָרימער הויז. אָבער אַזוי ווי לייבע איז געווען זעהר אַן ערנסטער בחור, דער ערג־סטערסטער פון אַלע וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום איהר, האָט זי מיט איהם יע חתונה געהאַט.

אין אַמעריקע איז לייבע האַראָוויץ געוואָרען אַ סקוירט־פּרעסער.

אין אַמעריקע האָבען די האַראָוויצעס באַלד פאַרגעסען דעם אונטער־שייד פון אַ שוסטער ביז אַ פּרעסער. אין אַמעריקע האָבען מיסטער און מי־סעס האַראָוויץ בכלל ניט געטראַכט וועגען דעם וואָס זיי אַליין זיינען, נאָר וועגען די קינדער. אַלע זייערע געדאַנקען וועגען דערהויבונגען אין לעבען האָבען זיך געדרעהט אַרום די קינדער, אַרום דעם צוקונפטיגען דור, וואָס קען אַלץ דערגרייכען אין אַמעריקע.

די קינדער זיינען געגאַנגען אין סקול; טאַטע און מאַמע האָבען גע־חלומ׳ט און געפּלאַנעוועט וועגען אַ דאָקטאָר, וועגען אַ לאָיער, וועגען אַ טיטשער.

און ווען לייבע און יעטע האָבען געזעהן, ווי די קינדער וואַקסען הויך און שעהן, און צוויי זיינען שוין אין האַי־סקול, האָבען זיי ממש געזעהן ווי זייערע אַמאָליגע שטרעבונגען וועגען זיך ווערען פאַרווירקליכט אויף זיי־ערע קינדער. די קינדער זייערע פליהען הויך, הויך. זיי דערהויבען זיך, די קינדער, און מיט זיי דערהויבען זיך טאַטע־מאַמע.

האָט לייבע, דער געטרייער מאַן און פאָטער, פאַרלאָזען זיין ווייב און קינדער... געשטאָרבען לייבע האַראָוויץ, און איבערגעלאָזען זיין יעטע׳ן ניט קיין דערשוואומענע צו אַ ברעג.

נו, איז יעטע דערשוואומען צו דעם ברעג, צו וועלכען זי האָט געגאַרט צוצוקומען.

זי איז אָוועק אין שאָפּ אַרבייטען; בייטאָג האָט זי געאַרבייט אויף פּרנסה, ביינאַכט — אין הויז. זי האָט אַזוי איינגעאָרדענט, אַז יעדעס קינד זאָל אַביסעלע צוהעלפען, עס הייסט, העלפען איינער דעם צווייטען; און אַזוי־אַרום איז מילטאָן געוואָרען אַ דאָקטאָר, סידני — אַ לאָיער, און עווע־לין האָט חתונה געהאַט מיט אַ טיטשער.

אַלץ איז דערגרייכט געוואָרען — מילטאָן און עוועלין זיינען שוין פאַרהייראַט, און סידני האָט שוין געקראָגען אַ „סטעדי״ מיידעל, וואָס וויל איהם עפּענען אַן אָפיס, און יעטע האָט שוין פון לאַנג דערפיהלט אַ מיד־קייט, האָט זי גענומען טראַכטען וועגען זיך.

איז איהר אפגעקומען געזונט, יעטע׳ן, דערפון, וואס מיסעס ראזין האט זיך אנגעזעצט אויף איהר מיט דעם אידען מאקס רובינשטיין, דער שוסטער פון בלאק, וואס לאטעט שיך אין דער שמאלער סטארקע לעבען קארנער.

ווי אזוי קען זי פארשעמען איהרע קינדער, אזעלכע גרויסארטיגע קינדער, און חתונה האבען מיט א שוסטער, ווידער מיט א שוסטער?

פאר גווירטי ראזינ׳ען פאסט יעטע׳ן ניט צו זאגען, פארוואס זי וויל ניט רובינשטיינ׳ען דעם שוסטער. מיסעס ראזין איז אויך א היינטוועלטיגע. זי איז אויך אמאל געגאנגען אויף פארזאמלונגען אין ווואלד, און זי איז דא אין אמעריקע אין א פרויען־קאונסיל, א קלוב אזא, וואו מען רעדט וועגען פרייהייט און גלייכהייט. יעטע געהט אמאל מיט דער מיסעס ראזין אין דעם דאזיגען פרויען־קלוב צו א „פארטי”. איז פאר גווירטי ראזינ׳ען שעמט זיך יעטע צו עפענען איהר באטריבטע הארץ. אבער פאר איהר עלטערער שוועסטער, וועמעס מאן איז דא אין אמעריקע א פארמעגליכער טראקמאן, און וועלכער קריגט זיך מיט איהר, למאי זי פארנאכלעסיגט זיך און האט ניט חתונה, רעדט יעטע אפען, אז זי קען ניט פארשעמען איהרע קינדער און בעמען א שוסטער.

— סטייטש, — טענה׳ט צו איהר די שוועסטער, — דיין לייבע, דיין אייגענער מאן, איז דאך געווען א שוסטער.

אויף דעם ענטפערט יעטע:

— אז א שוסטער א טאטע האט א זוהן א דאקטאר, א זוהן א לאיער און אן איידעם א טיטשער, איז עס א כבוד. אבער ווען א מאמע, וואס האט א דאקטאר, א לאיער און א טיטשער, נעמט א שוסטער, און א לאטוטניק נאך דערצו, איז עס גארניט קיין כבוד. עס איז מיר ניט שעהן פאר די קינדער.

— יעטע, — קאכט זיך די שוועסטער, — אז דיינע קינדער ארט עס ניט, זיי ווילען דאך, אז דו זאלסט חתונה האבען מיט רובינשטיינ׳ען. זיי האבען עס מיר אליין געזאגט.

— ווייס איך וואס... — איז יעטע מבטל, — די קינדער זאגען... זיי ווייסען ניט וואס זיי רעדען. וואס ווייסען זיי און וואס פארשטייען זיי, די אמעריקאנער קינדער!

און עס איז געווען ווי אמאל: ס׳האט זיך געדרעהט און געדרעהט, און אזוי ווי מאקס רובינשטיין איז געווען דער עהרליכסטער פון אלע אלטע „חתנים”, מיט וועלכע זי האט זיך געזעהן, און אויף א לעבען פארדינט ער, און האט געמומען ארויפקומען צו איהר פיין אנגעטאן, און גערעדט צו איהר איידעל, — האט יעטע מיט איהם טאקע חתונה געהאט...

יאַנקעל

ער קען מיך ניט, אָבער איך קען איהם יע; איך זעה איהם, און ער זעהט מיך ניט.

יאַנקעל הייסט ער, און ער איז מיינער אַ לאַנדסמאַן. יאַנקעל, דעם צווייטען נאָמען זיינעם ווייס איך ניט און האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, כאָטש איך קען איהם דורך אַלע יאָהרען פון מיין לעבען; כאָטש ער און זיין ווייב און זיינע קינדער האָבען געוואוינט ביי אונז אין הויז, אין אַ קאַמער.

יאַנקעל איז אַוועקגעפאָהרען פון אונזער הויז קיין אַמעריקע. איך בין דאַן געווען אַ זעקס-יאָהריגער אינגעל. איך געדענק די געשלעגען וואָס איך האָב געהאַט מיט זיינע קינדער, און איך געדענק דעם אָוענט ווען מען האָט געשלעפט גרויסע פעק אויפ'ן וואָגען, און יאַנקעל איז אַוועק־געפאָהרען קיין אַמעריקע.

יאַנקעל מיט זיין אַנגעזיכט, מיט זיינע ווערטלאַך, מיט זיינע גוזמאו־דיגע מעשה'לאַך, האָט געלעבט ביי אונז אין הויז אַ סך יאָהרען נאָכדעם ווי ער איז שוין אַוועקגעפאָהרען.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, דאָס איז געווען אַ יאָהר צוועלף נאָכדעם ווי ער איז אַוועק, האָב איך איהם דערזעהן ביים פאַרקאַן פון העס־טער פאַרק. ער איז געשטאַנען צווישען די העסטער פאַרק אידען, די בעלי־מלאכות, וואָס היטען אָפּ שבת אין אַמעריקע. דאָס זיינען אידען מיט אַלערליי בערד און בערדלאַך, סטאָליאַרעס, בלעכער און מוליאַרעס; זיי נעמען אָן פאַר זיך קליינע דזשאָבס, אָדער פאַרדינגען זיך אויף אַ טאָג אַרבייט, און זיינען זעלבסטשטענדיג אָפּצוהיטען שבת.

יאַנקעל, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדעל, אין אַן אַלטען ראָק, איז גע־שטאַנען ביים פאַרקאַן פון העסטער פאַרק און האָט געהאַלטען סטאָליאַר־סקע געצייג איינגעוויקעלט אין אַ זעקעל.

ער האָט מיך ניט דערקענט, וויל אין די צוועלף יאָהר איז פון מיר — אַ זעקס־יאָהריג אינגעל — געוואָרען אַן אַכצעהן־יאָהריגער בחור. איך האָב איהם אָבער געזעהן, איך האָב איהם דערקענט, יאַנקלען, אין די

צוועלף יאָהר, האָט ער זיך ניט געענדערט. איך האָב דאָן פאַרשטאַנען, אַז ווען ער איז אַוועקגעפאָהרען פון אונז, איז ער מסתמא געווען אַ דרייסיג יאָהר אַלט. ווען איך האָב איהם געזעהן ביי מיין אַנקומען אין אַמעריקע, איז ער געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג. ער האָט געהאַט די זעלבע שוואַרצע געשאָרענע בערדעל.

די באַקען זיינען ביי יאַנקלען געווען פולע און בליהענדע. דער פּנים אַ געזונטער, די פיגור אַ פעסטע און אַ גלייכע.

איך בין צו איהם ניט צוגעגאַנגען.

שוין פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַז איך זעה יאַנקלען ביים פּאַרקאַן פון העסטער פּאַרק מיט זיינע סטאָליאַרסקע געצייג איינגעוויקעלט אין אַ זעקעל.

אַמאָל זעה איך איהם צוויי מאָל יעדען טאָג, אַמאָל זעה איך איהם איין מאָל אין צוויי וואָכען, און אַמאָל זעה איך איהם איין מאָל אין צוויי יאָהר. איך זעה איהם אָבער כסדר, און פאַר די גאַנצע פינף־און־צוואַנציג יאָהר בין איך צו איהם נאָך ניט צוגעגאַנגען. איך זעה איהם, און ער זעהט מיך ניט; ער קען מיך ניט.

אין די פינף־און־צוואַנציג יאָהר זיינען אַ סך איבערקערענישען פאָר־געקומען אַרום העסטער פּאַרק, אַ סך איבערקערענישען אין מיינע און יאַנקעל׳ס שטעטעל, דאָרט אין דער ליטא, אַ סך ענדערונגען אין מיין אייגענעם לעבען, און אָט די איבערקערענישען לייען איך די גאַנצע פינף־און־צוואַנציג יאָהר אויף יאַנקעל׳ס פּנים.

פאַר פינף־און־צוואַנציג יאָהר איז זיין בערדעל געווען שוואַרץ, זיין פּנים בליהענד, זיין פיגור סטראַיגע.

פאַר פופצעהן יאָהרען איז זיין בערדעל געוואָרען אַ שטאָלענע אין קאָליר, זיין פּנים בלאַסליך, און זיינע אַקסלען אַרונטערגעזעצט. פאַר צעהן יאָהרען איז זיין בערדעל געוואָרען ווייסער, זיינע אויגען קלענער, און אויף זיינע באַקען האָבען זיך געשפּילט רויטליכע פלעקען.

פאַר פינף יאָהרען איז יאַנקעל געוואָרען דאַרער, אויפ׳ן אָרט פון די רויטליכע פלעקען אויף די באַקען זיינען געוואָרען טונקעלע אָדערען; די בערדעל איז געוואָרען מעהר ווייס ווי שוואַרץ.

איצטער זעה איך איהם אַביסעל געבויגען, די בערדעל אינגאַנצען ווייס, די אויגען טעמפּע, די אָדערען אויף די באַקען זיינען געוואָרען בלוי, אַ בלויקייט מיט קנייטשען וואָס פאַרגעהען אין שוואַרץ.

איך זעה איהם אַלץ מיט די סטאַליאַרסקע געציג, איינגעוויקעלט אין דעם אַלטען זעקעל, ביים פּאַרקאַן פון העסטען פּאַרק.

איך לייען אויף זיין געענדערטען פּנים די ענדערונגען פון דער איסט סאַיד, די ענדערונגען פון דער אַלטער היים, און די ענדערונגען פון מיין לעבען.

איך זעה איהם אַמאָל צוויי מאָל אַ טאָג, און אַמאָל איין מאָל אין צוויי יאָהר. איך זעה איהם, און ער זעהט מיך ניט.

איך קלייב זיך אַלץ צוצוגעהן צו איהם, זאָגען איהם „וואָס מאַכט איהר רב יעקב? איהר דערקענט מיך?”

ער און זי

אַמאָל, אַמאָל איז זי געווען איגגער פון איהם מיט איין יאָהר.

ווען זיי האָבען זיך פאַרליבט, איז זי אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר, און ער איז אַלט געווען אַכצעהן יאָהר.

זיי זיינען אַרומגעגאַנגען דריי יאָהר צייט, און צו דער חתונה איז זי אַלט געווען ניינצעהן יאָהר און ער איז אַלט געווען איין־און־צוואַנציג יאָהר.

פינף יאָהר נאָך דער חתונה, ווען זיי האָבען שוין געהאַט דריי קינדער, איז זי אַלט געווען צוויי־און־צוואַנציג יאָהר, און ער איז אַלט געווען זעקס־און־צוואַנציג יאָהר.

צעהן יאָהר נאָך דער חתונה, ווען זיי האָבען שוין געהאַט פינף קינ־דער, איז זי אַלט געווען זעקס־און־צוואַנציג יאָהר, און ער איז אַלט געווען איין־און־דרייסיג יאָהר.

ווען די עלסטע קינד האָט געענדיגט פּאַבליק סקול, אוז זי, די מוטער, אַלט געווען דריי־און־דרייסיג יאָהר, און ער, איז אַלט געווען זיבען־און־דרייסיג יאָהר.

ווען דער מוזיקעל איז אַרויס פון פּאַבליק סקול, איז זי, די מוטער, אַלט געווען דריי־און־דרייסיג יאָהר, און ער, דער פאָטער, איז אַלט געווען זעקס־און־פערציג יאָהר.

אין צוויי יאָהר אַרום האָט דאָס עלטסטע קינד חתונה געהאַט. דאַן איז

די מוטער איז אלט געווען דיזעלבע דריי־און־דרייסיג יאָהר, און דער פאָטער איז אלט געוואָרען אכט־און־פערציג יאָהר.

פון דאן אן זיינען שוין אוועק זיבען יאָהר. דער פאָטער איז אלט געוואָרען פסח צייט פינף־און־פופציג יאָהר, זי, די מוטער, וועט אם ירצה השם, ארום סוכות אלט ווערען פינף־און־דרייסיג יאָהר.

***

אמאָל, אמאָל, זיינען ביידע געווען יונגינקע און האָבען אויסגעקוקט ווי א ברודער מיט א שוועסטער, ווי א צווילינג.

נאך דריי יאָהר ארומגעהן, האָט ער צו דער חתונה אויסגעקוקט ווי זיבעצעהן יאָהר, און זי האָט אויסגעקוקט ווי דריי־און־צוואנציג יאָהר.

פינף יאָהר נאך דער חתונה, ווען זי האָט שוין געהאַט דריי קינדער, האָט זי זיך געעלטערט אויף צוויי מאָל אזוי פיל, און ער האָט נאך אלץ אויסגעזעהן ווי א יונגער בחור'ל.

צעהן יאָהר נאך דער חתונה, צעהן ביטערע יאָהרען פון האָבען און האָדעווען פינף קינדער, האָט זי שוין אויסגעזעהן ווי א פופציג־יאָהריגע אידענע, און ער האָט ערשט גענומען בליהען ווי א פינף־און־צוואנציג יאָהריגער יונגערמאנטשיק.

זיי האָבען זיך געָ׳גט

עס פּאַסירט ביי מאַנכע ערשט־פאַרהייראַטע פּאָר־פאָלק, דאָס מען פיהלט זיך ניט אַזוי גליקליך איינער מיט׳ן צווייטען, אָבער מען לאָזט עס אַזוי געהן; מען שמועסט זיך איין, אַז מען איז גליקליך, און מען לעבט זיך אַזוי אָפּ אַ לאַנגען צופרידענעם לעבען. שפּעטער, אין די ווייטערע יאָהרען, געדענקען גאָרניט מאַן און ווייב זייערע צווייפלען וועגען יאָ גליק אָדער ניט גליק, און ווען זיי דערמאָנען זיך די אורזאַכען, פאַר וועלכע זיי פלעגען זיך אַמאָל, אין די יונגע יאָהרען, קריגען, לאַכען זיי פון זיך אַליין, וואָס פאַר אַ מאָדנע נפשות זיי זיינען דאַן געווען.

גאָר אַנדערש איז פאָרגעקומען מיט דעם יונגען פּאָר־פאָלק מאַרעי און פאָלאַ דיקסאָן.

די דיקסאָנ׳ס האָבען זיך בשום אופן ניט געקענט איינשמועסען אַז זיי זיינען גליקליך, און פיער יאָהר נאָך זייער חתונה, האָבען זיי זיך געָ׳גט. און זייט זיי האָבען זיך געָ׳גט, זוכען זיי אין זייערע הערצער — ער פון זיין זייט און זי פון איהר זייט — די אורזאַך, פאַרוואָס זיי האָבען זיך געָ׳גט. און וואָס מעהר זיי ווערען איבערצייגט, אַז זייער גט׳ן זיך איז געווען אַ גלייכע זאַך, אַלץ אומעטיגער ווערט זיי אויף די הערצער און זיי זוכען נייע באַווייזען, נייע אורזאַכען אויפצובויען אַ „קעיס״, אַ באַרעכטיגונג פאַר זייער שיידען זיך.

אין די רעקאָרדס פון דעם סטעיט געריכט אין לאָנג איילאַנד סיטי, וואו די דיקסאָנ׳ס האָבען געוואוינט, איז פאַרשריבען, אַז דער גט פון דעם יונגען פּאָר פאָלק מאַרעי און פאָלאַ דיקסאָן, פון טוירנפּאַיק־ראָוד און זיבעציגסטע עוועניו, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אויף די באַווייזען געגען מאַרעי׳ן, אַז ער איז געווען אומטריי צו זיין פרוי. עדות האָבען געשוואָרען פאַר דעם ריכטער, דאָס זיי האָבען אַליין געזעהן מאַרעי דיקסאָנ׳ען אין אַ זינדיגען צושטאַנד מיט אַ געוויסער פרוי, אין אַ געוויסער הויז, אין אַ געוויסען טאָג.

האָט פאָלאַ געקראָגען דעם געזעצליכען גט געגען איהר מאַן, און זי האָט שוין דערפאַר געקראָגען דאָס רעכט צו האָבען דאָס קינד ביי זיך, אַ מיידעלע פון צוויי יאָהר.

דער אמת איז, אַז מאַרעי האָט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געהאַט

צו טאָן מיט קיין אַנדער פרוי. דעם בלבול האָט ער אויף זיך גענומען, ווייל אַנדערש קריגט מען ניט קיין גט אין סטעיט ניו יאָרק. אימיצער פון דעם פּאָר פאָלק מוז באַגעהן אומטרייהייט. האָט מאַרעי גענומען די שולד אויף זיך אויס דזשענטעלמענישקייט צו פּאָלאַ׳ן, כדי זי זאָל ניט פּאַרלירען דאָס רעכט צו האָדוּוען איהר קינד.

די אמת׳ע אורזאַך, צוליב וועלכער פּאָלאַ און מאַרעי דיקסאָן האָבען זיך גע׳גט, איז געווען אַ מואווינג פּיקטשור.

עס איז געווען אַזוי:

אין אָוונט, נאָך סאַפּער, זיינען זיי צוגעגאַנגען צו דער הויפּט־גאַס פון זייער געגענד צו זעהן אַ מואווי. פריהער, איידער זיי זיינען אַרויס פון שטוב, האָט פּאָלאַ געהייסען מאַרעי׳ן אָפּרופען דעם „גאָלדען געיט טעאַ־טער“ און פרעגען וואָס מען שפּילט דאָרטען. זי וועט זיך דערווייל אָנטאָן.

— מען שפּילט אַ פּיקטשור מיט גרעטאַ גאַרבאָ און דזשאָהן גיל־בערט, — האָט מאַרעי געזאָגט, ווען ער האָט אויפגעהאַנגען דעם טעלעפאָן.

— רוף אָפּ דעם אַנדערען טעאַטער, „דהי שאָו האוז“.

— וואָס דאַרפסטו רופען „דהי שאָו האוז“, — דינגט זיך מאַרעי, — אַז אין „דהי גאָלדען געיט“ שפּילט מען אַ גוטע זאַך.

— פון וואַנען ווייסטו שוין, אַז עס איז אַ גוטע זאַך?

— גרעטאַ גאַרבאָ מיט דזשאָהן גילבערט! — האָט מאַרעי אויס־גערופען.

— רוף אָפּ „דהי שאָו האוז“! — האָט פּאָלאַ באַפוילען.

מאַרעי האָט אָפּגערופען און האָט אַנאָנסירט:

— קלאַרק געיבעל מיט לאַנאַ טוירנער.

— מיר וועלען געהן אין „דהי שאָו האוז“, — האָט פּאָלאַ גע׳פּסק׳נט.

— פּאַר וואָס עפּעס אין „דהי שאָו האוז“? — האָט מאַרעי געפרעגט.

— ווייל אין „דהי שאָו האוז“ איז אַ בעסערע פּיקטשור, — האָט פּאָלאַ געענטפערט, אויסציהענדיג די ווערטער מיט פעסטקייט און שוין מיט כעס טאַקע.

— פון וואַנען ווייסטו אַז עס איז אַ בעסערע פּיקטשור? — האָט מאַרעי געפרעגט מיט חוזק.

— ווייל עס איז קלאַרק געיבעל און לאַנאַ טוירנער, — האָט זי איהם אַריינגעזאָגט.

עס איז געווען ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָס דאָזיגע פּאַר־פאָלק, אויפ׳ן פערטען יאָהר נאָך זייער חתונה, האָבען זיך צו־ווערטעלט, און טאַקע שטאַרק געקריגט, ווען מען האָט געדאַרפט „אויסגעהן“ אין טעאַ־

טער. ביים געהן זעהן אַ מואווי, האָבען די דאָזיגע צוויי יונגע מענשען זיך אָוועקגעשטעלט אויספּעכטען די פראַגע וועגן פון זיי איז וויכטיגער און האָט מעהר דעה.

ביי אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם האָבען זיי אויך ניט געקענט דורכקומען; אָבער דאָס איז געסעטעלט געוואָרען דערמיט, וואָס מאַרעי האָט פאַר זיך געקויפט אַ קליינע ראַדיאָ און ער האָט זיך, ווי מען זאָגט, אָפּגעזונדערט פון איהר. „אַי קענ'ט סטענד יור פּראָגראַמס" (איך קען ניט פאַרטראָגען די פּראָגראַמען וואָס דו קלייבסט זיך אויס), האָט ער צו איהר געזאָגט, ווען ער האָט געבראַכט די ראַדיאָ. און עס איז דאַן געווען צווישען זיי אַ קריגעריי און אַ ברוגז אויף עטליכע טעג.

אייגענטליך איז זיי קיין מאָל ניט געווען קלאָר, צי די באַזונדערע ראַדיאָ־פּראָגראַמען און די באַזונדערע מואוויס זיינען געווען די אורזאַכען פון זייערע קריגערייען; צי, פאַרקערט, זייערע קריגערייען האָבען פאַר־אורזאַכט אַז זיי זאָלען ניט וועלען אַנערקענען איינער דעם צווייטענ'ס גע־שמאַק, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ צייט־פאַרטרייב. וואָרים דאָס דאָזיגע פאַר־פאַלק האָט אין דער שטיל, יעדערער פון זיי פאַר זיך, זעהר אָפט זיך פאַרטראַכט וועגען דעם, וואָס יעדע פאַר וואָכען פלאַקערט ביי זיי אויף אַ ביטערע מלחמה; און פון איין מלחמה'לע ביז דער צווייטער געדענקען זיי ניט פאַר וואָס זיי האָבען זיך געקריגט.

איבערהויפּט האָט מאַרעי ניט געדענקט די אורזאַכען פון זייערע פאַרגאַנגענע קריגערייען. פּאָלאַ האָט יאָ געדענקט געוויסע אַלטע ברוגז'ן זייערע, די אורזאַכען, און ספּעציעל די טעג וואָס דער ברוגז האָט געדויערט, האָט זי געדענקט.

— געדענק־זשע, — פלעגט זי איהם וואָרענען, ריכטיגער געזאָגט, אויפוואָרפען, ביי אַ צווייטען קריג. — דאָס מאָל, אַז איך וועל אָוועקגעהן צו מיינע עלטערען, וועט שוין דיין איבערבעטען זיך און פאַלען מיר צו די פיס ניט העלפען.

דאָס פלעגט איהם, נאַטירליך, מעהר אויפרייצען.

— אָלראַיט, געה, גאָ אַהעד! — פלעגט ער אויסרופען.

אין יענעם מאָמענט איז זי דוקא ניט אָוועק, נאָר ספּאָזמענדיג זיך צואויינט. דאָס צואווייגען זיך האָט באַוויזען איהר שוואַכקייט. האָט ער איהר גלייך איבערגעבעטען, איהר „געפאַלען צו די פיס", און זי האָט ווי־דעראַמאָל געזיגט.

אַזוי איז עס פון לאַנג אָנגעגאַנגען ביי מאַרעי דיקסאָן און זיין וויבעל פּאָלאַ. די אורזאַכען פון זייערע קריגערייען זיינען געווען ווי צוטשעפּע־

נישען, אום צו באווייזען ווער עס איז שטאַרקער אין דער קעניגרייך פון זייער פאַרהייראַטען לעבען.

יענעם מאָל, יענעם אָווענד, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען גרעטאַ גאַרבאָ אָדער קלאַרק געיבעל, האָט זיך דאָס ווערטלען זיך פאַרוואַנדעלט אין גאָר אַ גיפטיגען קריג, מחמת גאָר אַ געפעהרליכע קריגערישע פאַרטשעפעניש פון נעכטען האָט נאָך געטליעט אין דעם האַרצען פון דעם פאַר־פאָלק, איבערהויפט אין מאַרעי׳ס האַרץ.

נעכסטען נאָכמיטאָג, אין אַ וואַרימען זוניגען אָקטאָבער טאָג, איז פאָלאָ אָוועק מיט׳ן קינד צו איהר מאַמען, ניט ווייט אין דער געגענד. די מאַמע האָט געוואָלט אַז די קינדער זאָלען שוין עסען ביי איהר סאַפּער. האָט פאָלאָ אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן דעם פּלאַץ וואו מאַרעי איז באַשעפטיגט און זי האָט איהם געהייסען קומען צו איהרע עלטערען אין הויז, וואו זיי וועלען עסען צוזאַמען.

נאָך סאַפּער, ווען דאָס קינד איז איינגעשלאָפען אין קערידזש, זיינען די עלטערען און די טאָכטער מיט׳ן איידעם געזעסען אין ליווינג־רום, געהערט די ראַדיאָ און געשמועסט. די צווי פּרויען — מוטער און טאָכטער — האָבען זיך באַלד אָפּגעטיילט פון דעם אַלגעמיינעם שמועס און זיך פאַרטיפט אין זייערע ווייבערישע געשפּרעכען וועגען קליידער און העטס, און מאַרעי, וועלכער איז געבליבען מיט זיין שווער אויג אויף אויג אין אַ שוויי־גען, האָט זיך אויפגעהויבען צו געהן אַהיים.

— קום, פאָלאָ, לאָמיר געהן, — האָט ער אויסגערופען.

— דאָס קינד שלאָפט דאָך שוין אין קערידזש, — האָט פאָלאָ באַ־מערקט. — לאָמיר זיצען אַ ווײלע.

מאַרעי האָט קיינמאָל ניט געוואָלט בלייבען מיט׳ן שווער אויג אויף אויג, זינט ער האָט זיין שווער פיינט געקראַגען. און פיינט געקראָגען זיין שווער האָט ער, זינט ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער שווער האָט איהם, מאַרעי׳ן, פיינט. ער האָט געוואוסט, מאַרעי, אַז דער שווער וויל זיך מיט איהם פאַרטשעפּען אין אַ שמועס, און ער האָט שטענדיג געזוכט זיך אַרויס־צודרעהען.

— וואָס ביזטו אַלעמאָל אין איילעניש, מאַרעי? — האָט דער שווער געפרעגט דוקא פריינדליך, שוין צו פריינדליך.

— אַזוי, — האָט מאַרעי געענטפערט, ניט־וועלענדיג זאָגען עפּעס אַ ליגען וועגען וואָס ער איילט זיך, און ניט־וועלענדיג זאָגען דעם אמת, אום ניט צו ברענגען צו יענע באַקאַנטע דעבאַטעס, וואָס זיינען שוין געווען אַ געוועהנליכע זאַך צווישען זיי.

— אַזוי! — האָט איהם דער שווער איבערגעקרימט נאָך אַלץ פריינד־דליך, כמעט פאַטערליך. — וואָס אַזוי? עפּעס רעדסטו צו מיר ווי אַ סקול־באַי.

מאַרעי האָט זיך אַוועקגעזעצט. געזאָגט האָט ער גאָרניט. אין דעם מאָ־מענט האָט זיך איהם געוואָלט געבען אַ שטעל אַוועק און געהן אַהיים אַליין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שווער וויל צו איהם רעדען וועגען זאַכען, וואָס זיינען אומאַנגענעם פאַר איהם, פאַר מאַרעי'ן. ניט די זאַכען זיינען אַזוי אומאַנגענעם, ווי דער אופן און די רייד, ווי דער שווער, היימאַן יאַסנער, ברענגט זיי פאַר. אָבער אַ שטעל געבען זיך און פאַרלאָזען די הויז מיינט אָנפאַנגען אַ מלחמה, און דערויף איז מאַרעי ניט פעהיג געווען. די מלחמה־לעך האָבען זיך איהם איינגעגעסען אין די ביינער. ניט ער קען זיי אָנהויבען אַזוי לייכט ווי זיין פּאָלאַ מיט איהר פלאַמיגען כאַראַקטער, און ניט ער איז אַ בריה אויף צוזאַמענקלעפּען אַ שנעלען שלום.

דאַרפען האָט געדאַרפט פּאָלאַ אויפהויבען זיך צו געהן אַהיים, ווען ער האָט איהר גערופען; אָבער זי האָט זיך אַזוי פאַררעדט וועגען קליידער, וועלכע זי וועט איבערמאַכען און פון וועלכע זי וועט אַרויסנעמען די „זיי־פערס" און אַרויסוואַרפען פון די וואַרע, אַז עס איז איהר גאָר ניט אָנגעגאַנגען וואָס מאַרעי'ן האָט זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען אַהיים.

פּאָלאַ איז ערשט אַריין מיט איהר מוטער אין אַ דערבייאיגען צימער, צוזעפּענט די קליידער קלאָזעטס, געמאָסטען, פאַרגליכען — געפּלאַנט זייער ווינטערדיגען טואַלעט.

אַז דער ברייט־פּלייציגער און הויך־געוואַקסענער היימאַן יאַסנער איז געבליבען זיצען אַליין מיט מאַרעי'ן, האָט ער זיך צו איהם צוגעזעצט גאַנץ נאָהענט און געפרעגט מעשה שותף:

— וואָס הערט זיך עפּעס אין דיין „פּלעיס"?

— אין מיין פּלעיס? — האָט מאַרעי איבערגעפרעגט. — וואָס מיינט איהר, אין מיין פּלעיס?

— דאָרט, וואו דו אַרבייטסט, — האָט יאַסנער געענטפערט.

— ס'איז ניט מיין פּלעיס, — האָט מאַרעי געזאָגט אין אַ כמורנעם טאָן, — און איך ווייס ניט וואָס דאָרטען טוט זיך.

— פאַר וואָס ווילסטו ניט וויסען?

— אַז ס'איז ניט מיין ביזנעס צו וויסען.

— זעהסטו, מאַרעי, — האָט שוין דער שווער גענומען רעדען אין אַ טאָן פון מוסר־זאָגעריי. — מילא, אַז דו האָסט פון דיין לערנען זיך גע־

מאַכט אַ באַטש דזשאַב, איז עס אַ זאַך וואָס איז שוין פאַרפאַלען. דו ביזט געקומען און זיך באַריהמט, אַז דו האָסט געענדיגט צעהן קאַלעדזשעס —

— איך האָב זיך באַריהמט? — האָט מאַרעי איהם איבערגעשלאָגען, און דער שווער האָט איהם שנעל און גוטמוטיג איבערגעהאַקט:

— צאַלראַיט, מען זאָגט אַזוי: דו ביזט געגאַנגען אין 10 קאַלעדזשעס, אָבער דו האָסט ניט וואָס צו באַווייזען. וואָס קענסטו, נעבעך, טאָן?

מאַרעי האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו זאָגען עפּעס, אָבער דער שווער האָט איהם אָפּגעהאַלטען, אויף אַ פריינדליכען אופן צוגעהאַלטען איהם ביי די הענט און ער האָט פאַרטגעזעצט:

— דו וואָלסט געווען בעסער אָפּ מיט איין קאַלעדזש, אָבי קומען פון דאָרטען מיט דער ריכטיגער זאַך, מיט דער זאַך וואָס אַלע ווייסען אַז ס'איז קוראַנטע סחורה. וועל, איך בין —

דאָ האָט מאַרעי שוין ניט געלאָזען זיך און האָט אויסגערופען:

— איך האָב דעם טיטול דאָקטאָר!

— עט, — האָט דער שווער געזאָגט מיט חוזק. — איך מיין אַן אמת'ער דאָקטאָר, ניט אַזאַ וואָס דאַרף שטעהן אין אַ האַרדוואַר סטאָר און פאַרקויפען טעפּלעך און טשוועקעס.

מאַרעי האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, אָבער דער שווער, אַלץ גוטמוטיג, האָט איהם אָנגענומען ביי אַן אַקסעל, צוריק אַוועקגעזעצט איהם און האָט פאַרטגעזעצט אין אַ פעסטערען טאָן:

— הער זיך איין, מאַרעי. דאָ בין איך ניט געווען קיין בעל־הבית איבער דיר; אָבער איצט איז ניט דאָס וואָס אַמאָל.

— וואָס מיינט איהר?

— איך מיין וואָס איך מיין; איך מיין, אַז דו האָסט אַ ווייב מיט אַ קינד, און עס וועלען קומען נאָך קינדער, מסתמא.

— איך ווייס, — האָט מאַרעי געענטפערט אומרוהיג.

— דו ווייסט גאָרניט, — האָט יאַסנער גענומען רעדען אַלץ העפּטיגער. — דו ביזט אין אַ ביזנעס, דאַרפסטו זיך צוקוקען און ווייסען וואָס דאָרטען געהט אָן.

— דאָס וואָס איך דאַרף ווייסען, ווייס איך.

— און דאָס וואָס אַנדערע ווייסען דאָרטען?

— ווייסען די, וואָס דאַרפען ווייסען.

— און אַז דו ווערסט דאַרפען עפּענען פאַר זיך אַ ביזנעס?

— וואָס פאַר אַ ביזנעס, אַ האַרדוואַר סטאָר? — האָט מאַרעי געפרעגט מיט אַ חוזק'דיגען און באַליידיגענדען טאָן.

— וואָס פאַר אַן אַנדער ביזנעס קאָנסטו עפענען?
— איך מוז עס עפענען אַ ביזנעס?
דער שווער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעקוקט זיין מאָדנעם איידעם מיט שאַרפע בליקען, און מיט איינגעהאַלטענעם כעס האָט ער צו איהם גע־רעדט, טייטלענדיג צו איהם מיט'ן פינגער:
— הער זיך איין, יונגערמאַן: דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך טריי רעדען צו דיר ווי אַ פאָטער צו אַ זוהן. איך וויל דיך פרעגען וואָס טראַכסטו זיך? אַז קענען קענסטו גאָר ניט, און פאַרמאָגען פאַרמאָגסטו גאָר ניט, איז דענקסטו, אַז דו וועסט אַלע מאָל קענען מאַכען אַ לעבען פאַר אַ פרוי און קינדער מיט פינף און דרייסיג „סמאָליאַרעס" אַ וואָך?
מאַרעי האָט געשוויגען. ער האָט געהאַט אַ פולע האַרץ מיט ווערטער צו ענטפערען אָט דעם דאָזיגען אידען, היימאַן יאַסנער, וועלכער רעדט צו איהם מיט אַזאַ חוצפה און אַזוי ברוטאַל, און צו וועלכען ער האָט זיך אויף אַ האָר ניט דערנעהענטערט, און מיט וועמען ער וויל פאַרבלייבען פרעמד. אָבער מאַרעי איז ניט געווען קיין בריה אין אַן אָפענעם קאַמף. אינוועניג, אין זיך, האָט ער געהאַט אַלע גערעכטע טענות, און אפילו די שטאַרקייט מיט וועלכער ער וואָלט זיי אַרויסגערעדט; אָבער אַרויסרעדען זיי האָט ער ניט געקענט.
— דו שוויגסט, ווייל דיך אַרט ניט, ווייל דיך אַרט פאַר קיינעם ניט, — האָט שוין דער שוועער גערעדט שטאַרק — אָבער מיך אַרט; עס איז מיין טאָכטער, מיין קינד.
ווען ביידע פרויען זיינען אַריינגעלאָפען צושראָקענע, צוליב יאַסנער'ס הויכען קול, זיינען שוין ביידע מענער געווען אויף די פיס. דער שוועער האָט שטאַרקער געהערכערט זיין טאָן ביי זייער אַריינקומען און מאַרעי האָט נאָך שווייגעדיגער געשוויגען, און זיך גערוקט צום טיר.
ווען פאַלאַ און מאַרעי זיינען נאָך ניט געווען אָפּגעגאַנגען מיט דעם בייבי קערעדזש אַ פאַר טריט פונ'ם גאַניק, האָבען זיי שוין געהערט ווי די מאַמע מיט דעם טאַטען שרייען שוין איינער דעם צווייטען אַריבער, דאַרטען אין שטוב.
זיי, דאָס יונגע פאַרעל, האָבען געשטופּט דעם קערעדזש (מאַרעי האָט געפיהרט און פאַלאַ האָט זיך אָנגעהאַלטען אַן אַ ברעג פונ'ם הענטעל פון קערעדזש). זיי זיינען געגאַנגען שטום און כעס'דיג.
אָפּגעהענדיג נאָך אַ פאַר בלאָקס, האָט מאַרעי אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט זיך פאַר איהר באַקלאָגט:
— ער איז אַזוי ברוטאַל, אַזוי חוצפה'דיג!

— ער איז ניט ברוטאַל און ניט חוצפה'דיג; ער איז אַ פּאַטער, — האָט פּאַלאַ געענטפערט.

— ער איז ניט מיין פּאַטער!

— אָבער ער איז מיינער!

— און דו שטימסט צו צו אַלעם, וואָס ער זאָגט מיר.

— עס איז'אַלראַיט, מאַרעי, איך האָב געהערט וואָס דו האָסט געענטפערט און ווי אַזוי דו האָסט געענטפערט.

— איך האָב איהם אַלעס פאַרשוויגען.

— איך האָב געהערט ווי אַזוי דו האָסט פאַרשוויגען.

— אַה! האָסטו זיך יע צוגעהערט צו דיין פּאַטער'ס לעקטשור!

— עס זיינען נאָך דאָ זאַכען וועגען וועלכע מיין פּאַטער קען דיר לעקטשורען.

— אַ! אַזוי גאָר?

— יעס, מר. פּראָפעסאָר.

— זעה נאָר, דו רעדסט דאָך שוין דיין טאַטענ'ס שפּראַך.

— פאַרוואָס ניט?

זיי זיינען דאַן צוגעקומען צום הויז, אַרויף אין זייער אַפּאַרטמענט, און פּאַלאַ האָט זיך צוקאַכט:

— עס איז קיין זאַך דער מעהר מיט מיין טאַטענ'ס שפּראַך, און געוויס ניט מיט מיין טאַטענ'ס כאַראַקטער. מיר איז אַ וואונדער וואָס דו זעהסט ניט ווי מענשען לאַכען פון דיין פּוסטער גאוה מיט דער פינף סענטיגער אינ־טעלעקטשואַליטי דיינער! — און זי האָט מיט גאַנץ גרויסע געשרייען און מיט היסטעריקע פאַרענדיגט, — און דו זאָלסט אויפהערען אָפּלאַכען פון מיין פּאַטער, דו הערסט!? ער האָט מעהר ווערט ביי מענשען, ווי דו און נאָך צעהן אַזוינע ווי דו!

יענע נאַכט איז מאַרעי פאַרבליבען שלאָפען אין ליווינג־רום אויף דער זאָפע, און פּאַלאַ איז מיט'ן קינד געשלאָפען פאַרמאַכט אין איהר צימער.

אין דער פריה, אַזוי ווי צוליב דעם קינד שטעהט דאָך פּאַלאַ סאַי ווי אויף זעהר פריה, איז פּאַר מאַרעי'ן געווען גרייט דער ברעקפעסט ווי אַלע מאָל, אַזוי איז שוין פּאַלאַ. ווי נאָר זי האָט אין אַ קריג דאָס לעצטע וואָרט, איז זי די ערשטע צו געבען איהם אַ געלעגענהייט ער זאָל זי איבערבעטען.

אָבער דאָס וואָס ער האָט נעכטען פון איהר געהערט האָט אין איהם זיין גאַנצען מוח, זיין גאַנצע אינגעווייד איבערגעקערט. ער האָט איהר „קרבן" ניט אָנגענומען. ער איז אַוועק אָהן ברעקפעסט, אָהן אַ גוטען טאָג

און איז אפילו צום קינד ניט צוגעגאַנגען. האָט איהר שוין פאַרדראָסען וואָס זי האָט איהם געגעבען דעם „טשענס״, און זי האָט זיך געקאָכט דעם גאַנ־צען טאָג מיט כעס. שטיקער האַרץ האָט זי זיך אויסגעגעסען.

פאַרנאַכט, ווען מאַרעי איז געגאַנגען אַהיים, האָט דער נעכטיגער כעס זיינער זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ געפאַלענקייט. ער האָט אין זיך אַרגומענ־טירט, אַז אַ מאַן, וועלכער איז ניט ווערט זיין פאַדעשווע, אָבער וואָס פאַר־דינט אַ סך געלט, וואָלט אַ ווייב ניט געוואָגט אַזוי צו ערנידעריגען. האָט ער זיך צוליב זיין געפאַלענקייט דערפיהלט קריגעריש. מיט דעם געפאַלע־נעם און קריגערישען געמיט איז מאַרעי געקומען פאַרנאַכט אַהיים. ווען ער איז דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר פון דער אַפּאַרטמענט הויז, האָט ער גע־זעהן ווי אַ טיר עפענט זיך דאָ און דאָרט פון אַ דירה, און אימיצער רופט אויס:

— מאַי גאָד, וואַט אַן אָופול סמעל (מיין גאָט, וואָס פאַר אַ שרעק־ליכער ריח)!

ווען מאַרעי האָט אָן עפען געטאָן די טיר פון זיין אַפּאַרטמענט, האָט אָט דער שרעקליכער ריח פון צוגעברענטע פלייש, וואָס האָט זיך געהערט איבער׳ן גאַנצען קאָרידאָר, אַ שפּאַר געטאָן פון קיך — פון זיין קיך, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַ בלויליכען רויך, און וואו פאַלאַ האָט ביים אויוון געקעמפט פאַרצווייפעלט מיט פאַר׳שרפה׳טע פלייש אויף אַ סקאָ־ווערעדע.

דער ריח איז איהם גוט באַקאַנט געווען, און די שכנים גוט באַקאַנט געווען, זינט פאַלאַ האָט אויפגעהערט צו געהן אַרבייטען אויף איהר דזשאָב און גענומען זיך צו איהר היים און צום קאָכען סאַפּער.

איז היינט, אַ חוץ דעם פייער אויפ׳ן אויוועןּ, האָט איהם נאָך דער שלים מזל צוגעשטופּט ער זאָל ביים אַריינקומען זאָגען:

— ס׳איז מיר אַ וואונדער וואָס די שכנים „קאָמפּלעינען״ ניט צום לענדלאָרד אויף דעם שטיקענדען ריח דאָ.

— ווער עס קען ניט פאַרטראָגען דעם ריח, קען זיך נעמען אַ קעכין, — האָט פאַלאַ געענטפערט מיט אַ פאַרצווייפעלטען און גזלנ׳ישען בליק.

צו זאָגען „גוד איוונינג״ איז שוין ניט געקומען. וועגען צוקושען זיך, ווי דאָס האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען זינט זיי האָבען חתונה געהאַט, אָדער בעסער געזאָגט — זינט זיי האָבען זיך פאַרליבט ערגעץ אַ לאַנגע צייט צוריק אין זייערע האַי־סקול יאָהרען, איז שוין גאָר ניט געווען וואָס צו רעדען.

מאַרעי, וועלכער האָט אַלע מאָל געציטערט אַנצופאַנגען אַ קריג, האָט גלייך דערפיהלט, אַז דאָס מאָל, ווען זי וועט איהם באַשולדיגען, אַז אימער טרעט ער איהר אָן, ברענגט איהר אַרויס פון געדולד, וועט זי זיין גערעכט. האָט ער גאָר ניט געענטפערט. ער איז שטיל צוגעגאַנגען צו דעם קליידער־קלאָזעט און אויסגעטאָן זיין העט און מאַנטעל, זיך אַוועקגעזעצט אין ליווינג־רום, באַשלאָסען צו זיין שטיל דעם אָוונט, און זוכען אַ געלעגענהייט זי איבערצובעטען. אָבער פאָלאַ איז דאָרטען ניט אַנטשוויגען געוואָרען; זי האָט פון קיך יעדע ווײַלע איהם צוגעוואָרפען אַ וואָרט, וואָס זאָל איהם באַליידיגען. האָט זיך דערפון מאַרעי דערמאָנט אָן די נעכטיגע אָבידעס און די חרטה איז פון איהם אַוועק. שטיל האָט ער זיך אָבער געהאַלטען, אַנגעטאָן זיך אַ כח צו לאָזען איהר זיך אויסשטורמען.

אַז זי האָט איהם געהייסען אָפּרופען דעם מואווי טעאַטער, האָט ער שוין געוואוסט, אַז זי איז שוין זאַט מיט נקמה פון זידלען איהם אַ שטונדע נאָכאַנאַנד. אַזוי איז זי שוין די ספּילטשעווע פּאָלאַ. נאָך אַ מלחמה׳לע, אין וועלכער זי האָט די איבערהאַנט, ווילט זיך איהר גיין ערגעץ, אַוועקגעהן פון הויז אויס מורא, אַז דער פּאַרדרוס אין האַרצען זאָל ווידער ניט אויס־ברעכען.

ווי אַלע מאָל, ווען זיי „געהען ביידע אויס”, האָט פּאָלאַ אַריינגערופען די סקול־מיידעל פון אַ שכנ׳טע צו זיין דאָ אין אַפּאַרטמענט מיט׳ן קינד, פאַרוואָס זי באַקומט באַצאָלט, די מיידעל.

ביים אַרויסגעהן פון הויז איז שוין ביי ביידען פאַרשטאַנען געוואָרען, אַז זיי וועלען זעהן די מואווי מיט קלאַרק געיבעל און לאַנאַ טוירנער. מאַרעי האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין געוואַלדיגע סקאַנדאַלען צוליב אַ מואווינג פּיקטשור, און ספּעציעל דאָס מאָל. אָבער אויפ׳ן וועג האָט פּאָלאַ מסתמא זיך באַטראַכט, אַז מאַרעי איז ביי איהר היינט צו לייכט אָפּגעקומען, און זי האָט, הגם אין אַ רוהיגען טאָן פון זאַטקייט מיט זיך, אַ זאָג געטאָן:

— איך פאַרשטעה ניט פאַרוואָס מען האָט געמאַכט גרעטאַ גאַרבאָ פאַר אַ סטאַר.

— אַי וויש יו וואוד (איך ווינש זיך אַז דו זאָלסט עס יע פאַרשטעהן) — האָט מאַרעי געענטפערט.

כאָטש מאַרעי האָט מיט זיין ענטפער געצילט אַנצודייטען, אַז פּאָלאַ פאַרשטעהט צו ווייניג, האָט זי עס אָנגענומען אַלס אַ מילדען ענטפער. ער האָט עס טאַקע געזאָגט אָהן שאַרפקייט.

אַז זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט פּאָלאַ צוגעגעבען:

— מען נעמט אַן אַלטע מיאוס׳ע פרוי און מען מאַכט איהר פּאַר אַ סטאַר, כאַ־כאַ־כאַ!

— מען נעמט אַ מענשען, וואָס קוקט אויס ווי אַ באַונסער (אַ וויקי־דאַילע, איינער וואָס וואַרפט אַרויס שכורים פון אַ סאַלון) און מען מאַכט איהם פאַר אַ סטאַר, כאַ־כאַ־כאַ! — האָט מאַרעי געענטפערט.

— דו מיינסט ניט צו זאָגען עס אויף קלאַרק געיבעל?

— יאָ, איך מיין טאַקע איהם אין די מואוויס וואָס ער שפּילט.

— אָבער די גאַנצע וועלט וויל זעהן מואוויס מיט קלאַרק געיבעל, — האָט זיך פּאַלאַ געריצט מיט מאַרעי׳ן.

— ניט די גאַנצע וועלט, — האָט זיך מאַרעי געאַמפּערט מיט אַן ערנסטען כעס, ווי עס וואָלט איהם פּערזענליך געגאַנגען דאָ צו באַקעמפען קלאַרק געיבעל מיט זיינע מואוויס, וואָס ער שפּילט.

— אָבער די מעהרסטע מענשען פאַרגעטערען קלאַרק געיבעל, — האָט פּאַלאַ אָפּגעענטפערט.

— די מענשען מיט אַ פּראָסטען געשמאַק, — האָט מאַרעי שנעל, פעסט און ענטשידען געזאָגט.

אויפגעפלאַמט מיט צאָרן האָט פּאַלאַ שוין טאַקע אַריבערגעטראָגען דעם אַרגומענט אין גאַנצען דירעקט געגען מאַרעי׳ן, און זי האָט אויסגע־רופען:

— אָוקאָרס, אַזוי רעדען אַלע „אינטעליגענטישע נאַבאַדיס״.

— דו ביזט אַזוי שטאָלץ מיט דיין אומוויסענהייט, אַז דו האַלטסט מיר אין איין אויפוואַרפען לעצטענס, אַז איך בין אַן אינטעליגענטער נאָבאַדי, — האָט שוין מאַרעי איהר געענטפערט גאַנץ דירעקט.

— מיר די, פּראָסטאַקעס, פיהרען זיך אויף איידעלער פאַר דיר.

— שרעקליך איידעל! — האָט מאַרעי גע׳חוזק׳ט.

— אָבער אויף יענעמס חשבון לעבען מיר ניט, — האָט פּאַלאַ איהם אויפגעוואָרפען.

און אַט אַזוי, ווען פּאַלאַ האָט אָנגעריהרט יענעם וויטאָגדיגען פּונקט זיינעם, אויף וועלכען איהר פאָטער האָט ערשט נעכטען אַרויפגעשאָטען אַ היבש ביסעל זאַלץ, איז מאַרעי, אַזוי גוט ווי די קאַפּריזנע פּאַלאַ, אַרי־בער אויף פערזענליכע שטעך־ווערטלעך. זיי האָבעןביידע אָנגעריהרט איינער דעם צווייטענס באַהאַלטענסטען קראַנקען נשמה־ווינקעלע. יעדער חסרון זייערער, וואָס מען האָט זיך איצט אויפגעוואָרפען, האָט אַמאָל גע־פיהרט גאָר צו זייער יוגענטליכער ליבע און צו זייער הייראַט; ווארים דער חן פון פּאַלאַ׳ס קאַפּריזען אַלס בת־יחיד׳קע, וועמען איהרע רייך־געוואָרענע

עלטערען האָבען אַלץ נאָכגעגעבען, האָבען דעם שטילען מאַרעי׳ן מעהר צוגעצויגען ווי איהר שעהן פּנים׳על. און זי האָט זיך דוקא פאַרליבט אין איהם פאַר זיין געלערענטקייט און פאַרטראַכטקייט.

דאַן, ווען זיי האָבען פיזיש באַגערט איינע די אַנדערע, האָבען זיי פאַר־עהרט גייסטיג איינע די אַנדערע. יעדערער איז גרייט געווען אַנצונעמען דעם ווילען פון דעם צווייטען.

איצט שטעהען זיי ביידע איינע געגען די אַנדערע זאַטע, צו זאַטע, מיט איינער דעם צווייטענס לייב; זיי זיינען שוין מיד פון די ניט דערשלאָפענע נעכט צוליב דאָס שעהנסטע פון זייער הייראַט — דאָס קינד, וועגען וואָס זיי האָבען נאָך ביז איצט ניט געוואַגט צו טראַכטען, אַז עס איז אַ צו שווע־רער יאָך אויף זייער לעבען.

און ווען זיי קריגען זיך איצט פאַר די מואווי סטאַרס, האָבען זיי אין זינען די באַזונדערקייטען זייערע, פון וועלכע זיי האַלטען אין אויפבויען די טעאָריע פון זייער טראַגעדיע דאָס זיי האָבען טאַקע קיינמאָל זיך ניט גע־פּאַסט מיט זייערע כאַראַקטערען. איצט האָט מאַרעי מעהר ווי אַלע מאָל געהאַסט איהרע עלטערען, „די פּראָסטאָקעס״, ווי ער האָט שטענדיג גע־טראַכט וועגען זיי. איבערהויפּט האָט ער געהאַסט איהר פאָטער, אַ מענש וועלכער רעדט שטענדיג וועגען „סעיווען אַ טאָלער״. פּאַלאַ׳ס זידלערייען, איהרע גיפטיגע אַנצוהערענישען צו מאַרעי׳ן, פאַרוואָס ער האָט גאָר ניט דערגרייכט פון זיין געלערענטקייט, וואָס ער נעמט זיך איבער, און געבלי־בען איז ער ביי זיין דזשאָב פון די קאַלעדזש יאָהרען — אַ קלוירק אין אַ האַרדוועער סטאָר, האָט עס איהם שרעקליך ערנידריגט. זי, פּאַלאַ, הויבט שוין אָן אַטאַקירען זיין געלערענטקייט אַלס אַ שלים־מזל׳דיגע זאַך אין איהם.

אַזוי איז איהר פאָטער און אַזוי איז פּאַלאַ. אָט דער קנאַכענדיגער אויס־דרוק פון קלאַרק געיבעל׳ס פּלייצעס, דאָס איז זי, דאָס איז פּאַלאַ; און אַזוי וועט זי אַלע מאָל זיין. עס אַרט איהם ניט איהר וועלען געהן זעהן קלאַרק געיבעל, ווי איהר האַסען דאָס וואָס גרעטאַ גאַרבאַ׳ס פּיקטשורס שטעלען פאָר. ער ווייסט, אַז זי האַסט ניט אַזוי גרעטאַ גאַרבאַ, ווי זי האַסט זיין גייסט, זיין מאַטעריעלען מיסערפאָלג אין לעבען.

האָט ער טאַקע איהר דערפאַר אַלץ גיפטיגער געענטפערט אַזש עס זאָל איהר פאַרגעהן אין דער זיבעטער ריפּ, אַזש עס זאָל אַנריהרען איהר היים, איהרע עלטערען.

מיט איהר איז אויך געווען דאָס אייגענע. זי האָט זיך געווערט מיט

איהרע ביסעל מאַטעריעלען וואָפען געגען זיין גאוה'דיגען אַנשטעל, וואָס זי האָט אַמאָל פאַרעהרט און איצט וויל זי עס צושטערען און באַהערשען.

האָבען זיך מאַן און ווייב „געוואָשען" מיט אַלץ שטאַרקערע און גיפ־טיגערע ווערטער ביז זיי זיינען דערגאַנגען וועגען זיין טאַטען, אַ שלים־מזל'דיגער שמש פון אַן אָרימער שוהל'כעל, און איהר טאַטען, אַ האָלסעי־לער אין די פרוכט ביזנעס.

מען איז צוגעקומען צום ערשטען טעאַטער „דהי שאָו האָוז", וואו עס האָט זיך געשפּילט די פּיקטשור מיט קלאַרק געיבעל, און גראָד דאַן האָט זייער קריג געהאַלטען ביי דער העכסטער שטופע, ווען ער האָט איהר עפּעס געענטפערט אַ שאַרפען וואָרט אויף איהרען אַ באַליידיגענדען וואָרט אויף זיינע עלטערען. זי איז שנעל און מיט כעס אַ לויף געטאָן צום טעאַטער, האָט זיך געקויפט אַ טיקעט און אַריינגעכאַפּט זיך אין טעאַטער, וואָס דאָס האָט געמיינט: איצט האָסטו זיך, לויף מיר נאָך און זוך מיך.

ער האָט איהר דאָס מאָל ניט נאָכגעפאָלגט, ניט נאָכגעיאָגט איהר אין דער פינסטערניש פון טעאַטער, ווי דאָס האָט שוין ניט איינמאָל פּאַסירט.

מאַרעי איז געבליבען שטעהן ביים טעאַטער, געקוקט סתם אַהן אַ זין ווי מענשען געהן אַריין אין דער פינסטערער עפענונג צו דער מאָווי, האָט זיך אויסגעדרעהט און איז אַוועק. ער איז געווען פאַרביטערט, מאַרעי, צו פאַרביטערט. ער איז אַוועק צום „גאָלדען געיט" טעאַטער, וואו דער גרוי־סער עלעקטרישער שילד האָט אָנאָנסירט די מאָווי מיט גרעטאַ גאַרבאַ און דזשאָהן גילבערט. ער האָט געקוקט מיט זיינע שטאַרע אויגען צום באַ־לויכטענעם טעאַטער, אָבער ער איז ניט אַריין זעהן די בילד. זיין האַרצען'ס אינטערעס איז געווען דאָרטען, ביי פאָלאַ'ן. עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט קיין לאַנגען קריג פאַרפיהרען. עס האָט איהם אַביסעל פאַרדראָסען וואָס ער איז איהר ניט נאָכגעגאַנגען; וואָרים דאַן וואָלט זיך שוין ביים אַרויסגעהן פון טעאַטער געווען געענדיגט דער אַרגומענט, ווייל ער וואָלט ניט געלאָזען אָנהויבען ווידער. ער וואָלט שוין פאַרשוויגען. זי איז אַ געוואָגטע, פאָלאַ. זי קען דערפיהרען צו די גרעסטע סקאַנדאַלען. ער קען איהר שוין צו־גוט.

געהן צוריק אַהין, אין „דהי שאָו האָוז", האָט זיך איהם ניט געוואָלט. „איך וועל זיך מעהר ניט לאָזען זי זאָל מיך באַהאַנדלען ווי אַ דערשלאָגע־נעם אינגעל", האָט ער מיט זיך אַליין איינגעַ'טענה'ט, און ער האָט זיך אומ־געדרעהט צו געהן צוריק אַהיים.

אַהיים האָט ער ניט געוואָלט קומען צו פריה, ווייל דאָרטען איז דאָ די שכנ'ישע מיידעל, וואָס מאַכט איהרע סקול לעסאָנס און וואַכט איבער'ן קינד. האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אַ פּאָר שטונדען איבער די גאַסען, און

דאַן איז ער געקומען אַהיים. די מיידעל איז דאַן אַוועק צו זיך אַהיים און ניט חושד געווען, אַז צווישען די דיקסאָנ׳ס קומט פאָר עפּעס שלעכטס. וואָרים אָפט קומט דער מאַן פריהער, ווייל די פרוי שטעלט זיך אָפּ קויפען „קוקיס״ אָדער אַנדערע נאַשערייען אין דער בעקעריי אויפ׳ן קאָרנער.

אין די צימערען פון דעם אַפּאַרטמענט איז אַלץ געווען אין אָרדענונג. דאָס קינד איז געשלאָפען. און מאַרעי, וועמעס געמיט עס איז ניט געווען אין אָרדענונג, איז אַוועק שלאָפען מיט אַ שווערען טשאַד אין קאָפּ. איהם האָט זיך, אייגענטליך, געוואָלט ליגען וואַך ביז ער וועט הערען איהר אַריינ־קומען, אָבער ער איז איינגעשלאָפען.

די צו׳כעס׳טע פאָלאַ האָט ניט געקענט אַריבערטראָגען וואָס איהר מאַן האָט איהר ניט נאָכגעפאָלגט אין טעאַטער אַריין, אַ זאַך וואָס האָט דעם ער־שטען מאָל פּאַסירט. ווען זי איז אַרויס פון טעאַטער, האָט זי ניט געזעהן איהם וואַרטען אויף איהר; האָט זי באַשלאָסען צו באַשטראָפען איהם אַז ער זאָל עס געדענקען. זי איז אַוועק נעכטיגען צו איהרע עלטערען, וועלכע האָבען געוואוינט אין דעם זעלבען געגענד אין אַן אייגענער פּריוואַטער הויז.

ווען פאָלאַ איז אַריינגעקומען, האָט זיך ביים טיש אין דעם גרויסען עס־צימער נאָר וואָס געענדיגט אַ קאָרטען־געימקע צווישען איהר פאָטער, היימאַן יאַסנער, און אַ פּאָר שכנים זיינע פון גאַס.

— אַזוי שפּעט? — האָט דער פאָטער געפרעגט — אַליין?

— איך דאַרף זעהן די מאַמע, — האָט פאָלאַ געענטפערט און זיך דורכגעשלייכט די שטוב.

אַז די שכנים, מיט וועלכע היימאַן יאַסנער האָט געשפּילט די „געימקע״, זיינען אַרויס, איז ער, יאַסנער, אַריין אין קיך, וואו זיין פרוי און זיין טאָכטער האָבען אָפּגעהאַקט אַ העפטיגען געשפּרעך. די מאַמע האָט אַנגעשטעלט אויפ׳ן טיש טעלערלעך מיט אַלערליי מילכיגס און פאַרשפּייזען און גע־זאָגט צו פאָלאַ׳ן:

— עס אָפּ, נעם אַ גלאָז וואַרימע מילך, און איך וועל דיר מאַכען די בעט צורעכט, אויבען אין דעם מיטעלסטען שלאָף־צימער.

די מוטער, מרס. יאַסנער, האָט דערביי געגעבען אַ בייזען וואונק צו יאַסנער׳ן און געזאָגט:

— און דו קום אַרויס; לאָז איהר אָפּעסען; ס׳איז שוין שפּעט.

זי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אָפּגעקלונגען צו אימיצען.

יאָסנער איז נאָכגעגאַנגען זיין פרוי, געשטאַנען געהיימניספול ביים טעלעפאָן, און געפרעגט:

— ווער̈מען רופסטו אַזוי שפּעט?

אין דער צייט וואָס זי האָט געוואַרט ביז מען וועט איהר ענטפערען אויף יענער זייט טעלעפאָן, האָט זי אַריינגעשושקעט איהר מאַן אין אויער:

— דאָס רוף איך פּאָלאַ׳ס אַפּאַרטמענט. מען דאַרף וויסען צי ער איז שוין אין דער היים לעבען קינד.

— וואָס? — האָט געפרעגט יאָסנער — טראַבעל מיט אונזער האַרד־ווער פּראָפעסאָר?

— ששש, — האָט איהם איבערגעשלאָגען זיין ווייב, וועלכע האָט גע־נומען רעדען אין טעלעפאָן.

— מאַרי? דו ביזט שוין אינדערהיים? דאָס קינד איז אַלראַיט? פּאָלאָ איז ביי מיר —

דאָ האָט מיסעס יאָסנער אַנגעשטעלט אַ פּאָר צושראָקענע אויגען, געבליבען מיט דעם אַנטשוויגענעם טעלעפאָן אין האַנט, און זי האָט אויס־גערופען:

— וואָס זאָגסטו צו איהם? ער האָט דאָך „אויף מיר” אויפגעהאַנגען דעם טעלעפאָן!

זי האָט לאַנגזאַם צוריקגעלעגט דעם טעלעפאָן אויפ׳ן אָרט, און איז געבליבען זיצען תמ׳עוואַטע.

יאָסנער האָט דאַן געטייטעלט מיט זיין פינגער צו מיסעס יאָסנער, און געזאָגט:

— אָט האָסטו דיר!

— מיש זיך ניט, היימי, — האָט די פרוי געזאָגט, און זי האָט גענו־מען ברענגען אין אָרדנונג דעם עס־צימער, אין וועלכען מ׳האָט געהאַט געשפּילט אין קאָרטען.

— וואָס הייסט מיש זיך ניט? — האָט היימאַן געהערט זיין טאָן — געדענקסטו ניט, גאָלדע, וואָס איך האָב דיר גאָר פון אָנהויב געזאָגט?

— אָט־אָ! — האָט צו איהם גאָלדע געזאָגט מיט חוזק — ער׳ט זיך דערמאָנט פון פאַר פינף יאָהר און פאַר צעהן יאָהר!

— איך בין געווען גערעכט, און איך בין איצט גערעכט! — האָט היימאַן יאָסנער אָנגעהויבען זיין אַלטע טענה זינט זיין שעהנע בת־יחידה האָט זיך „פּאַרדרעהט”, ווי ער פלעגט רופען איהר ליבע מיט מאַרעי׳ן — אַז איך האָב פאַר איהר דעמאָלט אָוועקגעלעגט צעהן טויזענט דאָלער, געהט

זי אָוועק און האָט חתונה מיט אַזאַ שלים־מזל. איך האָב געוואוסט אַז עס וועט זיין טראָבעל.

— פּליעז, הער אויף צו רעדען, היימי, און גאה שלאָפען, — האָט זיך גאָלדע ביי איהם געבעטען, און דאַן איהם שטיל אַריינגעשושקעט אין אויער — וואָס דאַרפסטו זי איצט ערגערען? מען האָט זיך צואווערטעלט ביי די מואוויס; מאָרגען וועט ער קומען און זי איבערבעטען, און שוין; ס'וועט ווידער זיין גוט.

— אַז אַך און וועה ווי עס קען שוין זיין גוט! — האָט היימאַן גערעדט גענוג הויך אַז מען האָט געקענט הערען איבער דער גאַנצער הויז, און ער האָט זיין גאַנצע אַלטע טענה ווידער אַמאָל אַרויסגעבראַכט — איך האָב דאָך דיך געוואָרענט אַז פון אַזאַ שלים־מזל וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען. אַ מאַן וואָס געהט אין אַלערליי קאָלעדזשעס, און אַפילו אין אַ ישיבה־קאָ־לעדזש, און האָט קיין זאַך ניט וואָס צו באַווייזען פון די קאָלעדזשעס, און פאַרבלייבט אַ סעילסמאַן פון טעפּלעך און טשוועקלעך, קען קיין מאָל ניט זיין גוט.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך געהערט פּאָלאַ'ס אַרויפלויפען די שטיגען. זי איז געלאָפען מיט האַסט, צו ווייזען איהר כעס — כעס אויף אַלעמען, אויף דער גאַנצער וועלט.

אונטען, אין שטוב, האָבען די עלטערען גערעדט וועגען דעם אַ היב־שע צייט אין דער נאַכט אריין. דער פּאָטער האָט אַלץ אויף זיין הויכען קול אַרויסגעלעגט די קריוודע זיינע, אַז ער האָט אַנגעגרייט צעהן טויזענט דאָלער פאַר אַן איידעם אַ רעכטס, אַ דאָקטאָר; און דאָ איז געקומען איינער וואָס באַריהמט זיך מיט אַ צעהנדליג דיפּלאָמאַס און קען קיין צעהן דאָלער אַ וואָך ניט פאַרדינען פון אַלע זיינע געלערענטקייטען.

די מאַמע האָט גערעדט שטיל, און אַלץ איינגעשטילט דעם פּאָטער, און ער, דער פּאָטער, פלעגט יעדע ווילע אויסשרייען:

— טשוועקעס פּאַרקויפער, דער פּראָפעסאָר מיט די צעהן דיפּלאָמאַס.

פּאָלאַ איז געלעגען אויבען. אין איהר בעט, אין איהר צימער פון איהרע מיידעלשע יאָהרען, האָט זי געהערט כמעט יעדען וואָרט וואָס איהר פּאָטער האָט דאָרטען אַרויסגערעדט אַלס שטראָף־רייד צו דער מאַמע'ן, כאָטש די מאַמע איז אין קיין זאַך ניט שולדיג. וואָרים די מאַמע איז אויך געווען געגען דעם שידוך. די מאַמע האָט אויך געוואָלט אַן אמת'ן דאָקטאָר, אַזאַ וואָס קורירט קראַנקע און פאַרדינט אַ סך געלט. און דעם טאַטענ'ס רייד האָבען אין דער דאָזיגער נאַכט געקלונגען אין פּאָלאַ'ס אויערען פונקט אַזוי אונזיניג ווי אין אַלע נעכט און טעג זינט ער, דער טאַטע, האָט דערזעהן

מאַרעי׳ן און האָט איהם פיינט געקראַגען פאַרוואָס ער, מאַרעי, האָט צו־שטערט דעם טאַטענ׳ס חלום וועגען אַן אײדעם אַ דאָקטאָר. פאַלאַ׳ן געהט איצט ווייניג־וואָס אַן דער פריהערדיגער קריג מיט מאַרעי׳ן וועגען דער מואווי. וואָס איהר ברענט דער כעס איז, ווייל ער האָט איהר אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך: איהר איבערגעלאָזען און איז אַוועק אַליין.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געוואָגט צו באַהאַנדלען זי אַזוי געמיין — יע, געמיין. ער איז אַ געמיינער און אומדאַנקבאַרער מענש. אומדאַנקבאַר איז מאַרעי. עפּעס אַן נייער אמת׳דיגער וואָרט האָט זיך דאָ אַרייגעכאַפּט אין איהר געדאַנק אַלס אַ געוועזער געגען איהר מאַן — אומ־דאַנקבאַר! זי האָט ניט געהאַט אין זינען די אומדאַנקבאַרקייט זיינע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פינאַנציעלער הילף וואָס זי קריגט פון די עלטערען, וואָס די מוטער צאָהלט די רענט פאַר דעם טייערען אַפּאַרטמענט אין וועל־כען זיי, זי און מאַרעי, וואוינען. די אומדאַנקבאַרקייט האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם וואָס מאַרעי הויבט אָן צו פאַרגעסען דעם גענאַד וואָס זי האָט מיט איהם געטאָן, חתונה־צו־האָבען מיט איהם. איהר פאָטער׳ס אַלט־באַ־קאַנטע געשרייען געגען מאַרעי׳ן האָבען איהר דערמאַנט אַן יענער צייט, ווען מאַרעי האָט איבער איהר געציטערט, ווען ער האָט איהר אָפען געדאַנקט פאַר איהר גוטסקייט צו איהם צו געבען איהם אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט.

דער אומדאַנקבאַרער מאַן איהרער, מאַרעי! מיט דעם דאָזיגען פאַר־דרוס איז זי איינגעשלאָפען.

ווען עס איז געקומען טאָג, האָט אין דעם אַפּאַרטמענט פון דעם יונגען פאָר פאַלק זיך צוואויינט דאָס קינד, און מאַרעי האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט גלייך דערזעהן אַז פאַלאַ איז ניטאָ; זי איז ניט געקומען אַהיים. זי האָט איהם אָפּגעטאָן; קריג איז ערקלערט — אַן אמת׳ער קריג. ער איז געוועזען אין יענעם מאָמענט אַזוי פאַרביטערט, אַז ער האָט באַשלאָסען אויפ־צונעמען דעם טשאַלענדזש.

ער איז אויפגעשטאַנען, צורעכט געמאַכט דאָס קינד, געגעבען עסען, אָנגעטאָן זיך און דאָס קינד, און גענומען איהר באַצייטענס צו פאַלאַ׳ס על־טערען, אום ער זאָל קענען געהן צו זיין אַרבייט.

אַ זייגער זיבען אינדערפריה, אַז ער איז געקומען מיט׳ן קינד צום הויז פון פאַלאַ׳ס עלטערען, האָט איהם דער שווער, היימאַן יאַסנער, דערזעהן ביי דער טיר. ער האָט אויפגעוועקט זיין פרוי און געזאָגט:

— געה אַרויס צו איהם; ער איז דאָ מיט׳ן קינד. איך וויל איהם ניט אָנקוקען.

מיסעס יאָסנער האָט שנעל אַרויפגעכאַפּט עפּעס אויף זיך, געעפענט די טיר פאַר מאַרעי'ן און פאַר'ן קינד, און געזאָגט אי מוטערליך אי אין טאָן פון שטראָף:

— זעהר שעהן פון דיר, מאַרעי, וואָס דו האָסט נעכטען אָפּגעטאָן.

אָבער מאַרעי, אַנשטאָט אַריינצוקומען, אָדער עפּעס ענטפערען, האָט איהר דערלאַנגט דאָס קינד און האָט זיך אויסגעדרעהט צו געהן. ער האָט זיין אַוועקגעהן געקענט פאַרענטפערען מיט דעם, וואָס ער איילט זיך צו דער אַרבייט. ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן. ער האָט טאַקע געוואָלט אַרויס־ווייזען כעס, און איז אַוועק אָהן אַרויסצורעדען אַ וואָרט.

אַ פּאָר טעג האָט זיך די שנאה פאַרשטאַרקט אין שווייגען, און דאַן האָט דער טעלעפאָן געקלונגען צו די יאָסנערס, און אַ פרעמדע שטימע האָט אָנגעזאָגט אין מאַרעי'ס נאָמען, אַז אַזוי ווי ער קומט שוין מעהר ניט אין דעם אַפּאַרטמענט, זאָל מען קומען צונעמען די מעבעל און אַלעס פון אַפּאַרטמענט וואָס באַלאַנגט ניט צו איהם.

עס זיינען אַוועק נאָך וואָכען און מאָנאַטען, די הערצער פון דעם יונגען פּאָר פּאָלק האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהייצט מיט אַ פאַרלאַנג צו נעמען נקמה איינער פון צווייטען. די עלטערען, איבערהויפּט היימאַן יאָסנער, האָבען צוגעלעגט ברען־מאַטעריאַל, און אַזוי האָט עס דערפיהרט צו דעם, אַז פּאָלאַ האָט מאַרעי'ן אָנגעקלאָגט אויף אַ גט.

אַז מאַרעי האָט ערהאַלטען די פּאַפּירען פון פּאָלאַ'ס לאָיער, האָט ער דעם לאָיער געענטפערט, אַז ער וועט מיט קיין וואָרט ניט ווידערשפּרעכען זיין פרוי אין קאָורט, אויב זי באַשטעהט אויף אַ גט, און אַז ער וועט טאָן אַלעס וואָס מען וועט פון איהם פאַרלאַנגען.

און אַזוי האָט זיך עס געענדיגט מיט אַ גט, אַזוי אַז מאַרעי האָט אויף זיך גענומען די שולד פון זיין אומגעטריי צו זיין פרוי.

אויפצוטרעטען אין קאָורט איז מאַרעי'ן אויסגעקומען אין אַ פּאָר־נאַכט, און די זון אין אַ געלבליכען שיין האָט מיט די פאַרנאַכטיגע געלבליכע שטראַהלען באַלויכטען די שטויביקע ווענט פון דעם אַלטען קאָורט־זאַל. ער איז געווען צוטומעלט, און איהם האָט זיך אויסגעמאַלען אַז דאָ קומט עפּעס פאָר אַ לויה — זיין אייגענע לויה.

ווען די לאָיערס זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט אויספרעגען איהם, איז ער שנעל אַרויס, געטראָגען זיך איבער דער גאַס, ניט געדענקט וואָס מען האָט איהם געפרעגט, און צי האָט ער געענטפערט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

ווען אַלץ האָט זיך געענדיגט אין געריכטס־זאַל; איר לאָיער האָט מיטגעטיילט פּאָלאַ'ן מיט שמחה, אַז זי האָט געזיגט, אַז דער גט איז גע־

וואונען געוואָרען, איז פּאַלאַ אַוועק צו אירע עלטערען אַהיים.׳ זי איז אַרויף אויף דעם אויבערשטען פלאָר, אין איהר צימער, אין דעם צימער, וואו זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, געמאַכט איהרע סקול־לעסאָנס, אַ וואָרף געטאָן זיך אויף איהר בעט מיט׳ן פּנים אין קישען און זיך צעוויינט מיט אַן אויסגוס פון טרערען, וואָס האָט זיך ביי איהר אָנגעקליבען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם גט.

די מאַמע האָט זיך צוגעזעצט לעבען איהר, געגלעט איהר איבער׳ן קאָפּ, איבער׳ן פּלייצע. כאָטש זי האָט געוואוסט, די מאַמע, אַז ס׳איז ניטאָ קיין קשיות אויף די דאָזיגע טרערען, האָט זי איהר געפרעגט:

— וואָס ווייסטו, זאָג מיר מיין קינד, וואָס ווייסטו?

זי האָט קיין ענטפער פון פּאַלאַ׳ן ניט ערוואַרט.

— אַ צווייטען מאָל האָט זיך די מאַמע צוגעזעצט לעבען איהר און געזאָגט:

— ויין, ויין מיין טאָכטער; וויין זיך אויס אויף דיין מזל. הפּנים אַז דיין טאַטע איז אַמאָל גערעכט געוועזן.

ביי פּאַלאַ׳ן אָבער האָט איהר וויינען ניט געהאַט די באַדייטונג וואָס די מאַמע האָט געהאַט אין זינען. פּאַלאַ האָט געוואוסט ווי שטאַרק ליב מאַרעי האָט איהר נאָך איצט און אַז ער וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איהר נקמה האָט זי שוין געהאַט איבער איהם, און אַלעס האָט זיך עפּעס געענדיגט וועהטאָגדיגער ווי זי האָט ערוואַרטעט; אין האַרצען האָט זי דערפיהלט אַ קעלט און אַ פּוסטקייט, און עס האָט זיך געוואָלט וויינען און וויינען.

מרס. מאַלקינ׳ס ענטוישונג

ביי די מאַלקינס אין פראַנט־רום ברענט טונקעל דער שטעהענדיגער עלעקטרישער לאַמפּ און עס ברענען די צוויי „ברעקעטס" מיט די רויטליכע אַבאַזשורען איבער זיי. עס איז אַ טונקעל־באַלויכטענע אומגעבונג, אין וועלכער עס פאַרברענגען נעטי, די טאָכטער פון מיסטער און מיסעס מאַלקין, און איהר בייער באַקאַנטער, אַרטור וויסמאַן.

דער פאָטער, היימאַן מאַלקין, איז שוין אַוועק שלאָפען, און די מוטער איז נאָך פאַרהאַוועט אין קיך, מיט די געשיר און מיט די איינגעשפּריצטע שטיקלעך וועש, וואָס זי מוז צו־ביגלען.

זי שטעהט אין קיך, אַרבייט און וואַרפט אַ בליק אין פראַנט־רום פון צייט צו צייט.

ווי עס זעהט אויס, איז שוין אַרטור וויסמאַן דער באַשטימטער. ער קומט שוין אַריין אין הויז אַרום אַ יאָהר. ער האַלט זיך גאַנץ היימיש און ער פיהלט זיך היימיש. נעטי, ווי די מאַמע האָט שוין פון לאַנג באַמערקט, פיהלט זיך מיט אַרטור׳ן זעהר גוט. זי ערוואַרטעט איהם אַלע מאָל מיט אונגעדולד ; און אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי ער באַזוכט איהר, איז נעטי אין אַ גוטער שטימונג. און אַרטור וויסמאַן איז ניט פון די צו־יונגע אומגע־סעטעלטע בחורים׳לאַך. ער מאַכט אַ פיינעם לעבען, און איז אַ יונגערמאַן, וואָס טראַכט ערנסט וועגען אַ פאַמיליען־לעבען.

כאָטש אָפיציעל איז נאָך ניט גערעדט געוואָרען וועגען קיין זאַך, איז שוין דאָס אָבער אַ פאַרשטאַנענע זאַך, אַז אַרטור איז דער באַשטימטער.

שוין פון אייניגע יאָהר, זינט איהר נעטי איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר אַכצעהן און גענומען אַרומגעהן מיט יונגע לייט, איז דער מוטער׳ס מוח געווען פאַרנומען מיט איין זאַך, מיט איין פראַגע, וואָס האָט כסדר געעג־בערט איהר מוח : וועלכער וועט עס זיין ?

אַז עס איז אין הויז געווען אַ פּאַרטי, וואָס נעטי האָט געמאַכט, פלעגט די מוטער זיצען פון ווייטען, באַקוקען און באַטראַכטען די יונגע לייט וואָס האָבען געטאַנצט און וואָס האָבען, לויט דער מאַמע׳ס מיינונג, געפּלאַטערט איבער נעטי׳ן, און זי פלעגט שטיל און פרום שעפּטשען : „וועלכער פון זיי

וועט עס זיין? אוי, זאָל ער כאָטש זיין אַ ריכטיגער מענש, אַ גוטער און אַ שעהנער!״

ענדליך — אַרטור ווייסמאַן; יאָ, אָט דאָס איז דער באַשטימטער. און אַ מאָדנע נאָגעניש האָט זיך פאַרקליבען אין איידאַ מאַלקינ׳ס האַרץ.

זי איז ענטוישט און האָט ניט ווער עס זאָל איהר אויסהערען. מיט נעטי׳ן האָט זי מורא צו רעדען וועגען דעם. די טאָכטער, ווי עס זעהט אויס, איז גליקליך פון איהר ליבע, וויל די מוטער ניט פאַר׳מיאוס׳ן אַרטור׳ן אין נעטי׳ס אויגען. די מוטער אַליין האָט אַ גוטע מיינונג וועגען איהם, און אין דעם אין וואָס זי איז ענטוישט, איז אַרטור ניט שולדיג, און קיינער וועט איהר ניט צוגעבען, אַז עס איז אַזאַ וויכטיגע זאַך.

זי איז אַנטוישט, מיסעס מאַלקין, וואָס אַרטור, איהר טאָכטער׳ס באַ־שעהרטער, האָט אַ פּליך. ער איז אַ יונגער מאַן, אָבער ער האָט שוין אַ גרויסען גלאַנציגען פּליך.

איידער מיסטער מאַלקין איז אַוועק שלאָפען, האָט איידאַ געוואָלט אַנטפּלעקען פאַר איהם איהר ענטוישונג, דורכרעדען זיך, קריגען אַ טרייסט־וואָרט; אָבער עס איז איהר ניט געלונגען.

— דו ווייסט, היימאַן, — האָט זי צו איהם געזאָגט, — אָט דער אַרטור איז זעהר אַ וואוילער באַי.

— שור איז ער אַ וואוילער באַי, — האָט היימאַן צוגעגעבען. — איך קען איהם דען ניט?

— ווי עס זעהט אויס, — האָט זי איהם אַריינגעשושקעט, — איז שוין דאָס מיט איהם פאַר גוט.

— דו האָסט דאָך שוין דאָס מיר עטליכע מאָל געזאָגט; איז ווייס איך דאָך דאָס שוין, — האָט היימאַן געמורמעלט שוין דרעמלענדיג איבער׳ן טיש.

— זי גלייכט איהם זעהר; נעטי גלייכט איהם.

— נו, איז גוט; בין איך צופרידען, — האָט היימאַן גערעדט, אויפ־הויבענדיג זיך שווער פון טיש.

— אָבער איין זאַך, — האָט איידאַ גענומען רעדען מיט אַ פאַר׳־חלש׳טען טאָן, — איין זאַך געהט מיר ניט איין.

— וואָס? — האָט היימאַן אויסגעגלאָצט זיינע פאַרשלאָפענע אויגען.

— אוי, עס פאַרדריסט מיר אַזוי, אַז איך קען דאָס ניט אַרויסגעבען.

— נו, נו, זאָג שוין! — האָט היימאַן געפּאָדערט אומגעדולדיג, שוין אַביסעל אַ פאַנאַנדערגעטשוכעטער.

— אָט דאָס וואָס אַרטור האָט אַזאַ פּליך, אַ גרויסען פּליך. עס געהט מיר ניט איין דער פאַרגעניגען.

הימאַן האָט שפּאַסיג אַ קוק געטאָן צו איהר, און אַוועקטופּענדיג צום שלאָף־צימער, האָט ער מיט זיין פאַרשלאָפענעם קול אַרויסגערעדט:

— נו, נו, דו ביזט געווען אַ אידענע און וועסט בלייבען אַ אידענע.

איינמאַשצענדיג זיך אין בעט, האָט ער נאָך צוגעמורמעלט:

— אַך, אַך, וואָס אַ אידענע קען זיך נעמען צום האַרצען, אַך, אַך!

און איידאַ מאַלקין שטעהט אין קיך און ביגעלט, קוקט אַהין צום פראָנט־רום, וואו נעטי און אַרטור זיצען ביי דער ראַדיאָ, און זי פיהלט אַזאַ פאַר־דרוס, אַזאַ נאַגעניש אין האַרצען פון אַרטור ווייסמאַנ׳ס פליך.

איידאַ׳ס ענטוישונגען האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך פון איהר פריה־סטער יוגענד.

אַלס אַן אַכט־יאָהריגע מיידעלע האָט זי געוואונשען, אַז איהר עלטסטער שוועסטער׳ס חתן, אויף וועמען מען האָט זיך געריכט אויף אַ שבת, זאָל אויסזעהן ווי דער חתן, וואָס איז געקומען צו אסתר רב סענדער׳ס, — אַ קלאָהרער פּנים, מיט אַ געשאָרענער שעהנער שוואַרצער בערדעל. אַזוי האָט זי זיך פאַרגעשטעלט דעם אידעאַלען אויסזעהן פון אַ חתן. עס איז אָבער געקומען צו איהר שוועסטער אַ חתן מיט אַ טונקעלען קרומליכען פּנים און מיט אַ דרייענדיגע בערדעל — צו ביסלאַך הערלעך אויףביידע באַקען און אויף צוויי זייטען פון דער מאָרדע — הערלאַך ווי מאָך, אָהן אַ באַשטימטען קאָליר. און אָט דער איז געוואָרען איהר שוועסטער׳ס חתן און מאַן. דאָס איז איהר שוואָגער חיים־לייזער.

אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, ווען איידאַ איז געווען אַ צוועלף־יאָהריגע מיי־דעל, האָט זי אין איהר פאַנטאַזיע זיך פאַרגעשטעלט איהר אייגענעם חתן, וואָס זי וועט ווען עס איז האָבען. איהר באַגריף וועגען אַ שעהנעם חתן האָט זיך שטאַרק געענדערט. זי האָט געטרוימט וועגען אַ חתן — אַ הויכען, אַ שוואַרץ־חנ׳עווודיגען, אַ ראַזירטען און מיט דינע וואָנצעלעך. זי האָט געזעהן אַזאַ חתן אין שטעטעל ביי אַ חופּה. אַזאַ חתן האָט זי זיך אַריינ־גענומען אין זינען, געטראַכט פון איהם און זיך פאַרגעשטעלט איהם, ביז זי איז שוין געווען דאָ אין אַמעריקע, געאַרבייט אין שאָפּ, און חתונה גע־האַט מיט איהר היימאַנ׳ען — ניט קיין הויכער, אַ פּעטער, אַ שווערער מענש, מיט אַ רונדען לבנה־פּנים און גאָר אין גאַנצען אָהן וואָנצעס.

און אָט האָט זי זיך גענומען פאַרשטעלען און טרוימען וועגען איהר נעטי׳ס חתן. עפּעס האָט זיך מיסעס מאַלקין איינגעשמועסט, אַז מיט דעם אויסזעהן פון איהר טאָכטער׳ס חתן וועט זי שוין ניט ענטוישט ווערען.

איהרע אַמאָליגע ענטוישונגען האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסען. אַ סך יאָהרען ניט אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם. אַז זי האָט אָבער גענומען באַ־

טראַכטען איהר נעטי'ן, ווי זי איז אויסגעוואקסען, קיין עין הרע, האָט זי אַריינגענומען אין איהר זינען אַ געשטאַלט פון אַ שעהנעם ליבליכען יוגענט־ליכען בחור אַלס נעטי'ס חתן, און דאַן האָבען זיך אין איהר האַרצען אָפּגערופען אָט יענע ענטוישונגען איהרע, די צורונענע פאַנטאַזיעס פון איהרע קינדערשע יאָהרען.

ווייטע־ווייטע קינדערשע יאָהרען זיינען עס; אָבער זיי האָבען ווידער אויפגעלעבט איצט אין דער מוטער'ס נשמה; זיי פליסען דורך איהר געמיט, ווי קיינמאָל ניט אויפגעהערטע געפיהלען.

זי קוקט אַלץ מיט פאַרבענקטע, אַנגעשטרענגטע אויגען אַהין צו דער פראָנט־רום, וואו זי זעהט ווי אַרטור שפּילט זיך מיט נעטי'ס האַנט און אויף זיין פּליך שפּיגעלט זיך דער שיין פון דעם לאָמפּ.

אַ וואוילער יונגערמאַן איז אַרטור וויסמאַן; עס פאַרדריסט איהר אָבער, דער מוטער, וואָס נעטי איז אַזוי פאַרליבט אין איהם. ער איז עפּעס ניט דאָס, וועגען וואָס די מאַמע האָט פאַר אַ סך יאָהרען געפאַנטאַזירט.

זי האָט ניט פאַר וועמען אויסצודערציילען איהר האַרץ און עס פאַר־דריסט איהר; פאַרוואָס קומט עס איהר אַזוי? ער האָט אַזאַ גרויסען פּליך, אָט דער אַרטור וויסמאַן, און נעטי גלייכט איהם, און ווי עס זעהט אויס, איז ער דאָס טאַקע — ער איז דער באַשערטער.

זי האָט שוין אַ באַי

— איז וואָס־זשע, האָט ער דיר אונטערגעפיהרט ביז׳ן הויז? — האָט מיסעס מאַרגאַלין געפרעגט איהר דאָראָטי׳ן, פאַרשענד אַריינקוקענדיג איהר אין די אויגען.

— ביז׳ן הויז, — האָט די טאָכטער געענטפערט ניט גערן, — איך זאָג דאָך דיר ביז׳ן הויז.

— דו׳סט איהם געדאַרפט בעטען אַרויפקומען, — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ געבעט, כמעט ווי מיט אַן אונטערטעניגקייט.

— מען דאַרף ניט, — האָט די טאָכטער געענטפערט קאַלט און גלייך זיך אַ סטאַרע געטאָן מיט אַ שמייכעל און געזאָגט ווי אַן אמת שטאָלצע מיידעל:

— ער דאַרף נאָך ניט אַרויפקומען.

מרס. מאַרגאַלין האָט דייטליך דערפיהלט, אַז איהר טאָכטער׳ס שטאָלצער שמייכעל איז אַ געמאַכטער, און זי האָט מעהר ניט געוואָלט דערעסען איהר מיט פראַגען.

— איך בין הונגעריג, מאַמע, — האָט דאָראָטי געזאָגט, — גיב מיר עסען.

ביידע זיינען צופרידען געווען אויפצוהערען אויף אַ ווײַלע די פראַגען און ענטפערס וועגען איהם, וועגען דעם יונגען מאַן, וואָס האָט דאָראָטי׳ן צוגעפיהרט ביז׳ן הויז.

שוין אַ יאָהר צעהן אַז מיסעס מאַרגאַלין איז אַן אלמנה געבליבען מיט איין קינד, מיט דאָראָטי׳ן, אַ מיידעל אַ יאָהר ביינצעהן.

מיט אַ יאָהר צוריק, איידער סעם מאַרגאַלין איז געשטאָרבען, איז זי, די פרוי, געקומען מיט דער מיידעל פון יוראָפּ צום מאַן. אַז דער מאַן איז געשטאָרבען, איז זי געבליבען אָפּהענגיג פון דער מיידעל׳ס פאַרדינסטען אין שאַפּ.

שוין צעהן יאָהר אַז דאָראָטי געהט אין שאַפּ און די מאַמע גיט אַכטונג אויף דער הויז, דריי רומקעס.

די ערשטע פאָר יאָהר נאָך דעם מאַנ׳ס טויט האָט מיסעס מאַרגאַלין כסדר געטראַכט וועגען דעם וואָס עס וועט פאַרקומען ווען איהר דאָראָטי

װעט חתונה האָבען, װאָס װעט זײן ? צי װעט דאָראָטי אָנטרעפען אַ װאױלען יונגענמאַן, װאָס זאָל אײנשטימען אַז זי, די מוטער, זאָל זײן מיט זײ צו־זאַמען ? זי האָט גלײך דערפיהלט, אַז זי װעט זײן אַ שטערעניש אין דאָ־ראָטי׳ס לעבען.

עס איז אָבער אַװעק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, און די ערגערניש איז אַרױס־געקומען שאַרפער און פּײנליכער.

קײן חתן האָט זיך ניט געמאַכט. דאָראָטי, פּונקט װי די מאַמע, ניט גאָר קײן שעהנע און ניט גאָר קײן מיאוסע, איז געראָטען אין דער מאַמען אױך מיט איהר כאַראַקטער. זי איז אַ שטילע און ניט קײן בריה צוצוציהען אַ יונגענמאַן. זי איז פון יענע שטילע, װאָס װאַרטען אַז ער, דער יונגער־מאַן, זאָל זיך צוקלעפּען. און װען אײנער מאַכט אַמאָל אַ פּאַרזוך צו זײן נאָהענט, איז זי קאַלט צו איהם; זי איז קאַלט צו איהם, כאָטש זי װיל ער זאָל ניט אַװעק.

אָט אַזױ איז איהר מאַמע געװען אַמאָל. איהר מאַמע האָט חתונה געהאַט מיט דער הילף פון קרובים, פון שדכנים.

און די מאַמע איז איצט אױך ניט קײן בריה פאַר איהר טאָכטער צו צושטױסען איהר צו אימיצען.

איז אַװעק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. דאראטי איז געװאָרען פינף־און־צװאַנציג יאָהר, זעקס־און־צװאַנציג יאָהר, אַכט־און־צװאַנציג; זי איז שױן נײן־און־צװאַנציג און אפשר די גאַנצע דרײסיג.

מיט יעדען יאָהר װאָס געהט אַריבער װערט בײ דער מוטער אַ נײער קבר אין האַרצען. זי פיהלט זיך אונמעכטיג און שולדיג. דאָראָטי געהט אין שאָפּ, האָרעװעט פון פריה ביז נאַכט, און בײדע לעבען פון איהרע פאַרדינסטען אין שאָפּ.

די מוטער טראַכט שױן לאַנג ניט װעגען דעם יעניגען װאױלען יונגענ־מאַן, װאָס װעט אײנװיליגען צו װאױנען צוזאַמען מיט דער שװיגער. זי האָט װעגען זיך אױפגעהערט צו טראַכטען. זי װיל נאָר, אַז דאָראָטי זאָל קריגען אַ חתן.

און די מאַמע פױלט און ערגערט זיך; זי פיהלט זיך שולדיג, און זי יאָדעט דערפאַר כסדר דער טאָכטער.

האָט זי איהר אַזױ לאַנג געיאָדעט זי זאָל געהן, זי זאָל קריגען באַקאַנט־שאַפט, זי זאָל אײנלאַדען אין הױז אימיצען, ביז די טאָכטער האָט שױן דאָס ניט געקענט אַריבערטראָגען און זי האָט איהר געזאָגט, אַז זי האָט אַ באָי.

— וואָס ווילסטו, מאַמע? וואָס ווילסטו פון מיר האָבן? איך האָב שוין אַ באַי.

דאָס זאָגן איז געווען אַזוי פּלוצלונג, אַז די מאַמע האָט ניט געגלויבט אויפ׳ן ערשטען מאָמענט. דאַן האָט זי מיט׳ן פאַרטוך אויסגעווישט אַ טרער פון אַן אויג און זיך צוגעזעצט מיט פראַגען און מיט גלויבען.

— ווער איז ער?

— אַ באַי פון שאָפּ?

— פון וואַנען איז ער?

—איך האָב זיך מיט איהם באַקענט אין שאָפּ; ער אַרבייט דאָרטען.

— שוין לאַנג?

— שוין, — דאָ האָט זיך דאָראָטי פאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן — שוין עטליכע וואָכען. איך ווייס אַליין ניט ווי לאַנג.

בקיצור, ס׳איז געבליבען אַז זי האָט אַ באַי, און יעדען טאָג האָט די מאַמע געהאַלטען אין איין פאַרשען וועגען דעם באַי.

אום ניט צו דאַרפען צופיל ענטפערען און אום צו מאַכען די געשיכטע ווי אַן אמת, פלעגט דאָראָטי אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך כאַפּען אַ קאַפּע מיט אַ שטיקעל קעיק אין אַ רעסטאָראַן אויף איהר וועג אַהיים פון שאָפּ. זי פלעגט קומען אַהיים אַ זאַטע, הייסט עס, און האָט געזאָגט, אַז דער באַי האָט איהר אויסגענומען אין אַ רעסטאָראַן פאַר סאַפּער.

מיט אַ פרעהליך געמאַכטע פאַרזאָרגטקייט פלעגט דאַן די מאַמע זאָגען:

— אַ, איך האָב געמאַכט אַזאַ גוטען סאַפּער, און איצט ווערט עס צו־לומעט ווערען.

— איך וועל עסען שפּעטער, — פלעגט דאָראָטי ענטפערען, און אין דער אמת׳ען האָט זי שוין געוואָלט עסען.

די ערשטע צייט האָט די מאַמע מיט פרייד געפאַרשט וועגען דעם באַי, און די טאָכטער האָט געענטפערט מיט פרייד, ווייל ס׳איז איהר אַליין געפעלען געוואָרען דער איינפאַל.

ביסלאַכוויז האָט דער ליגען גענומען טאָטשען דאָראָטי׳ן אין האַר־צען. יעדע פראַגע פון דער מאַמען האָט צוגעדריקט איהר טיפע וואונד.

אין דער טאָכטער׳ס פרעהליכע ענטפערס האָט די מאַמע דערפיהלט דעם ווידער־קול פון זאָרג, פון אַנגסט.

זי האָט גענומען חושד זיין עפּעס. איהר חשד איז ניט געווען קיין געסעטעלטער, — צי איז דאָס אינגאַנצען אַ בלאָף, צי איז עס אַן אמת, אַז עס האַלט מיט׳ן באַי ביי גאַרניט ווערען?

יעדענפאַלס, די מאַמע׳ס האַרץ האָט דערפיהלט, אַז ס׳איז ניט דאָס, וואָס דאָראָטי זאָגט איהר.

און דאָראָטי האָט פאַרשטאַנען, געזעהן גאַנץ דייטליך דער מאַמע׳ס אונרוהיגקייט. דער מאַמע׳ס צווייפלען. זי האָט אָבער כסדר אויסגעטראַכט פאַרשידענע גלויביגע זאַכען: זי איז געווען מיט איהם צו אַ מואווי, געווען אין אַ רעסטאָראַן, ער האָט איהר צוגעפיהרט ביז׳ן הויז.

— איז וואָס־זשע? — האָט די מאַמע געפרעגט פאַרנאַכט, ווען דאָראָטי איז געקומען פון שאַפּ, — ער האָט דיר צוגעפיהרט ביז׳ן הויז?

און מיט שרעקעדיגע בליקען האָט זי געפּאַרשט קוקענדיג אויף דאָראָטי׳ן.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער האָט מיר צוגעפיהרט ביז׳ן הויז, — האָט די טאָכטער מיט כעס געענטפערט.

מאַמע און טאָכטער האָבען אינעווייניג, אין זייערע צוּוועהטאָגטע נשמות, דערפיהלט דעם אָנשטעל, זיי האָבען אָבער ביידע ניט געהאַט דעם מוט אַרונטערצורייסען דעם שלייער, וואָס האָט פאַרדעקט ביידענס וואונדען איינע פון די אַנדערע.

זיי האָבען עס געלאָזען געהן דערווייליע ווי עס געהט.

די מאַמע האָט דער טאָכטער געגעבען עסען, זיי האָבען זיך אָביסעל אָפּגערוהט אין שוויגען, און שפּעטער, ווען די מוטער האָט געוואַשען די געשיר, האָט זי ווידערהאָלט פון יוצא וועגען:

— פונדעסטוועגען האָסטו איהם געדאַרפט איינלאַדען אין הויז.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז די טאָכטער האָט געענטפערט, און דערווייל האָבען אַ פּאָר טרערען אַרונטערגערונען פון דער מאַמע׳ס אויגען אין סינק אַריין, אויף די נאַסע געשיר.

די טאָכטער האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם געוויין־אויסברוך געענטפערט:

— אַז ער וועט דאַרפען, וועט ער אַרויפקומען.

דער לעצטער בחור

יעדער שטראָם פון אימיגראַנטען האָט זיך אויסגעבילדעט ווי אַ באַזונדער שיכט אין ניו־יאָרק. לייזער איז געווען פון דער שיכט פון דעם יאָהר 1908. און ער איז פאַרבליבען אין דעם קרייז פון די בחורים און מיידלאַך פון יענער 1908 שיכט.

ס'איז געווען אַ קרייז פון בחורים און מיידלאַך. מען איז צוזאַמען געפאָהרען זונטאָג אין בראָנקס פאַרק, אין פראָספעקט פאַרק. געשפּילט אין די פאַרקס אין קאַץ און מויז, אין כאַפּענישען, געגאַנגען צוזאַמען צו לעקטשורס, געטראָפען זיך ווינטער אין טעאַטער און זומען אין די מאונטיינס, און אַזוי האָבען זיך פאַרלעך געפּאָרט.

אַז ס'איז אַריבער אַ יאָהר צוועלף, איז פון דעם גאַנצען קרייז בחורים מיט מיידלאַך גאָר ניט געוואָרען. מען האָט זיך צונומען אין פאַרלאַך, חתונה געהאַט און מען האָט אַנגעפאַנגען פאַרברענגען איינע ביי די אַנדערע אין די הייזער, און באַגעגענען זיך מיט די בייבי קערידזשעס.

דער קרייז האָט זיך צעבראָקעלט אויף עטליכע קרייזען; אַ קרייז אין ניו־יאָרק, אַ קרייז אין די בראָנקס, אַ קרייז אין האַרלעם און אַ קרייז אין בראָנזוויל. ביי אַ פּיקניק אָדער ביי אַ באַריהמטען אַדווערטייזטען באַל פלעגען זיך אַלע צוברעקעלטע קרייזלאַך צוזאַמענקומען אינאיינעם.

פון דעם גאַנצען אַמאָליגען קרייז זיינען פאַרבליבען אייניגע מיידלעך און איין בחור, לייזער.

אין יעדען פון די צוברעקעלטע קרייזלעך איז פאַרבליבען אַ מיידעל, אַן עלטערע מיידעל, ניט קיין חתונה געהאַטע. די פאַרהייראַטע פריינדינעס האָבען גע'שדכנ'ט. יעדערע האָט געהאַלטען אַן אויג אויף לייזער'ן; יעדער קרייז פון די פאַרהייראַטע פריינדינעס האָט געוואָלט חתונה מאַכען זיין אַלטע מויד, און אַזוי פלעגט יעדער קרייז זיך יאָגען נאָך לייזער'ן. אַמאָל פלעגט מען לייזער'ן איינלאַדען קיין בראָנזוויל; נעקסטען זונטאָג — קיין האַרלעם; אַ זונטאָג שפּעטער — קיין בראָנקס. לייזער איז געווען אַ פרעהליכער, אַ באַקאַנטער הוליאַקע צווישען די קרייזען. און ער פלעגט

זיך ניט לאָזען בעטען. ער פלעגט קומען פאַרברענגען, זינגען, טאַנצען און לאָזען זיך וואוילגיין.

אַזוי איז געגאַנגען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. די מיידלאַך זיינען עלטער געוואָרען, אומגעדולדיגער געוואָרען, און לייזער האָט נאָך אַלץ געזונגען, געטאַנצט און געהוליעט זיינע בחור'שע יאָהרען. אַ פּאָר פון די עלטערע אויסענגעבליבענע מיידלאַך, דווקא די ערגערע סחורות, האָבען חתונה גע־האָט ווי עס איז; אַ פּאָר פון די עלטערע, די שעהנערע, די קליגערע, זיינען נאָך אַלץ פאַרבליבען, און יעדע האָט שטיל, בעשיידען געוואַרט אויף לייזער'ן.

לייזער האָט גאַרניט געטראַכט וועגען חתונה האָבען. ס'איז איהם געווען גוט, לוסטיג. איבעראַל איז ער געווען דער מיטעלפּונקט פון אַלע־מענס אינטערעס. ער איז געווען דער איינציגער בחור, דער לעצטער, דער בן־יחיד, אין די קרייזען פון אַמאָליגען קרייז. מיט איהם האָבען פאַר־בראַכט די ווייבלאַך, די מיידלאַך. די ווייבלאַך האָבען מיט איהם פאַר־בראַכט צוליב די מיידלאַך כלומרשט; די מיידלאַך האָבען מיט איהם פאַרבראַכט צוליב דעם זכות פון די ווייבלאַך, און ס'איז איהם געגאַנגען וואויל.

— לייזער, — פלעגט איהם אַ ווייבעל אַמאָל נעמען מוסר'ן — לייזער, וואָס וועט עס פון אייך זיין? אַזאַ גאָלד אַ מיידעל ווי חיענע, לאָזט איהר פאַרוועלקט ווערען.

— הערט זיך איין, סאָניע, — פלעגט לייזער איהר אָפּ־פּטר'ן מיט אַ דיפּלאָמאַטישען וויץ, — וואָס טויג מיר חתונה האָבען? מיט וועמען קען איך חתונה האָבען, אַז איהר זייט שוין פאַרהייראַט און איהר האָט שוין צוויי קינדער.

די ווייבעל פלעגט כלומרשט, פון באַשיידענהייט וועגען, לאַכען, אָבער זי פלעגט פון לייזער'ס באַמערקונג דערפיהלען אַ קיצעלדיגע וואַרימקייט, און אַזוי איז דאָס איין שידוכים רעדעריי געווען מעהר אַ מיטעל פאַר זיך, ווי אַ צוועק פאַר יענעם. און טאַקע דערפאַר איז לייזער'ן געווען זעהר גוט. ער האָט זיך געפיהלט ווי די גאַנגבאַרסטע סחורה אין די קרייזען, און ער האָט ניט געטראַכט פון חתונה האָבען.

מיט לייזער'ס אָנהאַלטען דאָס בחור'שע לעבען איז פאַרגעקומען ווי מיט'ן יום־כפור'דיגען תענית, וואָס ביז אַזייגער איינס בייטאָג דוכט זיך אַלץ אַז מען וועט דעם תענית ניט אויסהאַלטען, אָבער אַז עס קומט אין שפּעטען נאָכמיטאָג פיהלט מען, אַז מען קען נאָך אָנהאַלטען דעם תענית ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ביז אַ יאָהר צוויי־און־דרייסיג האָט זיך

איהם אַלץ געדוכט, אַז מען וועט איהם פאַרשלייערען. אָבער אַז ער איז אַריינגעקומען אין די עטלעכע און דרייסיגער, האָט ער דערפיהלט אַ זיכער־הייט אין זיך, אַ צופרידענהייט מיט זיין ראָלע אַלס דער איינציגער לעצטער בחור. און ער האָט געקאַוואַליערעוועט אַהן זאָרג. ער האָט גרויס הנאה געהאַט וואָס ער איז ביי די פּאָר פאַרבליבענע מיידלאַך, און דווקא וואוילע, קלוגע, אינטעליגענטע מיידלאַך, דער אידעאַל. ער איז דער הערשער וואָס קען מיט איין וואָרט אימיצען פון זיי גליקלאַך מאַכען. ער האָט גרויס הנאה געהאַט פון דעם וואָס ער איז אַן אינטערעסאַנטער, אַנגעלעגטער גאַסט ביי די פאַרהייראַטע פרויען פון זיין קרייז, און ער האָט זיך געלאָזען ריידען שידוכים. ער האָט געוואוסט אַז די ווייבלאַך מיינען אויך בלויז דעם רעדען די שידוכים.

אַז לייזער איז אַריינגעקומען אין די פערציגער, איז פּלוצלונג זיין גאַנ־צער געמיט געביטען געוואָרען. ער האָט דערפיהלט אַ מידקייט. ער האָט אויך דערפיהלט אַז דער עולם רוקט זיך פון איהם אַוועק. ער האָט אויפגע־הערט צו זיין אַנציהענד פאַר די יונגע און פאַר די עלטערע, ס׳הייסט פון זיין עלטער. די ווייבלאַך זיינען ווייבער געוואָרען און האָבען עפּעס פּלוצלונג אָפּגעקעהרט זייער אינטערעס צו זייערע קינדער, וואָס זיינען שוין ער־וואַקסענע. די אינגערע האָבען איהם אויפגעהערט צו באַמערקען. ער איז פאַרבליבען אַ מידער צווישען דריי פון די אַלטע פאַרבליבענע מיידלאַך פון אַמאָל. פאַר די אַמאָליגע פאַרבליבענע מיידלאַך האָט ער קיין רייץ ניט געהאַט אָהן דער לעבעדיגקייט פון דעם אַמאָליגען גאַנצען קרייז פון די ווייבלאַך.

ער האָט דערפיהלט, אַז ער דאַרף זיך צוטוליען צו אַן אייגענעם ווינ־קעל, ער דאַרף חתונה האָבען.

ער איז געוועזען אַ מאָדערנער מענש; ער האָט ניט געטראַכט צו טאָן אַ שידוך אויף דעם סקאַרבאָווען פּראַקטישען אופן.

ליבע?

ס׳איז אַרונטער דער גלאַנץ. די וואָס ער וואָלט געליבט, באַמערקען איהם ניט.

ער האָט זיך אין זיינע רעיונות צוריק אָוועקגעטראָגען צו זיין יוגענד. ער האָט זיך דערמאָנט, אָן באַקאַנטע מדיילאַך אין דער שטעטעל, וועלכע ער האָט געליבט און האָט זיי ניט אויסגעזאָגט. יענע זיינען נאָך דאָרטען, אין שטעטעל פאַרבליבען.

עס האָט אין זיין מח גענומען אַרבייטען די טרוקענע פּראַקטישקייט, כיטרעקייט זאָגאַר, פון דעם אַלטען בחור. ער האָט אויסגע׳חשבונ׳ט אַז

עס איז געווען אַ גרויסע מלחמה, אַ חורבן. ער האָט געהערט און געלעזען אַז אין אייראָפּא זיינען יונגע מיידלאַך געצוואונגען צו הייראַטען עלטערע מענער מיט קינדער; די יונגע בחורים זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען אין דער מלחמה. ער איז אַ יחסן, אַן אַמעריקאַנער, און ער איז אַוועקגע־פאָהרען אין אייראָפּא, אין זיין היימישער אַלטער שטעטעל. דאָרטען האָט ער געטראָפען די אַמאָליגע ראָמאַנטישע נשמות, אַלס אַלטע צובראָכענע ווייבער. דאָרטען האָט ער געטראָפען די יוגענד, אַ נייע יוגענד, וואָס האָט איהם אויך ניט באַמערקט ווי דאָ, אין אַמעריקא. די יוגענד און עלטער זיינען אויף דער גאַנצער וועלט גלייך.

ער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען זיין קרייז אין ניו יאָרק, און האָט אין דער שטעטעל חתונה געהאָט. אָט אַבי חתונה געהאָט, ווי איינעם אַזאַ קומט אויס צו דער עלטער. אַביסעל אַן אינגערע טאָקע, אָבער אַ מיאוס׳ערע, אַ פּראָסטערע, אַ שוואַכע — ער האָט חתונה געהאָט דעם ניו־יאָרקער קרייז אויף להכעיס.

ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק מיט זיין ווייבעל. אַלע באַקאַנטע, די ווייבער איבערהויפּט, האָבען דערפיהלט אַ פּאַטש אין פּנים.

— ס׳אַראַ פּאַטשורע ער האָט עס אַראָפּגעבראַכט, — האָבען זיי זיך אַלע געשושקעט. — אַז אָך און וועה צו איהם. ווי קומט זי צו חיענע׳ן?

לייזער האָט דערפיהלט ווי מען האָט אויף איהם געקוקט. ער האָט זיי ניט געוואָלט נאָכגעבען. ער האָט זיך דערווייטערט פון אַלעמען. מען האָט איהם ערגעץ ניט געזעהן. ער איז פאַרבליבען איינער אַליין אין זיין ווינקעל. — אַ איד מיט אַ גרינע אידענע.

דער לעצטער בחור פון דעם קרייז איז ווי אויסגעשלאָסען געוואָרען, ווי פאַר׳משפט געוואָרען פון אַלע באַקאַנטע.

אַז אָך און וועה, ס׳אַראַ פּאַטשורע ער האָט עס אַרונטערגעבראַכט.

איהר פאַפירענער מאַן

בעסי גרינבערג איז געווען אין יוראָפּ, און איצט זיצט זי ביז שפּעט אין די נעכט אַריין און שרייבט בריוו צו איהר מאַן, וועלכער געפינט זיך אין ריגע און לעבט פון איהרע פאַרדינסטען.

— בעסי, — רופט אויס די מאַמע פון פינסטערען שלאָף־צימער, — בעסי, אַזוי שפּעט זיצסטו נאָך?

— באַלד, באַלד — זאָגט בעסי, — איך ענדיג שוין.

— דו דאַרפסט דאָך אויפשטעהן אַזוי פריה, בעסי.

— באַלד, מאַמע, באַלד.

די מוטער שלאָפט ווידער איין, כאַפּט זיך אויף, און זי זעהט נאָך ליכט פון קיך, וואו בעסי זיצט און שרייבט דעם בריף.

— בעסי.

— באַלד, מאַמע, באַלד. איך געה באַלד שלאָפען.

די מוטער הערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווי בעסי קריצט מיט דער פען אויפן פּאַפּיר, און עס קריצט דער מאַמען איבער׳ן האַרצען.

— אוי, — גיט שטיל די מאַמע אַ קרעכץ דאַרטען אין דער פינסטער — ווען וועט שוין נעמען אַ סוף?

דער קרעכץ איבער דעם סוף איז ניט וועגען דעם סוף פון אַט דעם בריף, נאָר וועגען אַלע בריף, וועגען אַ גרעסערען, וויכטיגערען און וועהטאָג־דיגערען סוף.

אַז בעסי גרינבערג איז געקומען פון „יוראָפּ״ אַ חתונה־געהאַטע, איז שוין באַלד אַ יאָהר פיר. איהר מאַן איז אָבער די גאַנצע צייט אין יוראָפּ, און זי איז דאָ. פריהער האָט זי איהם געשריבען בריף קיין קאָוונע, און איצט קיין ריגע. שוין אַ יאָהר, אַז ער איז אין ריגע, וואו ער האָט זיך צוגעגרייט צו פאָהרען קיין אַמעריקע צו זיין פרוי, די „סיטיזען״ בעסי גרינבערג.

מיט אַ יאָהר פיר צוריק, ווען בעסי איז געווען צו־גאַסט אין קאָוונע, זעהן זיך כלומר׳שט מיט דער באָבען, איז איהר די רייזע פון אָנפאַנג ניט געווען צום האַרצען. זי האָט נאָך אַלץ געהאַפט, אַז עס וועט זיך איהר מאַכען אַ פּאַסענדער שידוך דאָ אין ניו־יאָרק.

די מאַמע און אויך דער טאַטע האָבען איהר כסדר צוגערעדט צו פאָהרען.

— פאָהר! — האָט די מאַמע געהאַלטען אין איין אַגיטירען — פאָלג מיך, פאָהר זיך דורך. אַ פּאָר דאָלער „אָפּגעסייווט" האָסטו. פאָהר זעהן זיך מיט דער באָבען.

— טאַקע אַזוי, — האָט דער פאָטער צוגעגעבען חשק, — די באָבע איז אַן אַלטער מענש. מען קען איהר פאַרשפּעטיגען.

גערעדט האָט מען וועגען דער באָבען, און געמיינט האָט מען אַ שידוך.

די מאַמע האָט אַ פּאָר מאָל גאַנץ פשוט געזאָגט, אַז אין „יוראָפּ" קען מען טאָן אַ בעסערען שידוך. האָט זיך בעסי צושריען און צוואויינט.

בעסי איז געווען אַ וואונד אין הויז, און מען האָט זיך געמוזט היטען ווי אַרומצוגעהן אַרום דער דאָזיגער וואונד, וועמעס צוויי אינגערע ברידער האָבען שוין חתונה געהאַט און שוין געהאַט די ערשטע בייבים.

דער סוף איז געווען, אַז בעסי האָט זיך געלאָזען איבעררעדען צו פאָהרען זעהן זיך מיט דער באָבען אין יוראָפּ. דער באָבען האָט זי שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן. וויפיל יאָהרען עס זיינען שוין אַריבער זייט זי האָט דער באָבען ניט געזעהן, האָט בעסי ניט גע'חשבונ'ט, ניט געוואָלט טראַכטען. זי האָט נאָר געדענקט, אַז ווען זי איז מיט דער מאַמען און מיט די צוויי אינגערע ברידער אַוועקגעפאָהרען צום טאַטען אין אַמעריקע, איז זי אַלט געווען פופצעהן יאָהר.

געזאָלט האָט זי אַוועקפאָהרען קיין יוראָפּ זעהר שטיל, אַז קיינער זאָל ניט וויסען און קיינער זאָל גאָרנישט רעדען. מאַלע ווי אַזוי זי וועט קומען פון דאָרטען! אפשר וועט זי קומען מיט גאָרנישט.

די מוטער האָט אָבער יעדען געזאָגט אַ סוד, און אַז עס איז געקומען צום פאָהרען, זיינען אַ סך קרובים און באַקאַנטע געקומען צום שיף באַגלייטען איהר און צואוינשעווען.

און וועה, וועה, ווי לייט זיינען ניט טאַקטיש! ביים שיף האָט שוין קיינער ניט גערעדט וועגען דער באָבען, ניט דערמאָנט איהר אפילו. אַלע האָבען איהר געוואונשען אַזוי פּרעך און שניידענד, אַז זי זאָל קומען צוריק מיט אַ גוטען חתן. מען האָט שוין באַצייטענס געוואונשען איהר מזל־טוב, און די מוטער, אַ פּריטשמעליעטע, האָט זיך משמח געווען, ווי אַלעס וואָלט שוין געווען אַ באַשטימטע זיכערע זאַך, און זי האָט אַלעמען געענטפערט: „מיט מזל זאָלט איהר לעבען!"

בעסי האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז די שיף זאָל שוין אָפּגעהן.

אַז בעסי איז געקומען אין קאַיוטע, האָט עפּעס גאַנץ קאַיוטע, ווי אַ

פאַרטזעצונג פון דעם עולם, וואָס האָט איהר באַגלייט אין ניו־יאָרק, זיך געצומען ריידען איהר שידוכים. אַלע האָבען זיך אַ נעם געטאָן אויסצובורענ־גען די אַמעריקאַנער שטיקעל סחורה.

די פאַרשוינען, וואָס מען האָט איהר גערעדט, וואָס זיינען געקומען „דינגען" איהר, זיינען פאַר איהר געווען שרעקליך באַליידיגענד. זי האָט אָבער באַשלאָסען, בעסי, אַז ניט קיין חתונה געהאַטע וועט זי צוריק קיין אַמעריקע ניט פאָרען. קיינער איז איהר ניט געפעלען געוואָרען; אָבער אַז זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי דער עולם קרובים און באַקאַנטע אין ניו־יאָרק וועלען איהר באַגעגענען ניט קיין חתונה־געהאַטע, האָט זי וועגען ניט חתונה האָבען דאָ, אין קאָוונע, ניט געקענט טראַכטען.

ענדליך האָט זי זיך באַקענט מיט חיים ליפשיץ, דווקא ניט פון קאָוונע, נאָר פון אַ קליין שטעטעל לעבען קאָוונע. ליפשיץ איז געווען ניט צו יונג, ניט צו אַלט, ניט קיין פראָסטער, אַן איידעלער מענש, דאַכט זיך. קיין מיאוס'ער איז ער אויך ניט געווען.

הכלל, די פאַר וואָכען, וואָס זי איז מיט איהם אַרומגעגאַנגען אין די זומערדיגע נעכט איבער די קאָוונער גאַסען, זיינען געווען ווי נעכט פון אַן אמת'ען ראָמאַן, און עס איז געווען אַ חתונה.

לויט דעם נייעסטען אַמעריקאַנער אימיגראַציע־געזעץ האָט זי גע־דאַרפט אַוועקפאָהרען אַליין, און שפּעטער, אַלס בירגערין, איהם ברענגען צו זיך קיין אַמעריקע.

נאָך דעם ווי זיי האָבען חתונה געהאַט און געקענט זיך אין גאַנצען אַ זעקס וואָכען, איז געווען אַ ריהרענדער ראָמאַנטישער זעגענען זיך צווישען דער יונגער פּאָרל. בעסי איז אַוועקגעפאָהרען אַ פאַרבענקטע, אַ גליקליכע, און חיים איז דערוויל פאַרבליבען אין קאָוונע.

געקומען איז בעסי צוריק קיין אַמעריקע אַ שטאָלצע, אָהן שום מורא פאַר די אומטאַקטישע לייטישע צינגער.

וואָלטען די אַמעריקאַנער אימיגראַציע באַאמטע פּלוצלינג ניט געמאַכט קיין נייע שוועריגקייטען, וואָלט חיים גאַנץ גיך געקומען צופאָהרען, און דאָ וואָלטען זיי געלעבט אָדער גליקליך, אָדער אומגליקליך, ווי מיליאָנען אַנ־דערע פּאָר־פאָלק.

אָבער דאָ האָט מען איינגעפיהרט אַלץ מעהר און מעהר אכזריות'דיקע גזרות, און חיים האָט אָהער ניט געקענט קומען.

בעסי האָט דאָ אַלץ גערעדט וועגען איהר מאַן, געשריבען צו איהם בריף, און האָט אויך פון איהם ערהאַלטען לאַנגע, געדיכטע בריף.

זי איז געגאַנגען אין שאַפּ, האָט איהם געשיקט געלט, און ער האָט אויף איהרע בריף און געלט געענטפערט מיט בריף.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָהר און צוויי און דריי.

דורך דעם יאָהר און צוויי און דריי, וואָס ער איז געזעסען אין קאָוונע, געפאָהרען אין בערלין און אין ווין אויף אַמעריקאַנישע „עקספּענסעס", האָט ער ערהאַלטען בריף פון זיינע אַמעריקאַנער קרובים, און זי האָט ערהאַלטען בריף פון קאָוונע פון איהרע קרובים. האָט זי איהם דורך איהרע בריף געשטעלט פראַגען, און ער האָט איהר אין זיינע בריף גע־ענטפערט, וואָס ווייטער אַלץ בייזער, ווי אַ מאַן, ווי אַן אמת'ער מאַן, וואָס איז פאַרהייראַט צו אַ פרוי. ער האָט געדאַרפט געלט, און זי האָט גענומען שיקען מאָגערע סומען.

אַז דער קריזיס איז געקומען, און זי האָט פאַרדינט אַלץ וויניגער און וויניגער, און דורך די דריי לאַנגע יאָהרען פון שרייבען בריף האָט זי איהם ערשט דערקענט, האָט זי כמעט אויפגעהערט צו שיקען געלט. אַז זי האָט אויפגעהערט שיקען געלט, האָט זי איהם נאָך מעהר דערקענט אין זיינע בריף.

ענדליך, ווען עס איז שוין מעגליך געוואָרען פאַר חיים'ען צו קריגען די וויזע קיין אַמעריקע, און ער איז געקומען קיין ריגע וועגען דעם, האָט בעסי איהם שוין אַזוי גוט געקענט, אַז זי האָט מורא געקראַגען איהם צו ברענגען אַהער. זי האָט דערפיהלט, אַז זי ברענגט אַהער אַ שלים־מזל, אַ פאַראַזיט, אַ צרה אויף זיך.

זייער קאָרעספּאָנדענץ איז אַלץ געוואָרען אַ כעס'דיגערע, אַ מעהר טענה'דיגע, און אויך אַן אַנצוהערעניש וועגען אַ גט איז שוין געווען.

איצט האַלט עס, אַז ער שטימט איין אויף דריי זאַכען: אָדער זי זאָל איהם נעמען קיין אַמעריקע, אָדער זי זאָל איהם שיקען געלט, וועט ער איהר שרייבען גוטע בריף, און אויב זי וויל, וועט ער איהר צושיקען אַ גט, אָבער אַלץ פאַר געלט, פאַר אַמעריקאַנער דאָלאַרען.

זי שטימט ניט איין צו אַלע דריי זאַכען. זי פיהלט זיך שטאַרק, אַלס אַ פאַרהייראַטע פרוי, כל זמן זי איז דאָ די אַמעריקאַנער בירגערין, און ער איז דאָרטען און דאַרף אָנקומען צו איהרע לאַסקעס, און ער מוז איהר שרייבען בריף.

זי האָט מורא צו ברענגען איהם אַהער. זי קען איהם אויך אייביג ניט שיקען קיין געלט, ווייל זי איז שוין אויסגעהאָרעוועט אין שאַפּ. וועגען אַ גט — איז, ערשטענס, האָט זי ניט קיין געלט צו באַצאָהלען, און צווייטענס,

וויל זי ניט פארלירען איינעם, וואס שרייבט איהר בריף, און צו וועמען זי שרייבט.

זי איז עלענט, זי האט קיינעם ניט אויף דער וועלט. די מאמע, וועלכע איז צו איהר אזוי נאהענט, מאכט מיט איהר רחמנות איהר לעבען נאך ערגער.

שטיקט בעסי איהר עלענט אין איהר פאראומערטער הארץ, ווייסט ניט וואס צו טאן, האט מורא צו פאסען א באשטימטען באשלוס. זי שיקט איהם נאך ווען־ניט־איז א פאר דאלער, און זי ציהט אלץ אפ. אט זאל זי האבען דערוויל אימיצען אויף דער וועלט, צו וועמען זי מוז שרייבען בריף. צי גוט, צי שלעכט, אימיצער ווארט אויף איהר בריף, און זי ווארט פון דעם אימיצען אויף א בריף.

— בעסי, — דערהערט זיך ווידער דער מאמע׳ס רופען.

די מוטער געהט ארונטער פון בעט, קומט צו צום טיש, אויף וועלכען בעסי שרייבט, גיט א קוק אויפ׳ן זייגער, א קוק צום ליידיגען פאפיר און זאגט:

— זעה נאר, דו האסט דאך נאך דעם בריף ניט אנגעהויבען.

— געה, מאמע, געה שלאפען. לאז מיר . . .

די מאמע געהט אוועק א קרעכצענדע:

— זעה, בעסי, מאך שוין אמאל א סוף. דארפסט דאך אויפשטעהן פריה.

בעסי ענטפערט ניט. זי האט שוין עטליכע בויגלאך פאפיר אנגעהויבען און צוריסען. די סטרונע צווישען איהר מיט חיימ׳ען אין די בריף איז שוין גאר־גאר אנגעצויגען. זי הויבט אן צו שרייבען און צורייסט. זי ווייסט ניט, ווי אנצוהויבען, ווי אזוי זי זאל איהם אדרעסירען: „מיין ליבען מאן״? „מיין מאן״? „חיים״? „הער חיים ליפשיץ״? אז זי ווייסט ניט, וואס זי איז איצט מיט איהם . . .

זי זיצט און סקריפעט מיט דער פען. און דאס סקריפען אין דער שטי־לער נאכט קראצט אן וואונדען, טיפע וואונדען אין די הערצער ביי איהר און ביי דער שלאפלאזער מאמען.

לעאָנאַרד האָט זיך דערשראָקען

ס׳איז געווען אַ שבת נאָכמיטאָג, שפּעט אין דעם מאָנאַט אָקטאָבער, ווען דער יונגערמאַן לעאָנאַרד סווירדלין, אַן אויסגעפּוצטער און אַ שיינענדיגער, האָט געאיילט צום אַפּאַרטמענט פון די אַפּעלבוים׳ס אין דעם געגענד פון וואַשינגטאָן פּאַרקוועי. מיט דער אומגעדולדיקייט פון אַ פאַרליבטען האָט ער זיך געיאָגט, מענשען געשטויסען, אום שנעלער צו זיין מיט לואיז אַפּעלבוים, מיט וועמען ער איז געוואָרען גאָר נאָהענט באַפריינדעט זינט אָנהויב זומער.

געקענט האָבען זיך לעאָנאַרד און לואיז אַפּעלבוים שוין פון לאַנג. זיי האָבען זיך ביידע אויפגעהאָדעוועט אין איין געגענד — אַרום וואַשינגטאָן פּאַרקוועי. אָבער גוט געקענט האָבען זיי זיך ניט ביז די לעצטע פּאָר יאָהר, ווייל לעאָנאַרד איז געווען מיט אַ זעקס יאָהר עלטער פון לואיז׳ן. ווען לעאָנאַרד, אַלס אַ האַי־סקול באָי, פלעגט קומען מיט זיינע חברים שפּילען פוטבאָל אויף דעם שטילען בלאָק, וואו אויפ׳ן קאָרנער איז געווען אַפּעלבוימ׳ס אָרימע קענדי סטאָרקע, איז לואיז דאַן ערשט אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף. אַן אַכצעהן יאָהריגער יונגערמאַנטשיק דערזעהט ניט אַ צוועלף־יאָהריגע מיידעלע, ווי ער דערזעהט ניט אַ פרוי וואָס איז איבער דרייסיג. לואיז האָט אָבער געקענט יעדען באָי, וואָס האָט זיך געדרעהט אַרום איהר קענדי סטאָר, און אויך דעם הויך־געוויקסיגען לעאָנאַרד, פון דעם וואַשינגטאָן פּאַרקוועי דראָג־סטאָר. זי האָט פילע מאָל איהם סערווירט אַן אייזקרים סאָדאַ דעם הויכען בחור׳ל לעאָנאַרד סווירדלין. זי האָט זיך שוין דאַן געהאַלטען פאַר אַ „יאָנג לעידי“, און ס׳האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ער, ווי אַלע גרויסע באָיס, קענען איהר. אָבער לעאָנאַרד האָט גאָר ניט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון דער צוועלף־יאָהריגער „דאַמע“, וועלכע האָט סערווירט אייזקרים סאָדאַ צו די פאַרשוויצטע באָל־שפּילער.

דאַן זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָהר, ווען לעאָנאַרד האָט אויפגעהערט צו שפּילען באָל אויפ׳ן מיטען גאָס. שפּעטער האָבען זיך לעאָנאַרד און לואיז ווידער געטראָפען צו אַ פּאַרטי טאַקע פון דעם זעלביגען „נעיבאָרהודקראָוד“, און מען האָט זיך באַקענט. פון דער באַקאַנטשאַפט האָט מען זיך שוין ניט צעשיידט. לואיז איז שוין געווען אַריבער צוואַנציג, לעאָנאַרד

אַריבער זעקס־און־צוואַנציג, זיי זיינען שוין געווען גאַנץ אַנדערע מענשען איינע פאַר די אַנדערע, און עס איז געוואָרען אַ ליבע.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, לעאָנאַרד, אַז זיין לואיז איז דאָרטען אין דעם אָרימען אַפּאַרטמענט פון איהרע עלטערען, וועלכער איז אָבער ליכטיג און ציכטיג, פון וועלכען איהם ווילט זיך קיינמאָל ניט אַוועקגעהן. ער האָט געוואוסט, אַז זי וואַרט אויף איהם דאָרטען, ווי אַלע מאָל אין דער צייט, אָבער ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַפּעלבוים׳ס קענדי סטאָרקע, און מאָלי אַפּעלבוים, אַ פּרוי איבער פופציג, מיט אַ בליהענדען יונג־וייב־ליכען פּנים, איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און איהם באַגריסט, האָט ער געפרעגט:

— איז לואיז אין דער היים?

—יע, לעאָנאַרד, — האָט מיסעס אַפּעלבוים געענטפערט מיט זיס־קייט, מיט אַ ברייט־צושמייכעלטען פּנים — זי איז אין הויז.

אפשר צום הונדערטסטען מאָל אַז ער פרעגט די פראַגע, וויל ער מוז דאָך עפּעס זאָגען צו מרס. אפּעלבוים, און ער האָט ניט וואָס; און זי צושמייכעלט זיך יעדעס מאָל אַלץ ברייטער, און רעדט אַרויס אַלץ איינ־דרוקספולער „יע־עס, זי איז אין הויז, אַפּסטעירז, לעאָנאַרד״.

די אַפּעלבוימס זיינען זעהר צופרידען פון דעם שידוך, וואָס איז שוין אַ באַשטימטע זאַך. לעאָנאַרד איז אַ זוהן פון אַ באַריהמטער פאַמיליע אין דעם געגענד פון וואַשינגטאָן פּאַרקוועי. די סווירדלינס זיינען די אייגענ־טימער און די גרינדער פון דעם גרעסטען דראָג־סטאָר אין יענעם געגענד. די סווירדלין דראַג סטאָר איז כמעט אַ האַלבען בלאָק די לענג און האָט אַ גרויסען לאָנטש קאַונטער, אַ קענדי דעפּאַרטמענט און אַ „סוירקולעישאָן לייברערי״. איז טאַקע מיסעס אַפּעלבוים זעהר געגרן וואָס לעאָנאַרד איז אַזוי פאַרליבט אין איהר מיזינקע. זאָל כאָטש די מיזינקע טאָן עפּעס אַ רייכען שידוך. די עלטערע דריי קינדער איהרע האָבען זיך גאָר ווייניג אַרויפגעאַרבעט, און זי מיט׳ן „אַלטען״ דאַרפען זיך מוטשען מיט אַ קליי־נער קענדי סטאָר אין אַ זייטיגער סטריט. „אַלטער״ רופט זי איהם, וויל ער איז טאַקע מיט אַ יאָהר ניין עלטער פון איהר, און שוין אַ פינף יאָהר אַז מען וויל איהם אין קיין שאַפּ ניט געבען קיין דזשאַב, כאָטש ער איז אַ גוטשטעהענדער מעמבער אין דער פרעסערס יוניאָן.

„יע־עס, לעאָנאַרד, זי איז אַפּ־סטעירז״, האָט מאָלי געמורמעלט אין דער שטיל, ווען זי האָט מיט איהרע הנאה׳דיגע בליקען באַגעקוקט און באַגלייט דעם אויסגעפּוצטען יונגענמאַן מיט זיין שיינענדיגער פאַרליבט־

קיט, וועלכער האָט זיך געטראָגען, געשוועבט צום אַריינגאַנג אין דעם אַפּאַרטמענט, וואָס האָט זיך געפונען צוויי שטאָק איבער דער קענדי סטאָר.

די מאַמע, מאַלי אַפּעלבוים, איז קיין מאָל ניט אַרויסגעגאַנגען אין די רומס, און ניט געלאָזען איהר היימי׳ן, דעם פּאָטער אַרויפגעהן און שטערען און מישען זיך. דאָס האָט די מוטער זיך שוין אויסגעלערענט ווען די עלטערע צוויי טעכטער זיינען געווען מיידלאַך. דער זוהן, איהרער, וועלכער איז גאָר דער עלטסטער האָט עס אויפמערקזאַם געמאַכט וועגען דעם זיין מאַמען און דעם טאַטען, אַז ווען עלטערען מישען זיך צופיל, האָבען די קינדער ניט קיין „קאָמפּאַני".

ווען לעאָנאַרד סווירדלין איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט שוין לואיז געטראָגען אויף זיך איהר חנ׳עוודיג, קליין, ווייס פּאַרטוכעל אויף איהר קאָלירטער קליידעל, אַ ווייס שלייפעל אויף איהר קאָפּ שוואַרצע האָר. דאָס קליינע טישעלע ביי דער סאָפע איז שוין געווען געגרייט מיט צובייסען; איבער דער שטוב האָט זיך געהערט דער אנגענעמער ריח פון פריש־געמאַכטער קאָפע.

די אויסשטאַטונג פון דער שטוב און די מיידעל אַליין האָבען פאַרגע־שטעלט אַן אַפּאַרטמענט, וואו אַ „פּאַרהייראַטער" יונגער באַלעבעסעל קומט פון דער אַרבייט אַהיים צו זיין ווייבעל. טאַקע אויף אַזאַ אופן האָבען זיי זיך באַגעגענט — אַרומגענומען זיך, צוקושט זיך:

— „העלאָו, דיר".

— „העלאָו, האָני".

לעאָנאַרד׳ן האָט יענעם שבת פּאַרנאַכט געזאָגט דאָס האַרץ, אַז עס איז עפּעס ניט גלאַטיג אין שטוב.

געוועהנליך פלעגט לואיז מאַכען אַ צובייסען נאָכדעם ווי זיי פאַרברענ־גען שוין אַביסעל. זיי שטעלען אַן די ראַדיאָ און זיי טאַנצען, קוקען זיך אַן איינע די אַנדערע צו זאַט; דאַן טוט זי אָן דעם פאַרטוכעל, וואָס פּאַסט איהר זעהר, און וואָס גיט איהר צו יענעם שטוביגען ווייבליכען חן, נאָך וועלכען לעאָנאַרד גאַרט זעהר און זעהר. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי האָט אַזוי שנעל צוגעגרייט דאָס צובייסען. מסתמא, האָט ער גע־קלערט, האָט זי אַ פּלאַץ גלייך צו געהן מיט איהם ערגעץ. און דאָס איז איהם ניט אַזוי געפעלען, ווייל זיין בעסטער אַמיוזמענט איז דאָ, אין דער שטילער הויז צווישען איהם און איהר.

אויך האָט זיך איהם געדוכט, אַז דאָס קושען זיך איהרס איז געווען עפּעס ניט דאָס וואָס אַלעמאָל. אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז דאָ, ווי ער,

לעאָנאַרד, טרעט אַריבער דעם שוועל און ער געפינט זיך מיט לואיז׳ן, וויל ער זיך מיט קיין אומעטיגע און שווערע געדאַנקען ניט פאַרנעמען. עס געהט איהם לעצטענס ניט אַזוי וואויל אין זיין פערזענליכער וועלטעל — אין זיין היים. ער איז שוין ניין און צוואַנציג יאָהר, באַלד דרייסיג. די „באַר״ אַלס לאָיער האָט ער נאָך ניט „געפּעסט״. ער גרייט זיך צו אַ נייעם עקזאַמען אָהן חשק. ער פיהלט זיך דערשלאָגען ביי זיין אַרבייט אַרום דעם לאָנטש־קאונטער אין זיין טאַטענ׳ס דראָג־סטאָר. אין הויז ביי איהם — ביי די עלטערן, איז זעהר אונהיימליך. די שוועסטער זיינע, וועלכע איז עלטער פון איהם מיט אַ פּאָר יאָהר, האָט אָפּגעבראָכען מיט איהר צווייטען חתן, און מען רעדט ביי איהם אין הויז אַז ער געהט אַרום מיט אַן אַנדער מיידעל. ער שעמט זיך און לייקענט אַז ער האָט אַ „סטעדי מיידעל״, און ער פיהלט זיך זעהר ניט גוט.

האָט לעאָנאַרד ניט געוואָלט צולאָזען צו זיך קיין טרויעריגע געדאַנקען דאָ ביי לואיז׳ן אין הויז, וואו עס איז איהם אַזוי אַנגענעם, וואו ער פיהלט זיך אַזוי באַשיצט.

לואיז האָט געהאַט איהם וואָס צו זאָגען יענעם שבת נאָכמיטאָג. זי האָט סערווירט צובייסען גלייך ביי זיין אַריינקומען, וויל זי האָט ניט געקענט מיט איהם טאַנצען, פאַרברענגען, איהר האַרץ איז געווען פול, און אַזוי שנעל ווי זי האָט איהם געבעטען זעצען זיך ביים טישעל, צוגעטראָגען די צוויי קאָפּס קאַפּי מיט קוקיס און אַנדערע נאַשערייען, האָט זי אַרויס־גערעדט:

— איך האָב דיר וויכטיגעס צו זאָגען, לעאָנאַרד.

זי האָט זעהר ניט געוואָלט מאַכען אַ סצענע, אָבער זי האָט אַנדערש ניט געקענט. עס איז איהר אונמעגליך געווען צו האַלטען איהר גלייכגעוויכט, צו קוקען איהם אין פּנים, און האַלטען זיך רוהיג פון זיינע בליקען אויף איהר, פון דולדען זיין כסדר׳דיגען אַרומנעמען איהר, זיין צוציהען איהר צו זיך, זיין צודריקען איהר צו זיך.

ער האָט אַנגענומען די קאָפּ קאַפּי אין זיין האַנט, און צוטראָגענדיג צו זיין מויל, האָט ער געפרעגט שפּאַסיג:

— אַזוי ערנסט?

— יע, זעהר ערנסט, — האָט זי פיינליך געענטפערט, — זעהר ערנסט.

לואיז, די מיידעל, וועלכע האָט זיך איהם, לעאָנאַרד׳ן, איבערגעגעבען, האָט זיך געשעמט. עס איז איהר געווען זעהר שווער צו זאָגען איהם, אַז

זי איז שוואַנגער. צייט זי איז אַריין צו אַ דאָקטאָר ערגעץ אין אַ ווייטען געגענד, און דער דאָקטאָר האָט באַשטעטיגט איר פאַרדאַכט וועגען איר צושטאַנד, זיינען אַוועק טעג, און זי האָט ניט געהאַט קיין מוט צו זאָגען עס לעאָנאַרד'ן. זי האָט עפּעס מורא געהאַט — מורא געהאַט פאַר וואָס? פאַר וועמען? דאָס האָט זי ניט געוואוסט אויף קלאָר.

זי האָט זיך צוגעזעצט לעבען איהם אויף דער סאָפע ביים טישעל, וואו ער האָט געהאַלטען די קאָפּ קאַפי אין האַנט, אַנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אויף איהם, און גערעדט מיט צוגעמאַכטע אויגען, איהם אַלץ דערצעהלט.

אין דעם מאָמענט האָט זי דערפיהלט אַז אַ מאָדנער ציטער איז דורכ־געלאָפען דורך זיין קערפּער. זי האָט זיך פון איהם אָפּגערוקט און איהם אַנגעקוקט.

ער איז געווען בלאַס; אין זיינע צושראָקענע אויגען איז געווען כעס.

— עס קען ניט זיין, עס קען ניט זיין, — האָט ער אַרויסגערעדט, — און ער האָט גענומען בלאָזען פון זיך, ווי אַ צושראָקענע אידענע וואָס האַלט ביים חלש'ן.

זיין האַלטען זיך האָט איהר אויסגעטשוכעט. זי האָט זיך געגעבען אַ שטעל אויף, אויסגעגלאָצט אויף איהם אַ פּאָר ווילדע אויגען און אויס־גערופען:

— „וואָט העפּענד טו יו!" — דריקענדיג שטאַרק די לעצטע ווער־טער „טו יו".

ער האָט ניט געקענט קומען צו זיך. ער האָט גענומען רעדען ווערטער אָהן אַ צוזאַמענהאַנג איינע מיט די אַנדערע, אָבער זי האָט די ווערטער פאַרשטאַנען. ער האָט געבאַלעבאָטשעט וועגען אַלערליי מיטלען צו ראַטע־ווען זיך; צו ראַטעווען איהם — אָבער ניט וועגען אַרויסנעמען לאַיסענס און דורכגעהן אַ חתונה־צערעמאָניע. אין זיינע צושראָקענע רייד האָט זי דייטליך געזעהן אַ באַשטעטיגונג פון דעם, וואָס זי פלעגט פון צייט צו צייט אַ טראַכט טאָן וועגען איהם — אַז ער איז אָהן כאַראַקטער, אַז ער איז אַ „גוד פאָר נאַטהינג", און אַז זי, די קלוגע (אַלע האָבען איהר געהאַלטען פאַר אַ „בראַיט גוירל") שטעהט דאָ פאַר דעם לעמעשקע אָן אָפּגענאַרטע.

וואָס מעהר ער האָט גערעדט, איז ער אַלץ מעהר געקומען צו זיך. זיך באַריהמט מיט די באַריהמטע דאָקטוירים וואָס ער קען, וואָס קומען אין זיין פּאָטער'ס אַפּטייק. און לואיז איז געשטאַנען און געשוויגען; איהר צאָרן איז געוואַקסען מיט יעדער סעקונדע פון די פּאָר מינוטען וואָס לעאָנאַרד האָט מיט זיינע באַלבעריישן איהר געטרייסט. פּלוצלונג האָט זי אַן עפען געטאָן די טיר און אויסגעשריען צו איהם:

— „געט אױס!"
— לואיז, — האָט ער איהר גענומען אײנשטילען.
— ארויס! — האָט זי שטאַרקער גענומען שרייען ביי דער אָפענער טיר.

עס האָט זיך גענומען הערען װי טירען עפענען זיך פון אַנדערע אַפּאַרטמענטס.

— לואיז, פליז, — האָט ער זיך גענומען בעטען, געהענדיג צו דער טיר — לאָמיר זיך דורכרעדען.

— אױס! — האָט זי היסטעריש אויסגערופען.

ער איז אַרויס, און זי האָט אַ בראַזג געטאָן מיט דער טיר. זי האָט געהערט, לואיז, װי אין קאָרידאָר רעדען שכנים, און טירען מאַכען זיך צו.

אַז אין קאָרידאָר האָט זיך איינגעשטילט, איז לואיז אַװעק פון טיר, אַריינגעזעצט זיך אין דעם לייכטען מאַהאָגאַני ראָקינג טשער. דער קאָפּ איז איהר געװען צומישט און שװער.

דער ערשטער טרויעריגער געדאַנק, װאָס איר איז געקומען אין קאָפּ אַריין, איז געװען, אַז זי האָט איהם ניט ליב, לעאָנאַרד'ן. מיט אַ מינוט פריהער איז זי געװען אין כעס אויף איהם, פול מיט רציחה. איצט פיהלט זי בלויז אַז זי האָט איהם ניט ליב, און אַז זי האָט איהם קיינמאָל ניט ליב געהאַט. ליב געהאַט האָט זי אַן אַנדערען, אָבער יענער איז ניט געװען קיין „רילאַיעבל באָי", ניט קיין פאַראַנטװאָרטלעכער. זי װייסט, אַז מיט לעאָנאַרד'ן װעט זי דאָך חתונה האָבען, און דערפאַר איז איהר טרויעריג אויפ'ן האַרצען, װייל זי האָט איהם ניט ליב. ער איז געװען פון אָנפאַנג בלויז „קאָמפּאַני", דאַן האָט איהר די מאַמע צוגערעדט, אַז זי זאָל „סטיקען" צו דעם באָי, װייל די סױירדלינגס זיינען די פּאָפּולערסטע פאַמיליע אין דער נעיבאָרהוד — אַ פאַמיליע מיט אַ גרויסער סטאָר, „פּאָני פּיפּל", די „יוראָפּ־שע" עלטערן. און אַז די סױירדלינגס האָבען אַ גרויסע סטאָר, װאָס האָט דערפון לעאָנאַרד, אַז ער איז אַ נאָבאָדי, אַ געשיר־װאָשער דאָרטען; און זיין פאָטער „האָט בלויז דעם שליסעל צו דער סטאָר", האָט לעאָנאַרד איהר איינמאָל געזאָגט, „װאָרים די באַנק, װאָס געפינט זיך לעבען דער סטאָר, האָט דעם מאָרטגעדזש".

יוראָפּשע עלטערען זיינען זעהר אונפּראַקטיש. ביי זיי איז אַ יחוס װען איינער האָט אַ סטאָר ביי דעם הויפּט סאָבװעי סטעישאָן אויף דער פּאַרק־װעי, האָט זיך ביי לואיז'ן געטראַכט.

אינצװישען אָט די אַלע געדאַנקען איז דער הויפּט־טרויעריגער גע־דאַנק אַלץ געװאַקסען מיט שרעקעניש. איצט, נאָכדעם װי זי האָט לעאָ־

נאַרד׳ן דערזעהן אין זיין שוואַכען, צושראָקענעם צושטאַנד, האָט זיך איהר געוואָלט אויסלאַכען פון איהם. אָבער לײדער האָט זי ניט געזעהן קיין וועג. זי האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען איהרע פיר הונדערט דאָלער, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט אין באַנק צייט זי אַרבייט אויף איהר דזשאַב. זי וועט דערמיט פּטור ווערען פון . . . דערביי האָט זי אויפגעהערט מעהר צו טראַכטען וועגען דעם, ווייל דאָס הייסט דאָך ניט, אַז זי וועט ווידער ווערען דאָס, וואָס זי איז געווען פריהער . . .

עס האָט אָנגעהויבען טונקלען אין הויז, אַ דרעמעל פון מידקייט און פון צער איז איהר באַפאַלען. זי האָט באַקוקט דעם מאַהאַגאַני ראָקינג טשער, אויף וועלכען זי איז געזעסען. אָט אויף דעם מאַהאַגאַני שטוהל פלעגט זיך לעאָנאַרד מיט איהר אַרומשפּילען, נעמען איהר אויף זיין שויס און כלומרשט „רעסלען״ זיך.

זי איז אויפגעשטאַנען, אַוועק אין איהר צימער, און אַ וואָרף געטאָן זיך אין דער ברייט אויף איהר פאַרבעטעטן בעט. פון איהר אויפשטעלען זיך און איבערגעהן צו זיך אין צימער, האָט זי זיך אויסגעטשוכעט. זי האָט געגומען טראַכטען צי זאָל זי היינט דערצעהלען דער מאַמען וואָס מיט איהר טוט זיך. ניין, זי וועט נאָך וואַרטען, אודאי וועט זי דערצעהלען דער מאַמען. די מאַמע איז נאָך מעהרער שולדיג ווי זי אַליין, אַזוי האָט זיך לואיז׳ן אָפּגעדוכט, אָבער נאָך ניט איצט; יעדענפאַלס ניט היינט — היינט איז זי צו מיד דורכצומאַכען אַזאַ טרויעריגע סצענע.

ווען לעאָנאַרד איז אַרונטער אין גאַס, איז ער ניט געגאַנגען מעהר פאַרביי אַפּעלבוים׳ס קענדי סטאָר, נאָר ער האָט זיך פאַרנומען רעכטס, צו דער אַנדער זייט, צו דער זייטיגער עוועניו, אום אויסצומיידען מיסעס אַפּעלבוים, וועלכע וואָרט אַלע מאָל צו זעהן איהר לואיז׳ן מיט איהר „סטעדי״ גרויסאַרטיגען באַי אויסגעהן ערגעץ, אין אַ מואווי, אין אַ טשאַפּ־סואי רעסטאָראַן.

אַזייגער זיבען איז מיסעס אַפּעלבוים אַרויפגעקומען צו זיך אין די רומס מאַכען סאַפּער. ווען זי האָט ליכטיג געמאַכט אין די צימערען, דער־זעהן ווי דאָס „צובייסען״ איז געבליבען שטעהן אויפן טישעלע אָפּגעקיהלט און ניט געגעסען, און לואיז׳ן שלאָפען מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס פון בעט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געווען אַ קריגעריי און אַז דערפאַר איז לעאָנאַרד ניט פאַרבייגעגאַנגען די סטאָרקע, ווייל ער איז אַוועק איינער אַליין.

אין דער צייט וואָס עס האָט זיך געוואָרימט דער סאַפּער אויפ׳ן אויוועז, האָט מאַלי אויפגעוועקט איהר טאָכטער.

— וואו איז לעאָנאַרד ? — האָט די מוטער געפרעגט ווען לואיז איז אַרויסגעקומען פון איהר צימער.

— ווען ער איז אַוועק, — האָט לואיז געענטפערט מיט אַ פאַרטשאַדעטער שטימע.

— געהאַט אַ פּאַיט ?

— הו קערס !

שפּעטער אין אָוענט, נאָכדעם ווי די מוטער האָט אַרונטערגעטראָגען איהר האַימי׳ן, דעם פאָטער, דעם סאַפּער אין דער קענדי סטאָרקע, „געזעגנד" די קאָסטאָמערס ביז ער, האַימי, האָט אָפּגעגעסען אין אַ ווינקעל הינטער׳ן קאָונטער, איז זי אַרויפגעקומען צוריק אין הויז אַטענדען צו איהר טאָכטער׳ס ביזנעס.

— פאַרוואָס האָט איהר זיך ביידע צוקריגט ? — האָט מאַלי געפרעגט איהר טאָכטער.

— מיר האָבען זיך גאָרניט צוקריגט, — האָט לואיז געענטפערט, פיילענדיג איהרע נעגעל.

— ניט צוקריגט ? — האָט די מוטער געפרעגט מיט חוזק — איך פאַרשטעה ניט.

אַ ווײַלע שפּעטער אין אָוענט, נאָכדעם ווי די מוטער האָט געבראַכט אָרדענונג אין קיך און איז געווען גרייט אַרונטערצוגעהן אין קענדי סטאָר, אַז איהר היימי זאָל געהן שלאָפען, ווייל ער שטעהט אויף זעהר פריה, האָט זי, די מוטער, געזאָגט צו דער טאָכטער :

— לאָז ניט פאַרציהען אַ צו לאַנגען ברוגז.

— אַי דאָנ׳ט קער, — האָט לואיז געענטפערט מיט אַן אומעט גע־שמעקט מיט טרערען.

— ווילסט איך זאָל איהם אָפּרופען ווען איך וועל אַרונטערגעהן אין סטאָר ?

— ניין, מאַמע, זאָלסט ניט וואַגען איהם אָפּצורופען. ער איז סאַי־ווי־סאַי ניטאָ אין דער היים.

— וועל איך אָפּרופען אין זייער סטאָר.

— הייַנט איז דאָך זיין „נאַיט אָף"; זאָלסט ניט אָפּרופען.

— מ׳קען דאָך אָנזאָגען אין סטאָר, אַז מ׳זאָל איהם זאָגען, ער זאָל רופען אַהער.

— מאַמאַ ! — האָט לואיז געגעבען אַ געשריי, — דו זאָלסט ניט וואַגען אָפּצורופען, דו הערסט ?

— שאַ, שריי ניט, — האָט מאַלי געענטפערט. — ניין איז ניין. אָבער

איך זאָג דיר, אַז מיט אַזאַ פּיינעם באַי ווי לעאָנאַרד, און וואָס איז שוין ניט קיין סקול אינגעל, פאַרפּיהרט מען ניט קיין לאַנגען ברוגז.

די מוטער איז אַרונטער אין סטאָר אַריין.

לואיז איז געווען זעהר מיד און דערשלאָגען. אָבער זי האָט מורא געהאָט, אַז די מאַמע וועט יע אָפּרופען לעאָנאַרד׳ן און זי קען זיך דערוויסען עפּעס פון איהם, און דאָס האָט לואיז ניט געקענט ערלויבען. די מאַמע איהרע מוז זיך פריהער דערוויסען וועגען אַלעס צוערשט פון איהר. זי איז געווען אַ ברייטהאַרציגע און פּראָגרעסיווע מוטער, מאַלי אַפּעלבוים, און לואיז האָט בשום אופן ניט געקענט ערלויבען, אַז די מאַמע זאָל זיך עפּעס דערוויסען וועגען דעם פון אימיצען אַנדערש אויסער איהר, די טאָכטער.

לואיז האָט זיך אָנגעטאָן, צוגעפּיקסט זיך אין שפּיגעל און איז אַרונטער אין דער סטאָרקע היטען איהר מאַמען זי זאָל ניט צוגעהן צום טעלעפאָן אָפּרופען לעאָנאַרד׳ן.

אַזייגער צעהן אין אָווענט ווערט זעהר שטיל אויפ׳ן שטילען קאָרנער פון אַפּעלבוים׳ס קענדי סטאָרקע. ס׳איז אַ קענדי סטאָר הויפּטזעכליך פאַר קליינע קינדער און זייערע יונגע מאַמעס. שבת אַזייגער צעהן זיינען די קליינע קינדער אין די בעטען און זייערע עלטערען אין די מואַוויס, אָדער אין דער היים. אַ זייגער צעהן האָט געקלונגען דער טעלעפאָן אין דער בודקע פון דער קענדי סטאָר.

לואיז איז צוגעלאָפען, און ס׳איז טאַקע געווען לעאָנאַרד.

— לואיז?

— יעס.

— אַי עם סאָרי.

— וועלל?

— קען איך דיר זעהן?

— ווען?

— איז דיין מוטער מיט דיר דאָרטען אין סטאָר?

— יע.

— זי ווייסט?

— וואָס? — האָט לואיז איבערגעפרעגט צו געווינען צייט.

— אַלעס, — האָט לעאָנאַרד געענטפערט אויף אַ זעהר נידעריגען טאָן, אַז זי זאָל פאַרשטעהן וואָס אַלעס מיינט.

— יעס, — האָט לואיז געזאָגט, — זי ווייסט.

— איך מוז דיר זעהן.

— ווען ?

— איז מאָרגען אַלראַיט ?

— יעס, — האָט געענטפערט לואיז קאַלט.

— לואיז, — האָט ער אַ רוף געטאָן מיט ווייכקייט.

— וועלל ?

— עס טוט מיר לייד וואָס איך האָב ניט ריכטיג געהאַנדעלט.

זי האָט געשוויגען. דאַן האָט ער געזאָגט :

— איך האָב דיר געדאַרפט פאָלגען אַנהויב זומער, און אַוועקגעהן פון מיין פאָפּאָ'ס סטאָר. — ער האָט אַ מאָמענט געשוויגען, און ער האָט ווידער אין אַן אומעטיגען טאָן אַ רוף געטאָן :

— לואיז ?

— יעס.

— פאַרוואָס זאָגסטו גאָרניט ?

— איך האָב אַ קאָפּוועהטאָג. איך בין מיד.

— אַלראַיט טייערע ; איכ'ל קומען מאָרגען.

— ווי שפּעט ?

— אַזייגער צוויי נאָכמיטאָג.

ער האָט איהר געזאָגט, „אַ גוטע נאַכט, טייערע". זי האָט איהם גאָר־ניט געזאָגט.

לואיז האָט זיך דערפיהלט גאַנץ געהויבען, אָבער דער אומעט אין איהר האַרצען איז געוואָרען פיל דריקענדער ווי פריהער. זי האָט זיך דערפיהלט ווי איינע וואָס איז ענדליך אַנערקענט געוואָרען אַלס אומשולדיג, נאָכדעם ווי זי איז אָפּגעזעסען אין געפענגעניש דעם טערמין, צו וועלכען זי איז דורך אַ טעות פאַר'משפט געוואָרען.

ווען די מאַמע האָט איהר געפרעגט וואָס ער האָט געזאָגט, לעאָנאַרד, האָט זיך לואיז פאַרקליבען הינטער אַ ווענטעל ביי אַ טישעל, וואו פאַרלעך זעצען זיך אַמאָל עסען אייז־קרים, און זי האָט זיך צוּוויינט. און געוויינט האָט זי היסטעריש ; דאָס האַרץ האָט זיך איהר געוואָרפען אין קראַמפּען פון דערשטיקען אין זיך איהרע איבערלעבונגען פאַר עטליכע טעג איינע אַליין.

— וויין ניט, — האָט די מאַמע זיך געבעטען ביי איהר, און די מוטער אַליין האָט אויך קוים איינגעהאַלטען די טרערען. — וויין ניט, דערצעהל מיר וואָס עס האָט פּאַסירט. קום אַרויף, איך וועל צומאַכען די סטאָר.

— איך וועל דיר דערצעהלען דאָ, מאַמע. אין די רומס וויל איך ניט

דערצעהלען. דער פּאַפּאַ שלאָפט נאָך אפשר ניט. איך וויל ניט ער זאָל הערען.

און דאָ אויף דער באַנק ביים טישעל הינטער דער סטאָר, האָט לואיז דערצעהלט איהר מאַמען.

ס'האָט לואיז'ן קיין סך צייט ניט גענומען דערצעהלען. די מאַמע האָט גלייך ביי די ערשטע פּאָר ווערטער אַלעס פאַרשטאַנען.

— אָבער וואָס וויינסטו, מיין קינד, — האָט זיך די מוטער ביי איהר געבעטען און האָט דערביי אַליין געוויינט. — מען דאַרף זעהן טאָן שנעל אַלעס וואָס מען דאַרף און שוין. עס מוז איבערמאַרגען זיין חופּה און דאַן וועט איהר זיך איינאָרדענען. וויין ניט, קינד.

— איך וויין, ווייל איך האָב איהם ניט ליב.

— ער איז אַ וואוילער יונגערמאַן — טרייסט איהר די מאַמע. — אַי ער האָט געהאַנדעלט ווי אַ נאַר, איז זיינען זיי אַלע אַזוי. זיי זיינען אַלע מערדער.

— איך האָס איהם.

— זאָג עס איהם ניט, געדענק־זשע. נאָך דער חתונה קענסטו איהם זאָגען וואָס דו ווילסט.

דאָס האָט אַלעס פּאַסירט צווישען לואיז'ן און לעאָנאַרד'ן מיט פינף יאָהר צוריק. זיי האָבען טאַקע דאַן, פאַר פינף יאָהרען, אין אַ וואָך אַרום חתונה געהאַט אין דער שטיל.

איצט האָבען די יונגע מיסטער און מיסעס סווירדלין אַ פינף־יאָהריגע שעהנע טעכטערעל. זיי לעבען זיך גאַנץ פיין ווי די מעהרסטע פּאָר פאָלק — אַט האַלובעט מען זיך, און אַט קריגט מען זיך.

ווען די יונגע סווירדלינס קריגען זיך ציטערט יעדערער פון זיי אַריינצוציהען אַט יענעם פאַר פינף יאָהריגען סקאַנדאַל. זי מיינט, אַז דווקא פון דאַן אָן קען זי ניט פיהלען צו איהר מאַן אַט די ליבע וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז זי וועט פיהלען צו איהר באַשערטען דעם גאַנצען לעבען איהרען. און ער איז איבערצייגט, אַז צוליב איהר סקאַנדאַל דאַן האָט ער שוין ניט געקענט „פּעסען" די „באַר", און ער איז דערפאַר פאַר־בליבען אַ קאַונטערמען ביי די לאַנטשעס אין זיין טאַטענ'ס דראָג סטאָר.

דערפאַר אָבער, אין די מאָמענטען ווען זיי האַלובען זיך, דערמאַנט זיך יעדער פון זיי באַזונדער אין דער שטיל יענעם סקאַנדאַלכעל אַלס אַ באַ'טעמ'טער סוד ערגעץ אין זייער פאַרגאַנגענהייט.

מיין ווייב קען זינגען

ניטאָ קיין גרעסער אומגליק פאַר אַ מאַן, ווי ווען זיין ווייב האָט אַ שטימע צום זינגען.

זאָגען זאָג איך עס ניט דערפאַר וואָס איך וויל ניט ליידען וואָס זי זינגט; אדרבא, איך וואָלט וועלען אַז זי זאָל זינגען פאַר מיר, פאַר'ן קינד, און עס זאָל זיין פרעהליך אין שטוב. אָבער זי זינגט ניט פאַר מיר.

אַז איך וויס גאַרניט וואָס מיט איהר איז געוואָרען. ווען איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט האָט זי פון איהר זינגען גאָר ניט פיל געהאַלטען. געהאַלטען פון איהר שטימע האָב איך דווקא. איך האָב זיך טאַקע פאַרליבט אין איהר ווען איך האָב זיך מיט איהר געטראָפען אויף אַ פּאַרטי און זי האָט געזונגען.

דאָן, אויף דער פּאַרטי, האָט זי געזונגען און געקוקט אויף מיר. אַלע אויף דער פּאַרטי האָבען געהערט איהר זינגען, אָבער זי האָט געזונגען נאָר צו מיר. זי האָט אויף מיר געקוקט, געשמייכעלט צו מיר און געזונגען ווי איך וואָלט געווען איהר איינציגער פּובליקום.

ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזען, האָט זיך איהר זעהר גוט באַצאָהלט יענער זינגען. וואָרים, אַ שטייגער, אַז אַ זינגער זאָל פאַר איין „סאָנג" קריגען אַן אייביגען קאָנטראַקט און ווערען פאַרזיכערט מיט פּרנסה, איז דאָך דאָס אַ גליק.

פון יענעם זינגען אָן, האָב איך זיך אין איהר פאַרליבט און חתונה געהאַט מיט איהר. פון דאַן אָן זיינען שוין אַריבער פינף יאָהר, און איך ברענג איהר די „פּעידע" יעדע וואָך.

פאַר די פינף יאָהר האָב איך איהר שוין געבראַכט אין „פּעידעס" אַריבער פופצעהן טויזענד דאָלער. פופצעהן טויזענד דאָלער איז אַ גוטער פּרייז פאַר איין „סאָנג". איך גלויב, אַז מאַריאַ דזשעריצאַ, פון דער מעט־ראָפּאָליטאַן אָפּעראַ הויז, קריגט ניט אַזאַ הויכען פּרייז.

איז, בין איך דאָך, דאַכט זיך, אַ גוטער קאַסטאָמער און אַ „סטעדי" קאַסטאָמער. אָבער זייט מיר האָבען חתונה געהאַט זינגט זי ניט פאַר מיר,

און ניט פאר'ן קינד, וואס דאס איז דאך איהר קינד, און איך גלויב אז זי האט ליב איהר קינד.

זייט זי האט חתונה געהאט מיט מיר האט זי זיך ארומגעזעהן, אז איהר שטימע באלאנגט ניט צו מיר, נאר צו דער גרויסער וועלט.

עס האבען זיך שוין געפונען „מבינים" וואס האבען איהר געזאגט, אז זי האט אזא שעהנע שטימע וואס טאר ניט פארפאלען ווערען אין דער היים ביים מאן און קינד.

„מבינים", איהר ווייסט וואס פאר מבינים דאס זיינען ? ווייסען ווייסען זיי וועגען מוזיק א קדחת, נאר זיי זיינען מבינים אויף א יונגער ווייבעל. איז ווי אזוי קענען זיי ארויסנעמען א יונגע ווייבעל פון הויז און געהן מיט איהר פארברענגען ? זיי טשעפען זיך־צו צו איהר שטימע, פיהרען איהר מיט איהר שטימע אין דער גרויסער וועלט אריין, און דערווייל נעמען זיי איהר ארויס פון הויז.

עס זיינען דא „מבינים" וואס פיהרען איהר ארום צו דער גרויסער וועלט גאנצענע נעכט.

שוין פינף יאהר אז איך האב מיט איהר חתונה געהאט און די גאנצע צייט פיהרען זיך מיט איהר ארום די מענשען וואס פארשטעהען קונסט. זי איז מיט זיי פארהאוועט ; זיי גיבען איהר קאמפלימענטען; פאר זיי זינגט זי, און מיט זיי האוועט זי כסדר ארום צו זינגען פאר דער גרויסער וועלט.

די גרויסע וועלט אבער וויל איר ניט הערען. זאג איך צו איהר : ליוסי דארלינג, וואס טויג דיר די גרויסע וועלט, אז די גרויסע וועלט וויל פון דיר ניט וויסען.

זאגט זי, אז די גרויסע וועלט וועט זיך נאך דערוויסען.

זאג איך צו איהר : „אבער איך צאהל דאך פאר די לעסאנס, און איך האלט דיר אויס, און א מאמע ביסטו דאך, טא זינג אמאל אין דער היים פאר מיר, פאר'ן קינד. לאזען דיינע אייגענע האבען אויך הנאה פון דעם זינגען". אויף דעם ענטפערט זי, אז איהרע לעהרער האבען איהר פאר־זאגט, אז זי זאל ניט זינגען אהן זייער אויפזיכט, ווייל זי קען פארלירען די שטימע.

דאס איז וואס זי ענטפערט. אבער אין דער אמת'ען האט זי ניט וועגען צו זינגען אין דער היים, ווייל זי איז קיינמאל ניטא אין דער היים. איך כאפ מיט איהר נאר א שמועס גאר שפעט ביינאכט, ווען זי קומט פון די לעהרער און פון די מבינים, און אמאל זונטאג אין דער פריה, אזייגער צוועלף,

ווען זי שטעהט אויף און איילט זיך אויף אַן אַפּאָינטמענט ערגעץ מיט אַ „מבין" אויף געזאַנג.

איז ווען זשע זאָל זי זינגען אין דער היים?

איך קען דאָך ניט ערוואַרטען, אַז זי זאָל זינגען פאַר מיר דריי אַזייגער פאַרטאָג, ווען דאָס קינד שלאָפט און זונטאָג, בייטאָג, ווען זי וואָלט יע געקענט עפּעס זינגען, איז זי אַ צו׳כעס׳טע, למאַי איך האַלט ניט פון איהרע מבינים. ווי קען זי זינגען אַ כעס׳דיגע? איז פאַר מיר, אין דער היים, כעס׳ט זי, שרייט, שילט גאַנץ אָפּט, זינגען געהט זי אַוועק דאָרטען ערגעץ, פאַר די מבינים.

וויפיל מאָל ווילט זיך מיר געהן מיט איהר און הערען ווי זי זינגט, הערען וואָס זי האָט זיך אויסגעלערענט; אפשר האָט זי שוין גאָר פאַר־לאָרען איהר שטימע דאָרטען ביי איהרע מבינים — דאַרף איך אָבער זיין מיט׳ן קינד אין הויז.

איך ווייס ניט, איהר קענט מיך האַלטען פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם מענ־שען, פאַר איינעם פון דער אַלטער וועלט, אָבער מיר דוכט זיך, אַז די „מבינים" אויף זינגען, אָדער ווי מיין ווייב רופט זיי, די מבינים אויף קונסט, זיינען גרויסע שאַרלאַטאַנעס.

וואָס האָבען זיי געהאַט צו מיין ווייבעל? זיי האָבען איהר און מיר און דאָס קינד אומגליקליך געמאַכט.

זי, מיין ווייבעל, איז אַן איינפאַכע פרוי. ווען איך האָב זיך מיט איהר באַקענט, האָט זי געהאָפט, אַז זי וועט חתונה האָבען, האָבען אַ היים, אַ קינד, אַ מאַן און אַזוי ווי זי קען שעהן זינגען, וואָלט זי אָנגעפילט די היים מיט פרייד, מיט געזאַנג. זי וואָלט פאַרוויגען דאָס קינד מיט שעהנע לידער, און עס וואָלט אונז אַלעמען זיין גוט.

האָבען די „מבינים" אויפגעטאָן אַ ביזנעס, אַז די גרויסע וועלט וואַרט אויף איהר. שוין פינף יאָהר, אַז זי טרייבט זיך אַרום מיט די „מבינים" און זיי זוכען פאַר איהר אַלץ די גרויסע וועלט. און אַ נעכטיגער טאָג! די גרויסע וועלט באַהאַלט זיך פון איהר. איך ווייס, אַז זי האָט שוין פילע מענשען פון דער גרויסער וועלט פאַרנודיעט די יאָהרען. די גרויסע וועלט האָט אַ סך טירען, און אין אַלע טירען האָט שוין מיין ווייב אָנגעקלאַפּט; אין יעדער טיר האָט מען איהר אויף אַ ווײַלע אַריינגעלאָזען, און נאָכהער האָט מען איהר מעהר ניט געוואָלט זעהן.

מען לאָזט איר אַריין אויף אַ ווײַלע — ס׳קאָסט זיי דען טייער?

איהר דאַרפט פאַרשטעהן אַז חוץ דאָס זינגען איז זי אַ גאַנץ ביש׳קשה־דיג וויבעל; איז וואָס זשע לעגט מען צו אַז זי קומט אויף אַ ווילע?

מען נעמט איהר אויף; זי גיט אַ שמייכעל; מען גיט איר אַ שמייכעל, און שוין. די בילס צאָל איך דאַך, און מיט׳ן קינד ניאַנטשע איך זיך אין דער היים, איז וואָס זשע אַרט עס זיי?

איז וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיין היים איז אַ חורבן; אַן אומעט הערשט שטענדיג ביי מיר אין הויז, און זי יאָגט זיך אַרום מיט די מבינים, זינגט פאַר זיי, און זוכט אַ צוטריט צו דער גרויסער וועלט.

עס איז דער גרעסטער אומגליק צו האָבען אַ וויב מיט אַ שעהנער שטימע. זי פאַרגינט ניט אַז דער מאַן און דאָס קינד זאָלען איהר הערען זינגען.

איך וואַרט מיט אומגעדולד, אַז זי זאָל שוין ווערען אַביסעל עלטער, אפשר וועלען זיך די „מבינים" אָפּטשעפּען פון איהר, און זי וועט אַמאָל עפּעס זינגען פאַר מיר און פאַר׳ן קינד.

פופצעהן טויזענד דאלער אין „פּעידעס" האָב איך איהר שוין באַצאָהלט. און זייט מיר זיינען געווען חתן־כלה, האָט זי מיר ניט פאַרגונען אפילו איין „סאָנג".